הירשע-דוד קאַץ

תקני תקנות

פּראַגן פֿון ייִדישער סטיליסטיק

תקני תקנות

פֿראַגן פֿון יידישער סטיליסטיק

פֿון

הירשע־דוד קאַץ

אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס און

סט. אַנטאָני׳ס קאָלעדזש ביים אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט

געבויט אויף פּרינציפּן װאָס זיינען אויפֿגעשטעלט

געוואָרן דורך דעם מחברס פֿאָטער, דעם יידישן פּאָעט

מענקע קאַץ

ז״ל

תשנ״ג 1993

פאַרלאַג „אָקספאָרדער ייִדיש"

בשותפות מיטן

אָקספאָרדער צענטער פאַר העכערע העברעאישע שטודיעס

תשנ"ג אָקספאָרד 1993

קאָרעקטאָר:

מאיר באָגדאַנסקי

אינהאַלט

הקדמה 9

❖

וואָס איז אַזוינס סטיליסטיק?

לינגוויסטיק און סטיליסטיק 17

סטיליסטיק אין אַ תקופה פון לינגוויסטישע איבערקערענישן 19

דעסקריפּטיווע און נאָרמאַטיווע סטיליסטיק 21

❖

די יידישע סטיליסטיק

די גרויסע שרייבער האָבן געשאַפן דעם ליטעראַרישן יידיש 25

די סטיליסטן האָבן די נאָרמעס באַשריבן און קאַנאָניזירט 27

יידיש איז געוואָרן אַ סטיליסטיש איינגעסדרטע שפּראַך 30

דער פאַרמלחמהדיקער סאָוועטישער דראַנג נאָך שטענדיקער רעפאָרם 31

דער נאָכמלחמהדיקער ניו־יאָרקער דראַנג נאָך שטענדיקער רעפאָרם 36

די אויסבויאיסטישע שיטה: הנחות און אויספירן 37

די סטרוקטוראַליסטישע שיטה: הנחות און אויספירן 41

דער ניוואָ פון דער דיסקוסיע 44

❖

אַרויסרייד

צוויי מיינונגען 47

דער פּאַטריאָטיזם צום ליטעראַרישן אַרויסרייד 47

דער ליטעראַרישער אַרויסרייד 49

צום אורשפּרונג פונעם ליטעראַרישן אַרויסרייד 52

דערפאָלג פונעם ליטעראַרישן אַרויסרייד 56

דער צד שכנגד: די דרומיסטן 61

וואו האַלט מען איצטער? 64

❖

אָרטאָגראַפיע

גאונות פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע 71

דער וועג צו דער נייער אָרטאָגראַפיע 76

אויפקום פון דער נייער אָרטאָגראַפיע 86

ראַדיקאַלע עקספּערימענטן
אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן 93

די אָרטאָגראַפיע ביי טראַדיציאָנעלע פרומע יידן 116

סיסטעם און אונטערסיסטעם 121

❖

צום אויסלייג גופא

די כלל־תקנות פון יידישן אויסלייג 131

דיפערענצירונג ביי די פּאָרלעך בּ ~ בֿ; כּ ~ כֿ; פּ ~ פֿ; תּ ~ תֿ 132
דער מחיצה־אלף 139
צונויפהעפטן ביי סובסטאַנטיוון 140
אַדווערבן 146
די סופיקסן ־קייט און ־הייט 148
מ׳, מען, מע 149
די אָרדינאַלע נומערן 151
די ספּעציאַליזירטע דיפטאָנגען 152
קיצורים און ראשי תיבות 154
די גראַמאַטישע אַפּאָסטראָפן 155
סעמיטיזמען 156

❖

ווערטער

די היסטאָרישע קאָמפּאָנענטן 161
די סטיליסטישע קאָמפּאָנענטן 163
וואָס הייסט „דייטשמעריש״? 166
די ווערטער אין חרם 185
ס׳האָבן דאָס וואָרט די שרייבער 191
די פּערספּעקטיוו פון צייט 205
אין פּרדס פון ניי־דייטשישן קאָמפּאָנענט פון יידיש 219
פֿאָרשלאָגן אויף נייע ווערטער 229
השפעות פון דער לאַנדשפּראַך 239
נעמען 243

געאָגראַפישע נעמען 251

❖

מאָרפאָלאָגיע און זאַץ־בוי

גראַמאַטישער מין 255
גראַמאַטישער מין ביים פּראָנאָם 257
בייגונג 258
רבים 261
איינשטימונג אין דער צאָל 264
אַקטיווע און פּאַסיווע קאָנסטרוקציע 264
צונויפהעפטן 268
דער איבעריקער פּראָנאָם 269

❖

כלל־שפּראַך און דיאַלעקט אינעם יידיש שבכתב

דיאַלעקטישע ביינעוודיקייט פון דער ליטעראַרישער שפּראַך 271
די גרענעצן פון דיאַלעקטישער באַאַרבונג 274

❖

פּרינציפּן פון דער יידישער סטיליסטיק

דער סטיליסטישער מעמד פון יידיש 283
קריטעריעם ביים לייזן סטיליסטישע פּראָגן 283
דער אַרויסרייד 284
דער אויסלייג 284
די קאָמפּאָנענטן פון יידיש 286
פֿאָרשלאָגן אויף נייע ווערטער 287
כלל־שפּראַך און דיאַלעקט אינעם געשריבענעם יידיש 287
ווער זיינען אונדזערע סטיליסטן? 288
אָרנטלעכקייט 288
טאָלעראַנץ 289

❖

אויפרוף צו די בני דור 291

❖

ביבליאָגראַפיע 295
זוכצעטל 335

❖ ❖
❖

Amended Amendments

ISSUES IN YIDDISH STYLISTICS

Tikney Takones

FRAGN FUN YIDISHER STILISTIK

by

DOVID KATZ

Woolf Corob Fellow at the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies
and St Antony's College, University of Oxford

based upon principles established by the author's father,
the Yiddish poet

MENKE KATZ
(1906-1991)

OKSFORDER YIDISH PRESS
in cooperation with the
OXFORD CENTRE FOR POSTGRADUATE HEBREW STUDIES

This volume was published through the generosity of
David and Beth Tabatznik
in memory of Yiddish poet and novelist
Mendel Tabatznik
(1894-1975)

OKSFORDER YIDISH PRESS
P.O. Box 567
Oxford OX1 3LL
England

in cooperation with the

OXFORD CENTRE FOR POSTGRADUATE HEBREW STUDIES
45 St Giles
Oxford OX1 3LW
England

ISBN No. 1 897744 00 5

© 1993 Dovid Katz

All rights reserved. No part of this book may be reproduced or transmitted in any form or by any means, electronic or mechanical, including photocopying, recording, or by any information storage and retrieval system.

Contents

Introduction 9

❖

Defining stylistics

Linguistics and stylistics 17
Stylistics in periods of linguistic upheaval 19
Descriptive and normative stylistics 21

❖

Yiddish stylistics

Literary Yiddish as a creation of major authors 25
The stylists as recorders and canonizers 27
Evolution of Yiddish into a stylistically stable structure 30
Prewar Soviet passions for continual reform 31
Postwar New York passions for continual reform 36
The ausbauist school: assumptions and inferences 37
The structuralist school: assumptions and inferences 41
The standards of debate 44

❖

Pronunciation

The two approaches 47
Allegiance to standard pronunciation 47
Standard pronunciation 49
Origins of the standard 52

Successful implementation 56
Opposing views of the southernist school 61
Present state of affairs 64

❖

Orthography

Inherent genius of historical Yiddish orthography 71
Developments leading to the New Orthography 76
Establishment of the New Orthography 86
Radical experiments of the 1920s and 1930s 93
The orthography of traditional religious communities 116
System and subsystem 121

❖

Orthographic details

The Code of Yiddish Spelling 131
Differentiation of the plosive—spirant pairs 132
The boundary alef 139
Compound nouns 140
Adverbs 146
Suffixal *-hayt* and *-kayt* 148
M', me, men 149
Ordinal numerals 151
Specialized diphthongs 152
Abbreviations 154
Grammatical apostrophes 155
Semitisms 156

❖

Words

Historical components 161
Stylistic components 163
What is 'daytshmerish'? 166
The 'banned words' 185
Usage of leading authors 191
The perspective of time 205
Structural integration of the 'banned words' 219
Proposals for neologisms 229
Impact of coterritorial languages 239
Names 243
Place names 251

❖

Morphology and syntax

Gender of nouns 255
Gender of pronouns 257
Declination 258
Pluralization 261
Number agreement 264
Active and passive construction 264
Compounds 268
The superfluous pronoun 269

❖

Standard and dialect in the written language

Dialectal flexibility of the literary language 271
Limits of dialect colouring 274

❖

Principles of Yiddish stylistics

Stylistic status of the language	283
Criteria for resolving stylistic issues	283
Pronunciation	284
Orthography	284
Components	286
Proposals for new words	287
Standard and dialect in written usage	287
Who is a 'stylist'?	288
Forthrightness	288
Tolerance	289

❖

An agenda for younger generation authors	291

❖

Bibliography	295
Index	335

❖ ❖

❖

הקדמה

פראַגן פון יידישער סטיליסטיק האָב איך אין די זיבעציקער יאָרן דורכגעשמועסט מיט מיינע פריינט, די שרייבער וואָלף יוניך, י. א. ליסקי און איציק קאָזלאָווסקי; מיט מיינע לערער שלמה נאָבל און ח. ש. קאַזשדאַן. זיי זיינען שוין אַלע אויפן עולם האמת.

אין משך פון די אַכציקער יאָרן האָב איך אַ סך פון די־אָ ענינים אַדורכגערעדט מיט מיין קאָלעגע דוב־בער קערלער. אין צוגאָב צו די אוניווערסיטעטישע לימודים האָבן מיר זיבן יאָר צוזאַמענגעאַרבעט אַלס לערער אויף דער אינטענסיווער אָקספאָרדער זומער פראָגראַם, וואו סטיליסטישע פראַגן שטייען כסדר אויפן סדר היום.

שוין צוואַנציק יאָר וואָס איך גענים פון אַרומריידן סטיליסטישע ענינים מיט מיין חבר, קלמן קאָוול. סיי פאַר מיר סיי פאַר „דורות" ניו־יאָרקער און אָקספאָרדער סטודענטן האָבן זיינע מיינונגען, וואָס ווערן תמיד אויסגעדריקט מיט הומאָר און מיט גוטן מוט, געשפילט אַ וויכטיקע ראָלע. ס׳קען זיין אַז דאָס איצטיקע בוך איז געבאָרן געוואָרן זומער 1973 ווען מיר האָבןביידע אָנטיילגענומען אין אַן אַוואַנסירטן סעמינאַר פון יידיש אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט אין ניו־יאָרק. נאָך אַ לעקציע וועגן דער „סכנה פון דייטשמעריזמען", האָט קלמן אַ הייב געטאָן די האַנט און ביים לעקטאָר אַ פרעג געטאָן: „און נידערטרעכטיקער יונג מעג מען זאָגן?" דאָס וואָרט איז אַזוי געפעלן געוואָרן דעם קלאַס, אַז די בייזע פראָטעסטן פון לעקטאָר האָבן נאָר פאַרשטאַרקט דעם נייגער צום פרדס פון די „ווערטער אין חרם". דער אינצידענט איז געבליבן אין זכרון ווי אַ מין באַוואָרעניש קעגן אַבסאָלוטיזם אין דער יידישער סטיליסטיק.

❖

אַ האַרציקן דאַנק, פֿאַרן קומען צו הילף בײַם אױפֿזאַמלען די מאַטעריאַלן: דער ביבליאָטעק פֿון דער ייִוואָ, און בפֿרט: דינה אַבראַמאָוויטש און משה־זכריה בעקער; דעם נאַציאָנאַלן ייִדישן ביכער צענטער אין אַמהערסט, און בפֿרט: אהרן לאַנסקי, דזשעפֿרי אַראַנאָװסקי און ניל זאַגאָרין; דער באָדלעיאַנער ביבליאָטעק אין אָקספֿאָרד און דעם אָנפֿירער פֿון איר יודאַאיסטישער אָפּטײלונג, ריטשאַרד דזשאָד; דער בריטישער ביבליאָטעק אין לאָנדאָן און דעם ממונה איבער יודאַאיסטיק, ברוך־סיני הילל.

בײַם צוגרייטן דאָס בוך האָבן אויף פֿאַרשידענערליי אופֿנים צוגעהאָלפֿן: מאיר באָגדאַנסקי (לאָנדאָן); יאָהאַנעס בראָזי (אָקספֿאָרד); יוסף בר־אל (הוד השרון); איטשע גאָלדבערג (ניו־יאָרק); שמואל הײַלע (לאָנדאָן); גרשון װײַנער (ירושלים); הערמאַן זים (פֿירסטענפֿעלדברוק, דײַטשלאַנד); בלומע כ"ץ (סווינציאַן); אברהם ליס (תל אביב); גענאַדי עסטרײַך (אָקספֿאָרד); מאַקס פּערלאָװ ז"ל (ניו־יאָרק); קלמן קאַהאַן (ניו־יאָרק); רבקה קאַץ (ניו־יאָרק); מאַרי ראַיט (אָקספֿאָרד); זיסקע שאַפּיראָ (פּאָדבראָדזש); מאיר שוב (ווילנע).

דוב־בער קערלער האָט פֿרײַנטלעך איבערגעלייענט דעם מאַנוסקריפּט און געמאַכט וויכטיקע באַמערקונגען. ער האָט אויך צוגעשטעלט זעלטענע מאַטעריאַלן פֿון זײַן רײַכער ביבליאָטעק.

אַ גאָר באַזונדערן דאַנק בין איך שולדיק יצחק לודען, רעדאַקטאָר פֿון די תל־אביבער לעבנס־פֿראַגן און מחבר פֿונעם מייסטערישן פּערל פֿון גן־עדן. פֿרײַנט לודען האָט איבערגע־לייענט דעם גאַנצן כּתב־יד און פֿאָרגעשלאָגן וויכטיקע אויס־בעסערונגען, סײַ פּראַקטישע, סײַ פּרינציפּיעלע.

קלאָר פֿון זיך אַליין, נאָר בפֿירוש איז בעסער איידער ברמיזא, בפֿרט בײַ ענינים וואָס זײַנען נוטה למחלוקת: װעלכער ניט איז קרעדיט דאַרף געטיילט װערן מיט זיי אַלעמען, אָבער — קיין איינער פֿון זיי טראָגט ניט קיין אחריות, ניט פֿאַר דער שיטה, ניט פֿאַר די מיינונגען, און אַוודאי ניט פֿאַר שוואַכקייטן און טעותן.

❖

תמיד איז טרויעריק, אַז צוויי קלײַבן זיך אָנשרײַבן אַ בוך צוזאַמען, יאָרן לאַנג רעדט מען וועגן תוכן, מ'אַמפּערט זיך איבער פּרטים, דאָ גיט מען נאָך און דאָ שפּאַרט מען זיך אײַן, און אַז עס קומט צום סאַמע שרײַבן, דערלעבט ניט איינער. נאָך גרעסער איז מײַן טרויער. מײַן שותף איז געווען מײַן פֿרײַנט, מײַן טאַטע, דער ייִדישער פּאָעט מעינקע קאַץ. דער פּלאַן איז געווען מ'זאָל פֿאַרברענגען צוזאַמען אַ יאָר, בײַ מעינקע'ן אין זײַן וואַלד הויז, אין די בערג אַן ערך הונדערט מײַל פֿון ניו־יאָרק, אויף צו שרײַבן סײַ אונדזערע באַזונדערע זאַכן, סײַ געוויסע זאַכן אינאיינעם. אָט דאָס בוך האָט מען געוואָלט שרײַבן בשותפֿות: אַ בוך איבער ייִדישער סטיליסטיק. ווען איך האָב סוף כּל סוף באַקומען אַ יאָר פֿרײַ פֿון לערנען אין אָקספֿאָרד, אין 1991-1992, בין איך באַלד אָנגעקומען צו די עלטערן, ערב פּסח 1991. מײַן ערשטער פּראָיעקט איז דעמאָלט געווען אויסצוגעניקן דעם צווייטן באַנד אָקספֿאָרדער ייִדיש. אַ קאַרגן חודש, זיבן און צוואַנציק טעג, זײַנען מיר און אין צימער געזעסן, אָפֿטמאָל ביז צוויי אָדער דרײַ פֿאַרטאָג, מעינקע אַרבעטנדיק אויף נײַע ייִדישע לידער, איך אויף אָקספֿאָרדער ייִדיש. דעם 24טן אַפּריל 1991 איז מעינקע קאַץ פּלוצלונג געשטאָרבן, צוועלף טעג נאָך זײַן פֿינף און אַכציקסטן געבוירנטאָג, ניט זײַענדיק קראַנק קיין טאָג אין זײַן לעבן, אַרבעטנדיק איבער זײַן נײַנצנטן בוך, שרײַבנדיק נײַע

לידער ביז צו דער לעצטער רגע. די לעצטע אויסגעענדיקטע לידער זײַנען אַרײַן אין זײַנע מעינקעס סאָנעטן, וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1993.

אין אַ שותּפֿות וואָס ווערט מקוים, זעען דאָך די שותּפֿים פֿאַר די אויגן אַ מאַנוסקריפּט, דאַרף קיין רייד ניט גיין וועגן דעם, ווער עס טראָגט די אחריות פֿאַר וואָס, מחמת ביידע פֿאַר אַלין זײַנען פֿאַראַנטוואָרטלעך. איך נאַר זיך ניט, אַז אין איצטיקן פֿאַל קען מען אומעטום פֿעסטשטעלן וואו עס ענדיקט זיך מעינקעס און וואו עס הייבט זיך אָן הירשע־דוד. איינס איז אָבער זיכער: די שיטה איז אונדזער ביידנס, ווי זי איז בעל־פּה אויסגעאַרבעט און איבערגעאַקערט געוואָרן אין אונדזערע שמועסן און דעבאַטעס אין משך פֿון צוואַנציק יאָר. די מערסטע שמועסן האָט מען אָפּגעהאַלטן אין אַן אָטאָמאָביל, אַרומפֿאָרנדיק ביינאַכט איבער די וועגעלעך וואָס פֿירן דורך די וועלדער אַרום מעינקעס וואַלד הויז.

אינגאַנצן פֿאַרפֿאַלן געוואָרן זײַנען די פֿאָראויסגעזעענע קאַפּיטלעך מעינקעס איבער ייִדישער פּאָעטיק; איבער דער שפּראַכיקער גאונות פֿון די ניו־יאָרקער ייִדישע פּאָעטן אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן; איבערן ריטעם פֿון דער ייִדישער פּראָזע. חבל על דאבדין.

❖

די פֿילאָזאָפֿיע פֿון ייִדישער סטיליסטיק וואָס קומט אין בוך צום אויסדרוק גיבן מיר איבער אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלעך. די פֿילאָזאָפֿיע איבערן מהות פֿון בוך גופֿא, באַשטייט פֿון צוויי יסודות.

ערשטנס: די סטיליסטיק פֿון אַ שפּראַך טאָר ניט בלײַבן קיין רשות היחיד, ניט פֿון אַ מענטש, ניט פֿון אַ גרופּע, ניט פֿון אַן

אינסטיטוציע. ס'דאַרפֿן זײַן פֿרײַע דיסקוסיעס. ס'דאַרפֿן אַרײַס אַרטיקלען און ביכער וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר ניט איין מיינונג, נאָר פֿאַרשידענע מיינונגען. קריטיק און חילוקי דעות דאַרף מען אויסדריקן און בשעת מעשה ניט פֿאַרלירן צום בר פּלוגתּא דעם דרך ארץ. ייִדיש געהערט דאָך ניט קיין איינעם פֿון אונדז, זי געהערט אונדז אַלעמען, מיר געהערן איר. דאָס איז דער זין פֿונעם נאָמען תקני תקנות. דער עצם באַגריף, אַז די ייִדישע סטיליסטיק האָט שוין אירע פֿעסטע, פֿון משה רבינו אַראָפּגעטראָגענע „תקנות" און געגעבענע אמתן וואָס מ'טאָר ניט דיסקוטירן, שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ יסודותדיקן טעות, אַ טעות וואָס נייטיקט זיך אין אַ תיקון טעות.

והשנית, סטיליסטיק דאַרף זײַן אַ שותּפֿות צווישן שרײַבער, לערער און פֿאָרשער. דערפֿאַר האָט זיך אונדז געדאַכט אַז אַ שותּפֿות צווישן אַ ייִדישן פּאָעט מיט אַ ייִדישן לינגוויסט, ביידע לאַנגיאָריקע לערער פֿון ייִדיש, זאָל זײַן טאַטע און זון, קען מיט זיך פֿאָרשטעלן אַ מוסטער פֿון אָט אַזאַ מין צוזאַמענאַרבעט, צי מ'איז מסכּים צי ניט מסכּים מיט דער פֿאָרגעשלאָגענער שיטה. פּאָעטן זײַנען די קעניגן פֿון דער שפּראַך, לינגוויסטן — אירע באַשרײַבער.

לינגוויסטן האָבן ניט קיין רעכט צו פּרעטענדירן אויף סטיליסטיק אָן דער שותּפֿות פֿון שרײַבער. די־אָ ווערטער פֿון יעקבֿ שטערנבערג, געשריבן וועגן אַ ספּעציפֿישן פֿאַל, קענען אויך דינען פֿאַר אַ פּרינציפּיעלער באַוואָרעניש:

> אין דער דאָזיקער פֿראַגע דאַרף האָבן אַ וואָרט ניט בלויז דער לינגוויסט, נאָר אויך דער שרײַבער, ניט ווייל מיר, שרײַבער, שאַצן ניט, טרויען ניט, חלילה, אײַך, לינגוויסטן, און אײַער ביז גאָר וויכטיקן געביט פֿון שפּראַך פֿאָרשונג, נאָר ווייל ווען עס גייט אַ רייד **שפּראַך** און **ליטעראַטור**, פּאַסירט אָפֿט אַז איר.

לינגוויסטן, רעדט וועגן ו ו ע ר ט ע ר, און מיר, שרײַבער, וועגן שפּראַך, אָדער נאָך ריכטיקער: איר רעדט וועגן ש פּ ר אַ ך, און מיר — וועגן ס ט י ל [...].

(שטערנבערג 1987: 268)

❖

בשעת ס׳ווערן אין אָטאָ דעם בוך געבראַכט מאַטעריאַלן פֿון סאָוועטישן ייִדיש פֿון דער תּקופֿה צווישן די בײדע וועלט מלחמות, דער עיקר דאָרטן וואו זיי האָבן אַ שײכות מיט פּראַגן פֿון ייִדיש בכלל, ווערן כּמעט אינגאַנצן אויסגעלאָזן די הײנטיקע פּראָבלעמען פֿון ייִדישער סטיליסטיק אין די מזרח־אײראָפּעאישע לענדער. דאָס איז בעצם אַ בוך איבער סטיליסטישע פּראַגן אין די מערבֿדיקע לענדער, כאָטש פֿאַרשטײט זיך, אַז ניט ווײניק ענינים זײַנען נוגע אויך דעם באַנוץ אין מזרח אײראָפּע. צו אָפֿט איז מען באַגאַנגען אַ טעות דערמיט וואָס מ׳האָט געהאַלטן דעם סאָוועטישן ייִדיש פֿאַר אַ שטיפֿקינד וואָס דאַרף קומען לערנען „בײ אונדז”. ס׳פֿרײט אונדז געוואָר ווערן אַז אונדזער פֿרײַנט און קאָלעגע, דער ייִדישער פּראָזאַאיקער און געלערנטער גענאַדי עסטרײך, האָט גענומען באַאַרבעטן דעם סאָוועטישן ייִדיש אין זײַן אָקספֿאָרדער דאָקטאָר דיסערטאַציע.

❖

און לסוף אַ וואָרט וועגן דער גרונט־הנחה פֿון אַזאַ מין אַרבעט. אַ בוך איבער ייִדישער סטיליטסיק שטעלט מיט זיך פֿאָר ניט קײן „גלויבן” וואָס שײך דער צוקונפֿט פֿון ייִדיש, נאָר אַ: ז י כ ע ר ק י י ט.

ה.־ד. ק.

וואָס איז אַזוינס סטיליסטיק?

לינגוויסטיק און סטיליסטיק

לינגוויסטיק איז אַ וויסנשאַפט, סטיליסטיק — אַ קונסט.

די לינגוויסטיק סטאַרעט זיך זיין אָביעקטיוו, אויסזוכן דעם „אמת", צי עס גייט אין דער היינטיקער שפּראַך, צי אין דער שפּראַך פון אַמאָל; צי אין ברייטע ליניעס, צי אין פּרטי פּרטים. היינט ווייס מען אָבער אַז אין אַלץ איז דאָ סוביעקטיווקייט, אַפילו אין דער כלומרשט פאַרוועגנער פראַגע: „וואָס וועל איך איצטער גיין אויספאָרשן?" (זע פעלץ 1990).

סטיליסטיק איז אָבער אָפּענערהייט סוביעקטיוו, זי אָפּערירט מיט השגות פון גוט און שלעכט, שיין און מיאוס, בכבודיק און ניט בכבודיק, ריכטיק און פאַלש — עס פּאַסט אָדער עס פּאַסט ניט. סטיליסטיק קומט פאָרשלאָגן, איבערצייגן, אַריינפירן שינויים אין דעם ווי אַזוי מענטשן ריידן און שרייבן, אין דעם ווי אַזוי זיי באַטראַכטן זייער שפּראַך. די סטיליסטיק קען אויך פּרובירן איבערצייגן מענטשן נ י ט אַריינצופירן אַזעלכע און אַזעלכע פאָר־געשלאָגענע שינויים. אַזוי צי אַזוי וויל מען א י ב ע ר צ י י ג ן. דער סטיליסט איז אָבער חלילה קיין שאַרלאַטאַן ניט, ער ווענדט אויך אָן אַ קאָנסעקווענטן מעטאָד, מערניט זיין רוזוואַרג איז אַ קולטורעל באַשטימטער. אַז ער קומט מיט

עצות, זאָגט ער באַלד אױף אַן אָרט, אַז דאָס זײַנען ע צ ו ת, ער פּרעטענדירט ניט אױפֿן א מ ת.

די סטיליסטיק נעמט אָן פֿאַר אַ יסוד אַז די פּרינצן פֿון סטיל זײַנען די גרױסע שרײַבער, מחמת ס'איז ניט שײַך אָפּצוטײלן דעם שרײַבער פֿון זײַן שפּראַך. די מאָס איז די עסטעטיק, ניט דער פֿאַקט. פֿאַרװאָס איז שאַגאַל אַ גרױסער קינסטלער בשעת אַזאַ און אַזאַ אַמאַטאָר איז גלאַט אַ פּאַרב גיסער? צוליב באַגריפֿן פֿון עסטעטיק װאָס עקזיסטירן אין אַ געזעלשאַפֿט, באַגריפֿן װאָס מומחים באַמיִען זיך זײ צו באַשרײַבן (זע װעגן דעם לודען 1988: 11-37). דאָס זײַנען באַגריפֿן װאָס מ'קען אָבער ניט „באַװײַזן מיט ראיות" אַז זײ זײַנען אמת. ניט אַלץ װאָס איז ניט „באַװיזן אַז ס'איז אמת" איז פֿאַלש. מ'דאַרף נאָר האַלטן פֿאַרן אױג, אַז דאָ האַנדלט זיך אין די סוביעקטיװע מאָסן פֿון „קולטור", ניט די ר ע ל אַ ט י װ ו אָביעקטיװע מאָסן פֿון „װיסנשאַפֿט".

דער סטיליסט שטודירט װי איז דער דין בײַ שרײַבער, לערער, געלערנטע און אַנדערע „קענער" און פּרובירט אױסזוכן אַ דעת הכּלל דאָרטן װוּ ס'איז דאָ צום געפֿינען. ס'קומט אױס אין אַ סך געזעלשאַפֿטן, אַז די סטיליסטן פֿאַרנעמען זיך על פּי פּאַך מיט אײנעם פֿון די באַרופֿן װאָס האָבן אַ שײַכות מיט דער שפּראַך: מחברים פֿון לערנביכער און װערטערביכער, לערער, רעדאַקטאָרן און אַמאָל אױך — לינגװיסטן. יאָ, מ'קען זײַן סײַ אַ לינגװיסט סײַ אַ סטיליסט. בײַ אַזאַ צונױפֿפּאָרונג פֿון צװײ שליחותן בײַ אײן מענטש שטעקט אָבער אַ האַרבע סכּנה: דהײנו, אַז „דער לינגװיסטישער צד" איז עלול קאַליע צו װערן, צו פֿאַרלירן דעם קריטישן חוש און נעמען דערלאַנגען „דעם סטיליסטישן צד" נאָר און בלױז דאָס װאָס „יענער" װיל הערן. נאָך

ערגער, ער קען אײַנרײדן זיך און אַנדערע, אַז זײַנע מסקנות שטיצן זיך אױף „לינגװיסטיק", ס'הײסט אױפֿן הדיוטס קדשי קדשים: „װיסנשאַפֿט". טאָ לאָמיר מגלה זײַן דאָ בײַם אָנהײב, אַז אין אָטאָ דעם בוך איז ניטאָ קײן װיסנשאַפֿט, װײַל סטיליסטיק האָט ניט צו טאָן מיט װיסנשאַפֿט. אונדזערע אַרגומענטן און מסקנות מעגן אױסנעמען אָדער ניט אױסנעמען. אין די בײדע פֿאַלן איז עס אָבער ניט צוליב „װיסנשאַפֿטלעכקײט".

סטיליסטיק אין אַ תּקופֿה פֿון לינגװיסטישע איבערקערענישן

בעת גרױסע פּלוצימדיקע איבערקערענישן אין דער געשיכטע פֿון שפּראַכן, פֿאַלט אױף די סטיליסטן אַ סך אַ גרעסערער עול אײדער אין שטילע, אײַנגעסדרטע תּקופֿות. דער אָפּטסטער בײַשפּיל איז זיכער דער פֿאַל פֿון שפּראַכן, װאָס זײַנען לכתּחילה פֿאַררעכנט געװאָרן פֿאַר „פֿאָלקס־שפּראַכן" און זײַנען אין אַ מזלדיקער שעה געװאָרן מלוכהשע שפּראַכן, אָדער שפּראַכן פֿון גרופּעס װאָס באַמיִען זיך אױפֿצובױען די ציגל פֿון דעם װאָס איז דאָ בײַ מלוכהשע שפּראַכן — אַן אַלגעמײן אָנערקענטע ליטעראַטור (אַ „קאַנאָן"), סטאַנדאַרדיזירטע געשריבענע שפּראַכן, סטאַנדאַרדיזירטע אַרױסרײדן, סיסטעמען קינדער שולן און נאָך; אָט די „סטאַנדאַרדן" זײַנען געװאָרן דער באַגער פֿון פֿעלקער װאָס האָבן זײער שפּראַך געװאָלט „שטעלן אױף די פֿיס". סטיליסטן האַלטן — װער מער, װער װײניקער —

פֿון מאָסן אויסגעהאַלטנקייט אינעם שפּראַך באַנוץ, בפֿרט אין ליטעראַריש. זיי באַקעמפֿן אַ תּהו ובֿהו און פּרוּווירן פֿעסטשטעלן וואו וואַריאַציעס גיבן צו כּח, בילדערישקייט, אויסדריקלעכקייט, פּינקטלעכקייט, און וואו זיי ברענגען נאָר מישמאַש און כאַאָס.

בימי האיבערקערעניש, דעמאָלט שטייען אויף פֿון זייערע האַלבֿ־איינגעשלעפֿערטע לעבנס די סטיליסטן און שפּילן אַ היסטאָרישע ראָלע: זיי ווערן ציגורות צווישן די גרויסע שרייבער (ד.ה. די שרייבער וואָס ווערן געהאַלטן פֿאַר גרויסע שרייבער) און דעם ציבור. באַוואוסטזיניק און מעטאָדיש אַבסטראַהירן זיי דאָס וואָס דער שרייבער טוט אויף מיט גאָט געבענטשטן טאַלאַנט, שטעלן עס איין אין לערנביכער, ווערטערביכער און גראַמאַטיקעס בכתבֿ, און אין לעקציעס און קורסן בעל־פּה. דער פּועל יוצא: די אונטערוואַקסנדיקע דורות האָבן פֿאַר זיך שוין אַ פּאַרטיקן יש, „אַ סאָציאַלן פֿאַקט", אַ דבֿר שבא לעולם, וואָס באַקומט זיך פֿאַר שפּעטערדיקע דורות אַזוי „נאַטירלעך" ווי די זון, די לבֿנה און די שטערן.

ווערן די סטאַנדאַרדן פֿאַקטן, האָבן די סטיליסטן ווייניק וואָס צו טאָן, קערט זיך איטלעכער אום צו זיין פֿאַך — דער לערער צו לערעריי, דער לעקסיקאָגראַף צו זיינע ווערטערביכער, דער לינגוויסט צו זיינע פֿאָרשונגען. דער „פּראָפֿעסיאָנעלער סטיליסט" איז דעמאָלט אויס בעל השפּעה: מ'דאַרף שוין ניט קיין „פּראָפֿעסיאָנעלע" סטיליסטן. נייטיקט מען זיך אין נייער טערמינאָלאָגיע אויף אַ געוויסן געביט, קומען די טערמינען פֿון די מומחים אויף יענעם געביט. נייע שרייבער אין יעדן דור און נייע בעלי השפּעה אויף אַלערלייאיקע געביטן פֿירן אַריין ווייטערדיקע שינויים.

די סטאַנדאַרדע שפּראַך נעמט זיך בייטן בהדרגהדיק — כּמעט אומבאַמערקט ביי יעדן דור גופֿא — ווי אַ טייל פֿונעם נאַטירלעכן בייט וואָס קומט פֿאָר כּסדר ביי אַלע לעבעדיקע לשונות. די שרייבערישע השפּעה גייט שוין במילא אַריין אינעם פּראָצעס. אַחוץ אין רואיקע צייטן זיינען פֿאַראַן אַמאָל יחידים און קליינע רעפֿאָרמאַטאָרישע באַוועגונגען וואָס אַשטייגער די גרופּעס וואָס ווילן דעם ענגלישן אויסלייג היינט רעפֿאָרמירן. געווענדט אין זייער אַרבעט און זייער צוגאַנג, ווערן זיי אויפֿגענומען ווי גוטמוטיקע עקסצענטריקער אָדער גאָר ווי שפּראַך פֿאַנאַטיקער.

דעסקריפּטיווע און נאָרמאַטיווע סטיליסטיק

די סטיליסטיק — פּונקט ווי די לינגוויסטיק — קען מען איינטיילן אויף דעסקריפּטיווער און נאָרמאַטיווער סטיליסטיק. די דעסקריפּטיווע סטיליסטיק פֿאַלט צונויף אין אַ סך פּרטים מיט דער סאָציאָלינגוויסטיק. אַ דעסקריפּטיווער סטיליסט קען פּרוּווירן דערגיין וואָסערע פֿאָרמען אַשטייגער זיינען באַליבט ביי פֿאַרשידענע מיני שרייבער אין אַזאַ און אַזאַ תּקופֿה צי אין זיין אייגענער צייט. ער פֿאָרשט עפּעס אויס אויף צו דערגיין די זאַך, אויף צו באַנעמען די שייכותן צווישן שפּראַך און געזעלשאַפֿט. אים אינטערעסירט אויסגעפֿינען זאַכן, ווי ס'איז דער שטייגער ביי געלערנטע.

די נאָרמאַטיווע סטיליסטיק, וואָס קומט אויף בדרך כּלל בעת לינגוויסטישע איבערקערענישן, איז באַוואוסטזיניק

אויסן צו בייטן די שפּראַך. זי פּרוּבירט איבערצייגן מענטשן זיי זאָלן בייטן זייערע רגילותן, צי ביים ריידן צי ביים שרייבן צי ביי די ביידע זאַכן. אויך דאָ קענען צוניין קומען אָביעקטיווע פֿאַקטן צו דער סוביעקטיווער אַרבעט: למשל, ביי אַזאַ און אַזאַ וואַקלעניש, וועלכע פֿון די קאָנקורירנדיקע פֿאָרמען איז מער בהסכּם מיט אַלגעמיינע פּראָצעסן וואָס קומען פֿאָר סיי ווי סיי אינעם שפּראַך באַנוץ? וועלכע טרעפֿט מען ביים רובֿ? וועלכע טרעפֿט מען אַמערסטנס ביי די גיגאַנטן פֿון דער ליטעראַטור?

דער נאָרמאַטיווער סטיליסט ווערט אַליין אַ טייל פֿון דער סאָציאָלאָגיע פֿון דער שפּראַך און זיין מזל קען זיין גאָר פֿאַרשידן. יעדער סטיליסט גיט זיך במילא אָפּ מיט שטודירן דאָס וואָס אַנדערע סטיליסטן שרייבן, הייסט דאָס אַז ס׳וואַקסט אויס אַ פֿאַך ליטעראַטור און ברוך השם, ס׳איז שוין דאָ אויף גאָטס וועלט נאָך אַ געביט אויף וועלכן מ׳גריבלט זיך.

די יידישע סטיליסטיק

די גרויסע שרייבער האָבן געשאַפֿן דעם ליטעראַרישן יידיש

אונדזער מאָדערנער יידיש איז אַ גראַנדיעזער ביישפּיל פֿון אַ קאָלעקטיוון ווילן וואָס פּירט אין אַ קורצער צייט צום אויפֿבוי פֿון אַ סטאַנדאַרדער שפּראַך וואָס איז פֿעאיק צו די העכסטע מענטשלעכע שאַפֿונגען. דאָ גייען צום אַלעמ־ערשטן אַריין די שרייבערישע תּחומען: פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע; זשורנאַליסטיק, עסייאיסטיק, די סאָציאַלע וויסנ־שאַפֿטן (און בפֿרט: לינגוויסטיק, פֿאָלקלאָר, ליטעראַטור פֿאָרשונג). אַחוץ דעם איז יידיש אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געוואָרן די שפּראַך פֿון שול סיסטעמען, פֿון קינדערגאָרטן אַזש ביז די העכסטע אוניווערסיטעטישע קורסן, און פֿון פּאָליטישע באַוועגונגען און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר די פֿאַרשידנ־אַרטיקסטע איבערצייגונגען. און דאָס אַלץ אין צוגאָב פֿאַרשטייט זיך צו אַלצדינג וואָס גייט אַריין אין תּחום פֿון טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן, די ציוויליזאַציע פֿון וואַנעט ס'שטאַמט יידיש און וואו יידיש שפּרודלט שוין טויזנט יאָר.

די הויפּט־ראָלע אינעם אויפֿקום פֿון אַ ליטעראַרישן יידיש וואָס זאָל זיין מסוגל צו ווערן אַ וועלט שפּראַך, האָבן געשפּילט די גרויסע שרייבער פֿון סוף ניינצנטן און אָנהייב

צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, גענומען אינאיינעם. די גראַמאַטישע נאָרמעס וואָס זיי האָבן אַוועקגעשטעלט, און די פּרינציפּן פֿון לעקסישן אָפּקלייב וואָס זיי האָבן אָנגעווענדט, האָט מען שוין אָנגענומען. ס׳איז ניט קיין „צופֿאַל" וואָס מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ זיינען אַלע געגאַנגען אויף איין וועג, דיק און שמ"ר אויף אַן אַנדערן. ווער עס וועט עמעצער קומען טענהן: וואָס וואָלטסטו זאָגן ווען שמ"ר שעפּט דער עיקר פֿון פֿאָלקס־ייִדיש און מענדעלע דער עיקר פֿון דייטש — איז עס די מעשה מיט דער באָבעס רעדלעך, מיט וועלכע זי וואָלט געווען אַ טראַמוויי. געדענקען דאַרף מען אַז ס׳איז אַלץ פֿאַרהעלטענישמעסיק. האָט דאָך מענדעלע אָנגענומען דאָס וואָרט שפּראַך. שלום עליכם האָט געשריבן וועגן ליטעראַטור. פּרץ האָט גענוצט פֿאָלקסטימלעך. אויך אַ מאַסע אַנדערע ווערטער פֿונעם מאָדערנעם דייטש האָבן אונדזערע קלאַסיקער אָנגענומען. איז וואָס איז, זיי מעגן און שמ"ר און דיק ניט? אַ ראיה איז עס אַז גרויסע שרייבער צוזאַמען גענומען — אין אַ תקופֿה ווען אַ פֿאָלקס־שפּראַך ווערט מגולגל אין אַ „מאָדערנער שפּראַך" — שאַפֿן שוין בדיעבד די יסודות פֿון אַן אַלגעמיינעם סטיל, אַ דעת הכּלל, וואָס קיין שום יחיד האָט ניט קיין שליטה דעריבער, אַפֿילו ניט קיין איינציקער יחיד צווישן די ליטעראַרישע גיגאַנטן גופֿא. דאָ גייט ניט אין לאָגיק, ניט אין וויסנשאַפֿט: שפּראַך, ליטעראַטור, פֿאָלקסטימלעך שטאַמען פֿונעם מאָדערנעם דייטש, ניט פֿון אַלט ייִדיש, פּונקט ווי עס שטאַמען פֿון מאָדערנעם דייטש דיזער, געסטערן, מונד. די געשיכטע פֿון אונדזער ליטעראַרישער שפּראַך איז אַ געשיכטע וואָס די הויפּט מאָטיווירער אירע זיינען די גרויסע שרייבער, וואָס אַליין האָבן זיי געשעפּט פֿון פֿאָלקס־מויל. לאָמיר האַלטן

פֿאַרן אויג דעם באַדייט פֿון „געשיכטע": זי בויט זיך ניט אויף לאָגיק, נאָר וואָדען: אויף דעם וואָס איז *געווען*. שוין אין די צוואַנציקער יאָרן האָט מאַקס ווײַנרייך אויפֿגעוויזן וואָסער מעכטיקע ראָלע עס האָבן געשפּילט מענדעלעס סטיליסטישע איבעראַרבעטונגען פֿון די אייגענע ווערק, ביים קאַנאָניזירן אונדזער ליטעראַרישע שפּראַך לדורות (זע מ. ווײַנרייך 1928: 330‏-351).

די סטיליסטן האָבן די נאָרמעס באַשריבן און קאַנאָניזירט

דער צווייטער שותּף איז געווען די סטיליסטיק גופֿא. דער גרינדער פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע, בער באָראָכאָוו, האָט אין זיין גאונותדיקער עסיי „די אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע", טאַקע דעפֿינירט דאָס וואָרט פֿילאָלאָגיע אויף צו באַצייכענען „נאַציאָנאַלע לינגוויסטיק", ד.ה. לינגוויסטיק פּלוס סטיליסטיק. זיינע אייביקע ווערטער:

> לינגוויסטיק איז אַן אַלגעמיינע וויסנשאַפֿט, פֿילאָלאָגיע אַ נאַציאָנאַלע. לינגוויסטיק קאָן זיך באַשעפֿטיקן אויך מיט לחלוטין טויטע אָדער להלוטין ווילדע שפּראַכן; די פֿילאָלאָגיע זעצט אָבער פֿאָראויס, אַז [אַ] שפּראַך, מיט וועלכער זי גיט זיך אָפּ, *פֿאַרמאָגט אַ קולטור־היסטאָרישן ווערט* לפּחות פֿאַר דעם עבֿר. געווינטלעך אָבער גייט די פֿילאָלאָגיע נאָך ווייטער און שטיצט זיך אויף דער איבערצייגונג, אַז איר שפּראַך האָט אַ נאַציאָנאַלן ווערט אויך אין דער צוקונפֿט. ווער ס׳גלייבט ניט

> אינעם קיום פֿון דער ייִדישער שפּראַך, קאָן אפֿשר נאָך זײַן אַ ייִדישער לינגוויסט, אָבער ניט קיין ייִדישער פֿילאָלאָג.
>
> (באָראָכאָוו 1913א: 2)

אין זײַנע „אויפֿגאַבן" האָט באָראָכאָוו אויך פּראָקלאַמירט אַז:

> די ערשטע זאַך פֿאַר יעדן אויפֿוואַכנדיקן פֿאָלק איז: ווערן אַ האַר איבער זײַן אייגענער שפּראַך, כּדי וואָס בעסער, וואָס ברייטער, וואָס פּראָדוקטיווער זי אויסצונוצן אינעם נאַציאָנאַלן שאַפֿן. כּל זמן דער פֿאָלק בלײַבט „אַנאַלפֿאַבעטיש" אין זײַן אייגענער שפּראַך, קאָן מען נאָך ניט רעדן וועגן אַ נאַציאָנאַלער קולטור. נאַציאָנאַלע קולטור באַשטייט ניט נאָר אין פּאָעטישע ווערק פֿון גרויסע דיכטער, נאָר קודם כּל אין דער פֿעאיקייט ריכטיק צו רעדן, ריכטיק צו שרײַבן אין דער מוטערשפּראַך.
>
> (באָראָכאָוו 1913א: 1)

באָראָכאָווס צוויי יסודותדיקע ווערק, וואָס זײַנען בײַדע דערשינען אין ש. ניגערס ווילנער פּנקס (ניגער 1913 אין אונדזער ביבליאָגראַפֿיע) — זײַנע „אויפֿגאַבן" (באָראָכאָוו 1913א) און „די ביבליאָטעק פֿונעם ייִדישן פֿילאָלאָג" (באָראָכאָוו 1913ב) — שטעלן מיט זיך פֿאָר דאָס געבוירן ווערן פֿון דער מאָדערנער ייִדישער סטיליסטיק (אויך די נײַע ייִדישע לינגוויסטיק) ווי אַ געביט ממש, להיפּוך צו די צעוואָרפֿענע אַרטיקלען איבער דעם אָדער יענעם פּרט וואָס זײַנען פֿריִער דערשינען. די װיכטיקסטע פֿאָרגייער זײַנען געווען מתתיהו מיזעס, וועמענס רעפֿעראַט אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ (מיזעס 1908) האָט געמאַכט אַ רושם, און נח פּרילוצקי, וועלכער האָט אײַנגעזען, אין דער

בער באָראָכאָוו
(1917—1881)

דעמאָלטיקער סיטואַציע, אַז: „רעגולירן דאַרף מען דאָס לעבן פֿון יידיש" (פּרילוצקי 1909: 63). נאָך באָראָכאָוון האָבן זיך גענומען צו יידישער סטיליסטיק אַ ריי גרויסע געלערנטע, בתוכם: שלמה בירנבוים, מאַקס ווײַנרײַך, יודל מאַרק, נח פּרילוצקי, זלמן רייזען און נחום שטיף. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט שוין אַלכּסנדר האַרקאַווי געקענט שרייבן אַ ווערטערבוך ניט פֿון אַן איינאיינציקן יידישן דיאַלעקט, ווי עס האָט אַזוי מייסטערהאַפֿט געטאָן ליפשיץ אין נײַנצנטן יאָרהונדערט איבערן אוקראַינישן יידיש, נאָר אַ ווערטערבוך פֿון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור שפּראַך (זע האַרקאַווי 1928; ליפשיץ 1869, 1876).

יידיש איז געוואָרן אַ סטיליסטיש איינגעסדרטע שפּראַך

אַז מ׳לייענט די יידישע ליטעראַטור פֿון צווישן די ביידע וועלט מלחמות (אויף ביידע זײַטן ים), אַז מ׳לייענט די צײַטונגען, זשורנאַלן, וויסנשאַפֿטלעכע ווערק, און אַז מ׳טוט אַ קוק אויף דער שפּראַך פֿון יידישע שול סיסטעמען סײַ אין מזרח אייראָפּע סײַ איבער דער וועלט, ווערט קלאָר איין זאַך: יידיש איז שוין דעמאָלט אַרויס פֿון דער גרופּע „שפּראַכן וואָס מאַכן דורך אַן איבערקערעניש" און אַרײַן — סטיליסטיש גערעדט — אין דער בחינה פֿון „איינגעסדרטע שפּראַכן", מיט אַ מאָס וואַריאַציע וואָס איז נאָכאַלעמען אַ נאָרמאַלער (און פּערמאַנענטער) פּועל יוצא פֿון דער פֿאַרשפּרייטקייט פֿון יידיש איבער אַזויפֿל לענדער און אַזויפֿל

פֿאַרשידנאַרטיקע גרופּעס. דאָס פֿעלן (אויסערן ראַטנפֿאַרבאַנד) פֿון מלוכהשע אינסטיטוציעס, וואָס צווינגען אַרויף אַ סטאַנדאַרדע שפּראַך, האָט גאָרניט געשאַט צום ענין. אַ סברא אַז מלוכהשן צוואַנג שאַצט מען גאָר איבער אין דער סאָציאָלינגוויסטיק. מלוכהשער צוואַנג איז אַוודאי אויסערגעוויינלעך וויכטיק בײַ דער פֿראַגע צי מ׳זאָל ניצן די אָדער יענע שפּראַך. אַז מ׳נוצט שוין אָבער אַ געוויסע שפּראַך, גייט דאָך די מאַכט אויך נאָך די שרייבער, די סטיליסטן, די רגילותן פֿון אָט דער שפּראַך וואָס מ׳האָט אָנגענומען.

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה איז שוין געווען, הייסט עס, אַ דעת הכּלל, סײַ אין פּוילן און ליטע און די אַנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער אויסערן ראַטנפֿאַרבאַנד, סײַ אין אַמעריקע און די אַנדערע אימיגראַציע צענטערס, אַז יידיש כּמות שהיא איז אַ וואונדערלעכע כּלי פּעאיק צו גרויסע אייביקע שאַפֿונגען.

דער פֿאַרמלחמהדיקער סאָוועטישער דראַנג נאָך שטענדיקער רעפֿאָרם

אַנדערש איז אָבער געווען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד וואו מ׳האָט געהאַלטן אַז די שפּראַך איז להלוטין ניט אין אָרדענונג, אַז מ׳דאַרף זי רעפֿאָרמירן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס עס זאָל פֿון איר ווערן אַ לייט: אָרטאָגראַפֿיש, לעקסיש, סינטאַקטיש. די סאָוועטישע יידישע לינגוויסטן האָבן פֿאַרשטאַנען אי דעם פּאָטענציעלן אידעאָלאָגישן אינהאַלט

פֿון דער סטיליסטיק, אי איר סאָציאָלאָגישע ראָס (זע למשל גיטליץ 1934; די אַרבעטן וואָס גייען אַריין אין אַגורסקי און אָשעראָוויטש 1934). ביי זאַרעצקין האָט נאָרמאַטיווע סטיליסטיק געהייסן „לינגוואָטעכניק”:

> צו דער שפּראַך קען מען צוגיין אָביעקטיוו און נאָרמאַטיוו. אָביעקטיוו — באַשרייבן און דערקלערן די פֿאַקטן פֿון דער שפּראַך, ניט שאַצנדיק זיי. נאָרמאַטיוו — אונטערשיידן „גוט” און „שלעכט”, „ריכטיק” און „ניט⸗ריכטיק”. און אַז מיר ווילן ניט נאָר שאַצן, נאָר אויך ווירקן, ענדערן די שפּראַך — איז עס אַ לינגוואָטעכנישער צוגאַנג.
>
> (זאַרעצקי 1927: 9-11).

צו דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער סטיליסטיק איז זאַרעצקיס ווערק וויכטיק סיי היסטאָריש סיי טעאָרעטיש. היסטאָריש שטעלט עס מיט זיך פֿאָר, אינאיינעם גענומען מיט אַ ריי אַנדערע סאָוועטיש⸗ייִדישע ווערק פֿון יענער עפּאָכע, דעם צוגאַנג, אַז די שפּראַך דאַרף מען בייטן. טעאָרעטיש איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק זאַרעצקיס אָרנטלעכקייט: ער קומט ניט פֿאַרשטעלן זיין „לינגוואָטעכניק” פֿאַר אָביעקטיווער וויסנשאַפֿט. ער ווייזט אָן באַלד ביים אָנהייב אין וואָס דאָ גייט די רייד.

אָט ווי ס'האָט דאָס אויסגעדריקט שטיף אין זיין סאָוועטישער תקופֿה:

> די שפּראַך פֿירט אויס זייער אַ וויכטיקע סאָציאַלע פֿונקציע, — זי איז אַ מיטל, אַ געצייג פֿון פֿאַרקער אין דער געזעלשאַפֿט. די אַנטוויקלונג פֿון דער שפּראַך איז אַ סאָציאַלער פּראָצעס, וואָס איז געווענדט אָן דער אַנטוויקלונג פֿון די געזעלשאַפֿטלעך⸗ווירטשאַפֿטלעכע באַציאונגען, און, אַזוי ווי אַלע אַזוינע פּראָצעסן, קען מען און מע דאַרף דאָס געזעלשאַפֿטלעך באַווירקן, רעגוליר ן, — גערעכנט זיך מיט די רעאַלע אינטערעסן פֿון די מאַסן.
>
> (שטיף 1930: 5)

ווי מיר האָבן שוין געזען, האָט דאָס וואָרט רעגולירן, אין דעם צוזאַמענהאַנג, אַריינגעפֿירט נח פּרילוצקי נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט מלחמה (זע פּרילוצקי 1909: 63).

אין דער סאָוועטישער לינגוויסטישער ליטעראַטור איז דאָ אַ סך וועגן סטיליסטיק (זע למשל ספּיוואַק 1931; 1939). גאָר אינטערעסאַנט, הגם אַ ביסל פֿאַרפּלאָנטערט, איז דער ענין סטיליסטיק כּלפּי גראַמאַטיק אין דעם „רעוויזיע נומער” פֿון אַפֿן שפּראַכפֿראָנט אין 1932, וואו די פּאָלעמיק צווישן זאַרעצקי און שטיף דרייט זיך צום טייל אַרום אָט דער פֿראַגע. אין זיין ענטפֿער איז דאָ ביי שטיפֿן אַן אָפּטיילונג „גראַמאַטיק און סטיליסטיק”, וואו ס'באַקומט זיך אַז ער, שטיף, איז דער פּאַטריאָט פֿון סטיליסטיק כּנגד די בעלי גראַמאַטיק זאַרעצקי און מיידאַנסקי:

>ביידע, סיי חבר זאַרעצקי, סיי חבר מיידאַנסקי, זיינען גראַמאַטיקער; ביידע האַלטן זיי, אַז אין דער שפּראַך⸗לער, אין שפּראַך אויספֿורעמונג איז גראַמאַטיק אַלץ, — יעדנפֿאַלס, דאָס וויכטיקסטע. זיינען זיי זייער פֿילעוודיק צו יעדן קריטישן וואָרט אויף גראַמאַטיק און זייער אייפּערזיכטיק צו דער נייער דיסציפּלין, — צו סטיליסטיק פֿון דער קולטור שפּראַך, — טאָמער וועט זי אָנרירן די איבערהערשאַפֿט פֿון גראַמאַטיק. חבר זאַרעצקי וואַרפֿט מיר אויס, אַז סטיליסטיק איז ביי מיר נישט בלויז אַ „פּראָטעסט קעגן פֿאָרמעלער גראַמאַטיק”; — „דאָס איז אַ פּראָטעסט קעגן גראַמאַטיק בכלל” [...]
>
> (שטיף 1932: 57)

דער גאַנצער ענין איז אינעם „רעוויזיע נומער“ מטושטש ווייל יעדער איינער, אויף סטאַלינס איניציאַטיוו, גייט זיך אַליין און די אַנדערע קריטיקירן. און אין דעם גאַנצן מבול זעלבסט־קריטיק וויל זיך אָבער יעדער איינער בשעת מעשה פֿאָרט פֿאַרטיידיקן פֿאַר יענעמס קריטיק...

די סאָוועטישע יידישע „לינגוואָטעכניקער“ האָבן געאַרבעט פֿאַר רעפֿאָרמען, וואָס זאָלן אין זייערע אויגן מאַכן פֿון יידיש אַ „פּראָלעטאַרישע שפּראַך“. זיי האָבן געהאַלטן אַז זיי גופא, די לינגוויסטן, גראַמאַטיקער, סטיליסטן, אַכלל די שפּראַך ספּעציאַליסטן — דאַרפֿן באַוואוסטזיניקער־הייט די שפּראַך נעמען בייטן מחמת ווי זי שטייט און גייט טויג זי ניט.

אין דער ניט־סאָוועטישער מזרח אייראָפּע איז אויך געווען אַ „נאָרמאַטיווע טענדענץ“, דער עיקר אין די קרייזן אַרום דער ווילנער ייוואָ, נאָר דאָרטן איז עס געווען אָן אַ שיעור מער געמאָסטן. ס'איז געגאַנגען די רייד וועגן „אַן אינסטאַנץ, וואָס זאָל קענען (פֿאָראויסגעזען דעם נייטיקן טאַקט) פּסקענען שאלות פֿון גראַמאַטיק, ווערטער־אָפּקלייב און סטיל“ (ייוואָ 1929ב: 25; 1930א: 57). למעשה האָט עס דער ייוואָ אין ווילנע ניט געשאַט וואָס איר נאָרמאַטיווע השפּעה האָט זיך באַגרענעצט אין אַ גרויסער מאָס אויף קלענערע קרייזן אין דער פּוילישער רעפּובליק גופא. די גרויסע, אייביקע אויפֿטועך פֿון דער ווילנער ייוואָ זיינען גראָדע אויפֿן געביט פֿון דער פֿאָרשונג פֿון דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און פֿאָלקלאָר; אויפֿן שטח פֿון אויפֿשטעלן אַ געביט „יידיש“ ווי אַן אָנערקענטן יש ביי געלערנטע איבער דער וועלט.


אינסטיטוט פאַר ייִדישער פּראָלעטאַר. קולטור בא דער אלוקרײַנ. וויסנשאַפט־לעכער אַקאַדעמיע.

אוקראַינצמיזדפּאָרלאַג

קיִעוו.

אויפֿן שפּראַכפֿראָנט

זשורנאַל פאַר ייִדיש שפּראַכבוויסנ

גייט אַרויס אַלע צוויי כאָדאָשימ.

אַבאָנעמענטס־פּרײַז:

אַדרעס פונ רעדאַקציע:

קיִעוו, ליבקנעכט־גאַס, 10.

אַדרעס פונ פאַרלאַג:

קיִעוו, ווּ־סאָריעמייקא, 43.

יול — אויגוסט 1932 נומער 4 (31) זעקסטער יאָרגאַנג

דער רעוויזיע-פּלענומ פונ דער פילאָלאָגישער סעקציע פונעמ
אינסטיטוט פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור

כ׳ סטאַלינס באַריםטער בריוו אינ דער רעדאַקציע „פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָליוציאַ“ האָט אויפגעוועקט צו פרוכטבאַרער זעלבסט־קריטיק דעמ גאַנצנ אידעאָלאָגישנ פראָנט אינ גאַנצנ לאַנד. דאָס איז, נאַטירלעכ, געווענ וועגווײַזנדיק פאַר דעמ אינסטיטוט פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור אויכ. שוינ אינ אָנהויב פונעמ אַקאַדעמישנ יאָר (1931–1932) האָט זיכ אָנגעהויבנ אַנ אָנגעשטרענגטע

טעריל־הורוויץ, מ. לערנער, מ. מײַדאַנסקי, ע. ספּיוואַק) אונ דאָס פּירצובריענגע פאַרנ פּלענומ. אינעמ פּלענומ גופא האָבנ זיכ אַקטיוו באַטייליקט כ׳ י. ליבבערג (אַ בריטער אַרײַנפירוואָרט), כ׳ א. דאַרעצקי, יאַ. רעזניק, א. אַנד. (אינ דער דיסקוסיע). אַזוי אַרומ קענ מענ האַלטנ, אַז די אַרבעט פונ דער סעקציע פאַר איבער 5 יאָר איז דאָ בעצעמ קריטיש דורכגעקוקט געוואָרנ

פראַגמענט פונעם רעוויזיע נומער אפֿן שפּראַכפֿראָנט (1932)

דער נאָכמלחמהדיקער ניו⸗יאָרקער דראַנג נאָך שטענדיקער רעפאָרם

אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר איז אויפגעקומען אויפסניי אַ שיטה וואָס וויל אין אַ גרויסער מאָס איבערמאַכן דעם לעקסיקאָן פון ייִדיש, און אין אַ קלענערער מאָס — די גראַמאַטיק. די גרעסטע דערגרייכונג פון אָטאָ דער שיטה ליגט אין דעם וואָס אוריאל ווײַנרײַכס מאָדערן ענגליש⸗ייִדיש ייִדיש⸗ענגליש ווערטערבוך (א. ווײַנרײַך 1968) נעמט זי אָן. דער ווערטערבוך איז אַ גרויס ווערק; זײַן גרויסקייט איז להלוטין ניט אָפּהענגיק אין דעם צי מ׳איז מסכים מיט דער סטיליסטיק וואָס אין ווערטערבוך (זע ה.⸗ד. קאַץ 1991ב: 24).

אין די יאָרן זינט ס׳איז דערשינען דער ווערטערבוך, גרופּירן זיך די אָנהענגער פון דער שיטה, וואָס ווילן פירן די פאָרגעשלאָגענע רעפאָרמען נאָך ווײַטער אַ סך איידער דער ווערטערבוך, אַרום צוויי ניו⸗יאָרקער זשורנאַלן: ייִדישע שפּראַך, וואָס דער ייִוואָ גיט אַרויס, און אויפן שוועל, וואָס איז פריער געווען דער זשורנאַל פון דער „פרייַלאַנד ליגע“, איצט פון דער „ייִדיש ליגע“. די וויכטיקסטע אויפטוען זייַנען די ווערק פונעם חשובֿן געלערנטן, ד״ר מרדכי שעכטער (1986א, 1986ב און אַנדערע), וועלכער איז אַ סך יאָר אויך דער רעדאַקטאָר פון די בײדע זשורנאַלן. די שיטה רופט מען אויף פאַרשידענערלײ אופנים. מיר וועלן באַלד זען, אַז אַ פּאַסיקן וויסנשאַפטלעכן נאָמען געפינט מען בײַ שעכטערן גופא.

די אויסבויִאיסטישע שיטה: הנחות און אויספירן

אַ סך⸗הכל פונעם שפּראַך⸗פילאָזאָפישן יסוד פון דער ניו⸗יאָרקער פּוריסטישער שיטה האָט געגעבן שעכטער:

> מחשבֿותן, די אַנדערשקייט שיטה איז נישט קיין ספּעציפיש ייִדישער ענין. אין דער סאָציאָלינגוויסטיק רופט מען עס מיט אַ דײַטשישן טערמין Ausbau פּרינציפּ: ווען אַ קלענערע און שוואַכערע שפּראַך פּרוּווט — די גראַמירערס, שרײַבערס, לערערס פּרוּוון — פונאַנדערבויען די אַנדערשקייט, די ספּעציפישקייט פון אָט דעם לשון אַקעגן אַ קרובֿהשן, שטאַרקערן לשון, וואָס אין זײַן שאָטן קומט דעם קלענערן אויס צו שטיין.
>
> (שעכטער 1980: 212)

אָט דעם „אויסבוי פּרינציפּ“ האָט מען איבערגענומען, מעכאַניש און אומקריטיש, פונעם דײַטשישן שפּראַכן⸗סאָציאָלאָג היינץ קלאָס, וועלכער האָט עס אַרײַנגעפירט אין דער סאָציאָלינגוויסטיק אויף צו שילדערן באַמיאונגען צו מאַכן „קולטור שפּראַכן“ פון אַזעלכע ריידענישן וואָס מען קען זיי באַנעמען ווי באַזונדערע שפּראַכן ניט לינגוויסטיש נאָר בלויז סאָציאָלאָגיש.

> Wenn hingegen das Slowakische vom Tschechischen, das Weißruthenische vom Russischen, das Katalanische vom Okzitanischen, vielleicht sogar das Letzeburgische vom Deutschen als besondere Sprache unterschieden werden, so

> liegt der Grund nicht in ihrer linguistischen Sonderstellung, sondern in ihrer soziologischen Verselbständigung, also insbesondere in dem Umfange und Grade ihres Ausbaus zur Kultursprache, so daß man hier auch kurzweg von „Ausbausprachen" reden kann.
> (קלאָס 1952: 17)

קלאָס טוט יידיש אָן אַ „גרויסן כבוד", ער נעמט עס אַריין אין זיין קאַטעגאָריע Vollsprachen, אינאיינעם מיט אַפריקאַנס, לאַנדסמאַל, פריזיש, נידערדויטש, סראַנאַניש, פעריש, ריקסמאַל און — אהרון אחרון חביב — ביטשלאַמאַר (קלאָס 1952: 40-102); ניט חלילה וחס, מיט לעצעבורגיש, שאָטיש און פּענסילוואַניש, וואָס רעכענען זיך נעבעך פאַר Halbsprachen (דאָרטן, זז. 102-126). ער האַלט אַפילו אַז צוליב פּשטות און קורצקייט, איז בעסער צו נוצן דעם טערמין Jiddisch איידער Judendeutsch (ז. 240).

פון אָט אַזאַ מין „בעל טובה" האָבן אונדזערע אויסבויאיסטן געשעפּט זייערע השגות בנוגע דער יידישער סטיליסטיק פון היינט און פון מאָרגן. וואָס עס שטעקט אין דעם גופא וואָלט מען געמעגט סאָציאָלאָגיש און פּסיכאָ־לאָגיש אויספאָרשן; דאָס איז אָבער אַ טעמע פאַר זיך. דאָ זיינען שייך עטלעכע פּשוטע, יסודותדיקע פאַקטן.

יידיש איז ניט סראַנאַניש און ניט ביטשלאַמאַר. יידיש איז איינע פון די רייפסטע „קולטור שפּראַכן" אויף דער וועלט, אַ טויזנטיאָריקע שפּראַך וואָס האָט געשאָנקען דער וועלט אַ מעכטיקע ליטעראַטור. די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור ווערן אָנערקענט און געלערנט אין די בעסטע אוניווערסיטעטן איבער דער וועלט. די קולטורעלע אינסטיטוציעס (סיסטעמען שולן, העכערע אַקאַדעמישע

אינסטיטוציעס, פאַרלאַגן, פּאָליטישע און קולטורעלע באַוועגונגען א.א.וו.) וואָס האָבן געשפּרודלט אין מזרח אייראָפּע ביזן חורבן, און וואָס האָבן זיך ערטערווייז געשאַפן אין כמעט אַלע קאָנטינענטן פון דער וועלט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זאָגן עדות אויף אַ הויך קולטיווירטער וועלט שפּראַך. דער סאָציאָלינגוויסטישער סטאַטוס איז לחלוטין ניט דער זעלביקער וואָס ביי די שפּראַכן ביי וועלכע היינט קלאָס ווייס צו דערציילן, ווי אַזוי מען קען זיי „אויסבויען", זיי זאָלן זיין „מער אַנדערש" איידער „שטאַרקערע" שפּראַכן.

והשנית (אויך דאָס וואָלט בפירוש געמעגט זיין איבעריק צו קאָנסטאַטירן ביי היינטיקן טאָג), געהערט ניט יידיש דער קאַטעגאָריע שפּראַכן וואָס זיינען „שפּראַכן" בלויז סאָציאָלאָגיש און ניט לינגוויסטיש. מילד גערעדט.

דריטנס, עס איז שוין שיינע פינף הונדערט יאָר וואָס דער געאָגראַפישער צענטער פון יידיש געפינט זיך גאָרניט אין די דייטש ריידנדיקע לענדער. ביי היינטיקן טאָג געפינט זיך דער ג אַ נ צ ע ר ציבור וואָס רעדט און שרייבט יידיש ווייט פון דייטש ריידנדיקע לענדער. איז טאָמער האָט דער Ausbau פּרינציפּ פּאָרט אַ זין בנוגע, לאָמיר אָנכאַפּן, ווייסרוסיש וואָס דאַרף זיך „היטן" פאַר רוסיש וואָס ווערט גערעדט אין זעלביקן לאַנד, איז דאָס צו יידיש אינגאַנצן ניט שייך.

דאָס הייסט ניט חלילה אַז די „אויסבויאיסטן" האַלטן ניט פון יידיש. זיי האַלטן אַ וועלט פון יידיש, און צווישן זיי געפינט מען איבערגעגעבענע טוער און אויפטוער אויפן געביט פון אַ לעבעדיקן יידיש. נאָר וואָס, זיי האַלטן, אַז מיט דער שפּראַך איז פּאָרט עפּעס דער מער, ווי זי שטייט און

גייט איז זי צו נאָענט צו „אַנדערע שפּראַכן". אויף ווי ווייט ס'גייט די רייד וועגן דײַטש, איז דאָס אַן אויסברייטערונג פֿונעם פּרינציפּ „וואָס ווײַטער פֿון דײַטש" ביים אָפּקלײַבן צווישן מעגלעכע וואַריאַנטן אין ייִדיש, אַ מעטאָד וואָס איז שוין פֿאַראַן ברמיזא בײַ מאַקס ווײַנרײַכן (מ. ווײַנרײַך 1938ב), בפּירוש בײַ בירנבוימען (1953: 112-113), און וואָס מ'קען אַרײַנטײַטשן וואָו מער און וואָו ווייניקער בײַ אַ רײ אַנדערע (פֿגל. שעכטער 1986א: 281-282; ביים אַבסטראַהירן פּרינציפּן און שיטות פֿון אײנאײנציקע באַמערקונגען מכּח דעם אָדער יענעם וואָרט דאַרף מען זײַן זייער אָפּגעהיט). שעכטערס „אויסבוי" שיטה איז אָבער אָן אַ שיעור מער עקסטרעם, סײַ טעאָרעטיש (איר אָפּשאַצונג פֿון ייִדיש אַלס שפּראַך וואָס לעבט נאָך הײַנט אין שאָטן פֿון דײַטש), סײַ פּראַקטיש (דאָס אָנווענדן די שיטה בײַ אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט פֿון ייִדישן וואָקאַבולאַר). כאָטש די אויסבוי שיטה איז חל לגבי אַלע קאָמפּאָנענטן (בכּלל אָנשטאָט בכלל, הסרונים אָנשטאָט חסרונות וכדומה, ווײַל ווײַטער פֿון העברעאיש), איז עס פּאַקטיש אַ שיטה גאַצילט אויף צו „מאַכן" ייִדיש „ווײַטער" איידער די שפּראַך „וואָס אין זײַן שאָטן קומט דעם קלענערן אויס צו שטיין".

שעכטערס אויסבוי שיטה איז אַ קלאָרע און אַן אינערלעך אויסגעהאַלטענע. ס'איז צו זען אַז אַ גאַנצע רײ אײנשטעלונגען פֿון דער אויסבויאיסטישער מהנה שטאַמען אַלע פֿון אויסבויאיסטישן פּרינציפּ. זיי ווילן אַרײַנפֿירן אָט װעלכע רעפֿאָרמען:

(א) „אויסרייניקן" ייִדיש פֿון די אַלע ווערטער וואָס זײַנען אַרײַן אין נײַנצנטן יאָרהונדערט (די „דײַטשמעריזמען"), און זיי פֿאַרבײַטן מיט „כּשרע" ווערטער וואָס געהערן פּאַקטיש

איינער פֿון דרײַ קאַטעגאָריעס: דיאַלעקטיזמען, אַרכעאיזמען און פֿאַרשלאַגן אויף נעאָלאָגיזמען (דערפֿאַר: אָפּמשלען אָנשטאָט שילדערן; פּרואוול אָנשטאָט מוסטער; אַליינמאָרד אָנשטאָט זעלבסטמאָרד).

(ב) פֿאַרבײַטן אויך ווערטער פֿונעם אַלטן דײַטשישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש דאָרטן וואו ס'איז דאָ אַן אַרכעאיזם אָדער אַ דיאַלעקטיזם וואָס איז צופֿעליק ווײַטער פֿון מאָדערנעם ד ײַ ט ש, ניט קוקנדיק אויפֿן אַלגעמיינעם ליטעראַרישן באַנוץ אין י י ד י ש (פֿיפֿטער אָנשטאָט פֿינפֿטער, פֿערדער אָנשטאָט פֿערטער).

(ג) די אויסבויאיסטן האַלטן, אַז איבער גאָר דער וועלט, בײַ יעדער גרופּע און בײַ יעדן יחיד, און צו אַלע צוועקן וואָס ס'קענען נאָר זײַן, מעג גענוצט ווערן נאָר און בלויז דער ייוואָ אונטערנוסח פֿון דער נײַער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע (ייִדיש אויף ייִדיש, פֿריִער אויף פֿריער, איבער אַכט טאָג אויף איבעראַכטאָג, ווו אויף וואו, וווינען אויף וואוינען, גליִיק אויף גליאיק וכו'). ייִדיש ווערט באַטראַכט ווי אַ שפּראַך וואָס טאָר ניט האָבן קיין שום וואַריאַציע, אַפֿילו ניט אויף אַזויפֿל וויפֿל מ'געפֿינט בײַ די גרויסע מלוכהשע שפּראַכן.

די סטרוקטוראַליסטישע שיטה:
הנחות און אויספֿירן

אין איצטיקן בוך, שטעלן מיר אַוועק אַ שיטה וואָס האַלט פּונקט פֿאַרקערט ווי די אויסבויאיסטישע. בקיצור: ייִדיש איז אַ הויך אַנטוויקלטע שפּראַך וואָס שטייט אויף איין

מדרגה מיט די מעכטיקע מלוכהשע שפּראַכן אַלס רייפֿע ליטעראַטור שפּראַך. מ׳דאַרף זי ניט „מער אַנדערש מאַכן" ניט פֿון דייטש און ניט פֿון טערקיש. יידיש לעבט שוין ניט אין שאָטן פֿון דייטש אַ האַלבן יאָרטויזנט. די איינציקע קריטעריע ביים אָפּקלייבן סטיליסטישע וואַריאַנטן (דאָרטן וואו מ׳דאַרף בכלל אָפּקלייבן) איז: וואָס איז מער אָנגענומען אויף י י ד י ש, להלוטין ניט אומקוקנדיק זיך אויף דעם וואָס עס טוט זיך אויף וועלכער ניט איז אַנדער שפּראַך.

אונדזער סטרוקטוראַליסטישער צוגאַנג צו דער יידישער סטיליסטיק איז ניט קיין נייער. ער שטאַמט פֿון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ס׳האָבן אים פֿאָרמולירט סיי די בויער פֿון דער נייער יידישער פֿילאָלאָגיע און סיי די בויער פֿון דער נייער יידישער — פּאָעזיע. ביים אויפֿשטעלן דעם בנין פֿון דער נייער יידישער פֿילאָלאָגיע האָט באָראָכאָוו פֿעסטגעשטעלט אַז:

> דייטשע, העברעאישע, סלאַווישע עלעמענטן, באַלד ווי זיי זיינען אַריין אין דער פֿאָלקס־שפּראַך, הערן אויף צו זיין דייטש, העברעאיש, סלאַוויש, — זיי ווערן אָן זייער פֿריערדיקן פּרצוף און נעמען אָן אַ נייעם: ווערן י י ד י ש.

(באָראָכאָוו 1913א: 19)

און ביים אויפֿשטעלן די מאָדערנע יידישע פּאָעזיע אין ניו־יאָרק, האָבן גלאַטשטיין, לעיעלעס און מינקאָוו פּראָקלאַמירט:

> וואָס אַנבאַלאַנגט יידיש אַלס שפּראַך אינסטרומענט, האַלטן מיר, אַז אונדזער לשון איז איצט שיין און רייך גענוג פֿאַר דער טיפֿסטער פּאָעזיע. אַלע הויכע דעראָבערונגען פֿון דער

> פּאָעזיע, די העכסטע, זיינען מעגלעך אין יידיש. בלויז דער, וואָס איז אַן אָרעמער דיכטער, קאָן זיך באַקלאָגן אויף דער אָרעמקייט פֿון דער יידישער שפּראַך. דער אמתער דיכטער ווייס אונדזער שפּראַכס רייכקייט און אים פֿעלט גאָרניט, קאָן גאָרניט פֿעלן. [...]
>
> יידיש איז איצט רייך גענוג, זעלבשטענדיק גענוג צו קאָנען זיך דערלויבן איר אייגענעם אוצר צו פֿאַרגרעסערן מיט דער הילף פֿון די אוצרות פֿון אירע שוועסטער־שפּראַכן. דערפֿאַר היטן מיר זיך ניט צו באָרגן ווערטער פֿון די שוועסטער־שפּראַכן, ווערטער, וועלכע זאָלן דעקן די אויסגעוואָקסענע באַגריפֿן, די פֿאַרברייטערטע געפֿילן און געדאַנקען. אַזוינע ווערטער זיינען אויך א ו נ ד ז ע ר ע ווערטער. מיר האָבן אויף זיי פּונקט אַזאַ רעכט ווי יעדע אַנדערע שפּראַך, ווי יעדע אַנדערע פּאָעזיע [...]
>
> מיר קוקן אויף יידיש ווי אויף אַ פֿולשטענדיק־אויסגעוואָקסענער, רייפֿער, זעלבשטענדיקער, באַזונדערער און אייגנאַרטיקער שפּראַך.

(גלאַטשטיין, לייעלעס און מינקאָוו 1920: 20)

די פּ אָ ע ט ן האָבן באַנומען דעם ס ט ר ו ק ט ו ר ע ל ן מהות פֿון יידיש אָן אַ שיעור ריכטיקער און טיפֿער איידער די אויסבויאיסטן וואָס האָבן ז י י ע ר אני־מאמין („פֿונאַנדערבויען די אַנדערשקייט") אַרויסגעלאָזן מיט אַ יאָר זעכציק שפּעטער, און זיינען פֿאָרט געבליבן שטעקן ביי דעם פּרימיטיוון אַטאָמיזם: דאָס זיין ביכולת צו באַנעמען נאָר און בלויז איינצלנע ברעקלעך (איינאיינציקע ווערטער), און דאָס אויך בלויז פֿון אַ פּוריסטישן שטאַנדפּונקט (יחוס פֿון די ווערטער), ניט קוקנדיק אויף דער סטרוקטורעלער ראָלע וואָס די ווערטער שפּילן אין דער היינטיקער שפּראַך.

אין איצטיקן בוך ברענגען מיר אַ פֿאַרטיידיקונג פֿונעם

ליטעראַרישן ייִדיש אַנטקעגן דעם אויסבויִאיסטישן דראַנג צו פּערמאַנענטער רייניקונג און איבערקערעניש.

וואָס שייך אָרטאָגראַפֿיע, האַלטן מיר, אַז פּונקט ווי אויף ענגליש, העברעאיש און אַ סך אַנדערע שפּראַכן, שאַט עס גאָרניט וואָס קלענערע אונטערשיידן זײַנען פֿאַראַן. אַחוץ דעם האַלטן מיר, אַז דער ייִוואָ אויסלייג איז ניט צוגעפּאַסט צו ייִדיש צום סוף פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ס'האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ וויכטיקע פּשרה מיטן סאָוועטישן אויסלייג אין דער פּוילישער רעפּובליק אין די דרײַסיקער יאָרן, און ס'בלײַבט אַ פֿולשטענדיק לעגיטימע אונטער־סיסטעם פֿון דער נײַער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע — אָבער לחלוטין נ י ט „דער איינציקער ריכטיקער אויסלייג". אַ מאָדערנע שריפֿט פֿאַר דערוואַקסענע טאָר ניט זײַן באַשפּרענקלט מיט אומנייטיקע פּינטעלעך וואָס „מוזן" געשטעלט ווערן.

דער ניוואָ פֿון דער דיסקוסיע

יעדער איינער פֿון די צדדים אין אונדזערע סטיליסטישע דעבאַטעס ברענגט צו טראָגן אַ וויכטיקן קאָנסטרוקטיוון צושטייער צום מעמד פֿון דער שפּראַך. ס'איז געזונט אַז מ'זאָל פֿירן דיסקוסיעס און דעבאַטעס, אַז פֿאַרשידענע מיינונגען זאָלן אויסגעדריקט ווערן. דאָס איז אַ סימן, אַז ערנסטע קרייזן, זאָל זײַן אַפֿילו קליינע, זײַנען בלב ונפש איבערגעגעבן דער קולטור וואָס א ו י ף י י ד י ש.

צומאָל זײַנען דערשינען אין דער פּרעסע פּערזענלעכע

אַטאַקעס קעגן די אָנפֿירער פֿון דער „אויסבוי" שיטה. ניט זיי זײַנען יושרדיק, ניט זיי פֿירן צו אַ בכבודיקער דיסקוסיע.

בעתן גיין אין דרוק אַרײַן, ברענט אין דער ייִדישער פּעריאָדיק אַ פֿייערדיקע מחלוקת איבער די־אָ פֿראַגן. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט צוויי (אינגאַנצן באַזונדערע) אַרטיקלען: מוסיע סטעקין־לאַנדאַוס „לייענענדיק ד"ר מרדכי שעכטערס לייטיש מאַמע־לשון" אין די תּל־אָבֿיבֿער לעבנס־פֿראַגן (סטעקין־לאַנדאַו 1992) און מײַן „אַ שטעקעלע אַרײַן אַ שטעקעלע אַרויס, די דײַטשמערישע געפֿאַר איז — אויס" אין דער ניו־יאָרקער ייִדישער קולטור (ה.־ד. קאַן 1991ב; זע אויך 1992א). צום גרויסן באַדויערן, האָט זיך די אויסבויִאיסטישע מחנה ניט אָפּגערופֿן אויף די פֿאָרגעלייגטע אַרגומענטן. אָנשטאָט דעם האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט אויפֿן דרך פֿון פּערזענלעכע אַטאַקעס און פּאַשקווילן, וואָס האָבן אָנגעבראַכט אַ בושה אויף דער וועלט פֿון ייִדיש בכלל און אויף דער ייִדישער סטיליסטיק בפֿרט (פֿגל. אונטן, זז. 206–210; ה.־ד. קאַן 1992ב; וואָלפּע 1992). דאָ וועט קלעקן אויסצודריקן די האָפֿענונג אַז די אַלע צדדים וועלן ריידן צו דער זאַך און ניט צו דעם מענטשן, זיך האַלטן אין די ד' אמות פֿון אָנשטענדיקייט און דזשענטלמעניש־אַקאַדעמישער דעבאַטע.

אָנהייבן וועלן מיר מיט אַ טעמע וואָס איז הײַנט אַ סך ווייניקער נוטה למחלוקת איידער לעקסיק און אָרטאָגראַפֿיע: דער אַרויסרייד.

אַרויסרייד

צוויי מיינונגען

פאַראַן צוויי מיינונגען: איינע האַלט נאָר פון „ליטעראַרישן אַרויסרייד", לפּחות ביים לערנען מיט אַנדערע יידיש, ביי לעקציעס און רעדעס, אַכלל, אין „עפנטלעכן יידישן לעבן". די צווייטע האַלט, אַז מ'דאַרף אויפהיטן דעם דיאַלעקט פון דאָרטן פון וואַנעט די משפּחה שטאַמט, ניט שייך פּריוואַט צי בפרהסיא. גוט וואָס עס זיינען בנמצא דיביידע מיינונגען. ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן, כל זמן מ'האָט דרך ארץ אויך צו יענעמס גאַנג.

דער פּאַטריאָטיזם צום ליטעראַרישן אַרויסרייד

דער פּאַטריאָטיזם צום ליטעראַרישן אַרויסרייד וואַקסט פונעם ווילן אויפצוהיטן דעם באַגריף פון אַ סטאַנדאַרדן, אַלגעמיינעם אַרויסרייד פאַר די צוועקן פון „קולטור"; אויך אַ ווילן נאָכצוגיין דעם גאַנג ביי אַ סך שפּראַכן וואו מ'האָט אַ סטאַנדאַרד וואָס פאַראייניקט, וואָס איז מער וויניקער קאָנסעקווענט, און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר „העכערע קולטור", וואָס שטייט פון אויבן „איבער" די אַלע פּאָנעטישע

נוסחאות וואָס מ׳טרעפט ביי משפּחות וואָס שטאַמען פון פאַרשידענע געגנטן. די פּאַטריאָטן פונעם ליטעראַרישן אַרויסרייד האַלטן אַז די שפּראַך ווערט אַזוי אַרום דערפירט צו אַן איבערגעאָגראַפישער מדרגה. ביי אַנדערע, וואָס שטאַמען פון די מקומות פון וואַנעט דער ליטעראַרישער אַרויסרייד וואַקסט, איז פאַראַן אויך דער מאָטיוו פון לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם. ביי זיי דעקט זיך עס „צופעליק” מיטן אונטערשטיצן דעם סטאַנדאַרדן אַרויסרייד.

דעם ליטעראַרישן אַרויסרייד האָט מען אָנגענומען אין אָן אַ שיעור יידישע שולן איבער דער וועלט, שולן וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע ריכטונגען וואָס זיינען צווישנאַנאַנד כרחוק מזרח ממערב. מיט דורות סטודענטן האָט מען געלערנט אַז דאָס איז דער „ריכטיקער יידיש”, אַז די אַנדערע אַרויסריידן זיינען „דיאַלעקטן”, ווי דאָס וואָרט ווערט פאַרשטאַנען, אַ ביסעלע מיט ביטול, ביים עולם. ניט אין איין לאַנד האָבן זיך יידישע לערער געמוזט אָפּטרייסלען פון זייער היימישן יידיש, אַריבערגיין אויפן ליטעראַרישן אַרויסרייד. צי דאָס איז געווען אַ יושר, איז אַ באַזונדערע פראַגע, אַ פאַקט איז עס אָבער. מיר געדענקען דעם ניו=יאָרקער יידישן לערער, יאַנקל בלאַנק ז״ל (געבאָרן מעזריטש, פוילן, 1910, געשטאָרבן ניו=יאָרק, 1988). ער איז געווען אַ לאַנגיאָריקער לערער אין דער אַמאָליקער פאַראייניקטער מיטלשול אין בענק סטריט, ניו=יאָרק, און אַ דירעקטאָר פון „קעמפּ בויבעריק” אין משך פון צוואַנציק יאָר. אַ דיאַלעקטאָלאָג וואָלט קוים געגלייבט, אַז ער און זיין ברודער, דער ניט=לערער, זיינען — ברידער פון איין שטאָט.

מ׳קען ניט לייקענען אַז דער ליטעראַרישער אַרויסרייד

איז אַ גוואַלדיקער אויפטו פון דער נייער יידישער קולטור. אויפגעקומען איז עס, איינגעשטעלט איז עס געוואָרן, אַליין אָנעם כח פון מלוכות וואָס נייטן מיט דעקרעטן, אָן דער קראַפט פון רעגירונגס=שולן: אַ מין וואונדער פון מאָדערנעם יידיש. מער ווי אַ ביסל דערמאָנט עס אין וואונדער פון געשריבענעם יידיש סוף אַכצנטן יאָרהונדערט: דער אויפקום פון אַ פאַרהעלטענישמעסיק איינגעסדרטער ליטעראַרישער שפּראַך, וואָס אין אַ גרויסער מאָס איז עס געווען אַ טיש מיט אַ פאַרטעך גרייט אויף די קלאַסיקער (זע ד.=ב. קערלער 1990).

וויל מען זיך איבערצייגן וואָסער „אמתער לינגוויסטישער יש” ס׳איז אונדזער ליטעראַרישער אַרויסרייד דאַרף מען נאָר ציילן די יידישע פּאָעטן וואָס האָבן געגראַמט ניט לויט זייער דיאַלעקט, נאָר דווקא לויטן ליטעראַרישן אַרויסרייד (זע א. ווינרייך 1955: 98; 1959).

דער ליטעראַרישער אַרויסרייד

דער ליטעראַרישער אַרויסרייד באַשטייט פונעם ליטווישן אַרויסרייד מיט איין „וויכטיקסטן” יוצא מן הכלל: וואָוו יוד רעדט מען כסדר אַרויס ווי ɔj בשעת ווען אין די מערסטע ליטוויש=יידישע וואַריאַנטן, ווערט וואָוו יוד אַמאָפּטסטן אַרויסגערעדט מיט ej, אַשטייגער ליטוויש bejm ׳בוים׳, grejs ׳גרויס׳, lejf ׳לויף׳; דער אָפּנטראַפּיקער חולם אין סעמיטישן חלק ווערט אין מערסטע ליטווישע וואַריאַנטן קאָנסעקווענט אַרויסגערעדט ej, אַשטייגער xéjdəš ׳חודש׳,

méjrə 'מורא', šléjmə 'שלמה'. אין ליטעראַרישן ייִדיש הערט מען אין די אַלע ווערטער נאָר ɔj (צונויפֿגעגאָסן מיט יענעם וואָו יוד וואו דער ליטוואַק זאָגט ɔj אָדער uj און דער פּוילישער ייִד ɔ̄, ō אָדער ōu, אַשטייגער אין בויך, מויד, שויב). אַזוי אַרום זיינען אין דער ליטעראַרישער שפּראַך פֿאַראַן אַזעלכע האָמאָנימען ווי טויב 'הערט ניט' און טויב 'אַזאַ מין פֿויגל', לויז 'ניט שטייף' און לויז 'אַ מין שרצל', וואו די דיאַלעקטן זיינען שטרענג מבחין: ביים ליטוואַק tejb, lejz כּנגד tɔjb, lɔjz, ביים פּוילישן ייִדן tɔjp, lɔjs כּנגד tōup, lōus, ביים אוקראַינישן ייִדן tɔjb, lɔjz כּנגד tub, luz (אַמאָל; היינט איז אָט די אויסשפּראַך גאָר זעלטן).

פֿאַראַן אָבער דערצו נאָך אַ גאַנצע ריי פּרטים וואָס טיילן אויס דעם ליטעראַרישן ייִדיש פֿונעם ליטוויִשן: ניטאָ אינעם ליטעראַרישן אַרויסרייד קיין פּלאָנטערניש ביי די סיבילאַנטן ס—ש, ז—זש, צ—טש, ניטאָ קיין יאָטיזאַציע אויף פֿונאַנדערצוטיילן צוויי נאָכאַנאַנדיקע וואָקאַלן (ווי אַשטייגער אין tvújə 'תבואה') און ניטאָ נאָך אַ ריי פֿאָנעטישע אייגנאַרטיקייטן, וואָס מ'טרעפֿט אין פֿאַרשידענע נוסחאות פֿונעם ליטוויִשן ייִדיש. וועגן די צוגאָבן צום הויפּט פֿאָרמל („ליטוויש מינוס דעם ej אויף וואָוו יוד") איז שוין אָפֿטמאָל געגאַנגען די רייד (זע למשל א. ווײַנרייך 1951: 29; י. מאַרק 1951: 13-25; 1978: 15-31; ה.=ד. קאַץ 1987א: 25-40).

עס זיינען פֿאַראַן אַ פּאָר ווערטער אינעם ליטעראַרישן אַרויסרייד וואָס ווערן ניט אַרויסגערעדט לויטן אויסלייג, נאָר טאַקע ווי ביי ליטוואַקעס, צוליב דעם וואָס זייער שרייבונג שטימט ניט אויסגעהאַלטענערהייט מיט ו ו ע ל כ ן ניט איז דיאַלעקט, זיי זיינען היסטאָרישע שרייבונגען: די פּרעפּאָזיציע אויף: af און ניט ɔjf (אויפֿן דאַך afn dax);

דער קאָנווערב אויף=: uf און ניט ɔjf (אויפֿבויען úvbɔjən); דער פּראָנאָם אים: ɛm און ניט im (לעבן אים lɛ́bm ɛm); דער קאָנווערב אַרויף=: arúf און ניט arɔjf (אַרויפֿגיין arúvgejn); די פּרעפּאָזיציע ביי: ba און ניט baj (ביי זיי ba zej); דער אַדווערב קוים: kam און ניט kɔjm (קוים באַוויזן); די פּרעפּאָזיציע קיין: kın און ניט kejn, kajn (קיין אַמעריקע kınamɛ́rikə); דער קאָנדיציאָנעלער כיי וואָלט אָדער נעכיי וואָלט: (nə)xá vɔlt און ניט (nə)xáj vɔlt.

ביי די אַלע פֿאַלן דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז אין אַזויפֿל ייִדישע שולן, צווישן זיי די בעסטע סיי אין מזרח אייראָפּע פֿאַר דער מלחמה, סיי אין אַ סך אימיגראַציע לענדער, האָט מען גראַדע געלערנט די „אָרטאָגראַפֿישע אַרויסריידן", אַפּשיטא אַז מ'קען זיי שוין ניט האַלטן פֿאַר „טעותן". אַ גרויסע צאָל ייִדישע שרייבער און קולטורעלע פֿירער האָבן אָנגענומען די אַרויסריידן און האַלטן זיי פֿאַר די פּאַסיקע פֿאַר דער ליטעראַרישער שפּראַך. מער פֿון אַלע אַנדערע פֿאָרמען האָט זיך איינגעפֿונדעוועט im (פֿגל. אַשטייגער דעם סאָוועטישן אויסלייג פֿון די אָפֿטסטע ווערטער אין דער סעריע: אַף, אופֿ=, אַרופֿ=, באַ, אָבער: אים).

אַ סוביעקטיווע באַמערקונג: ווען אַ געבאָרענער ייִדיש ריידנדיקער מענטש נוצט די אָרטאָגראַפֿישע פֿאָרמען, הערט זיך ניט קיין „טעות". ווען איינער רעדט אָבער אַן אויסגעלערנטן ייִדיש, גרילצן זיי אין די אויערן. ניט קיין יושר, נאָר אַזוי איז עס. איז בעסער: af, uf, arúf, ɛm א.א.וו. אָדער, אויב מ'האַלט זיך בכלל ביי אַ דרומדיקן אַרויסרייד: ōuf, ōuf \ if, arṓuf \ aríf, ejm, א.א.וו.

פֿאַראַן אַ ריי אַנדערע פּרטים וואו דער ליטעראַרישער

אַרויסרייד גייט זיך פֿונאַנדער מיטן אויסלייג. צווישן זיי, אַט װעלכע: עין װערט אַרויסגערעדט ej און ניט ɛ — פֿאַר ־נג און ־נק: ברענגען brɛ́jŋgŋ, בענקען bɛ́jŋkŋ; פֿאַרן סופֿיקס ־יש: אַרכעאיש arxɛ́jiš, העברעאיש hɛbrɛ́jiš; אינעם װאָרט קעניג kɛ́jnig. דער דימינוטיװ פּלוראַל סופֿיקס ־עך װערט אָפּט אַרויסגערעדט ax: שטעטלעך štɛ́tlax; דער צווייטער דימינוטיװ פּלוראַל סופֿיקס ־עלעך װערט אָפּט אַרויסגערעדט alax: שטעטעלעך štɛ́talax. אין גערעדטן יידיש װערט אויפֿגעהיט (אין פֿאַרשידענע מאָסן) די רעגרעסיװע אַסימילאַציע פֿון שטימיקייט: אויפֿװעקן úvvɛkn; געזאָגט gɪzɔ́kt; שװיצבאָד švídzbɔd; שרײבסט šrajpst. דער נון, װאָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ טראַף, אַסימילירט זיך צום פֿריערדיקן לאַביאַל: װײַזן vájzn אָבער בלײַבן blájbm.

צום אורשפּרונג פֿונעם ליטעראַרישן אַרויסרייד

דער פּשוטער „גרונט־פֿאָרמל" פֿון ליטעראַרישן אַרויסרייד, ליטװישע װאָקאַלן אַחוץ יענעם ej װאָס די דרומדיקע דיאַלעקטן האָבן אין די זעלביקע װערטער ɔj, איז אין פּרינציפּ הונדערטער יאָרן אַלט. מיר רעכענען, אַז אַ שטודיע פֿון אַ גרויסן סכום כּתבֿ־ידן װעט דערװײַזן, װי אײַנגעשורשט עס איז דער באַגריף (לאו דװקא די דורכפֿירונג!) פֿון אַ סטאַנדאַרדן יידישן אַרויסרייד בײַ מזרח־אייראָפּעאישע יידן. די ראיות אין אַמאָליקע כּתבֿים, געשריבענע צי געדרוקטע, זײַנען די אַזוי אָנגערופֿענע „היפּערקאָרעקציעס", דאָרט װאו דער ליטװאַק שרײַבט װאָװ יוד װאו מ'דאַרף היסטאָריש גערעדט צוויי יודן (שוין אויף 'שיין'), און דאָרט װאו דער פּוילישער אָדער אוקראַאינישער ייד שרײַבט למשל װאָװ, דאָרטן װאו מ'דאַרף היסטאָריש גערעדט יוד (גלוק אויף 'גליק'). אַזעלכע שרײַבונגען װײַזן אויף אַז בײַ די אַלע דיאַלעקטן איז דאָ אין דער בשותּפֿותדיקער פּסיכאָלאָגיע אַ „ריכטיקער יידיש" — דאָס איז דעם הדיוטס באַגריף פֿון אַ סטאַנדאַרדיזירטער שפּראַך. דער הדיוט טראַכט דאָך װעגן „ריכטיק" און „ניט ריכטיק" דאָרטן װאו די סטיליסטיק איז אָביעקטיװ מבֿחין צװישן „סטאַנדאַרד" און „רעגיאָנאַל".

די פֿאָרמולירונג, אַז דער גרונט־פֿאָרמל פֿון ליטעראַרישן אַרויסרייד איז „ליטװיש מינוס יענעם ej" איז אַ ריכטיקע, קוקנדיק אויף די פֿאַרשידענע דיאַלעקטן און דעם ליטעראַרישן אַרויסרייד הײַנט צו טאָג. ס'איז אַ פֿאָרמולירונג װאָס איז אויך בהסכּם מיטן גאַנג פֿון דער אָרטאָגראַפֿיע פֿון מאָדערנעם מזרח־אייראָפּעאישן יידיש. ניט קוקנדיק אויף דעם װאָס ליטװאַקעס זײַנען אויך אין נײַנצנטן יאָרהונדערט געװען אַ מיעוט אין דער יידישער מזרח אייראָפּע, האָט מען אין אונדזער ליטעראַרישער שפּראַך סטאַנדאַרדיזירט בוך און ניט ביך, זאָג און ניט זוג, אײַזן און ניט אײַזן. װי עס טרעפֿט אָבער אָפֿט אין דער געשיכטע פֿון געדאַנקען (און אויסלייג רעפֿאָרמען שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ קאַפּיטל אין יענער געשיכטע), קען מען אײן יש געבן צו פֿאַרשטיין אויף פֿאַרשידענערלײ אופֿנים. קען מען טענהן, אין אונדזער ענין, אַז אין ליטװישן יידיש האָבן זיך גראַדע צופֿעליק אויפֿגעהיט די אַמאָליקע איכותן פֿון די װאָקאַלן מער אײדער אַנדערשװאו; האָט זיך אויסגעלאָזט אַז די סטאַנדאַרדע



דער סטאַנדאַרדער אַרויסרייד ווי אַ פּסיכאָלאָגיש-סאָציאַלע קאַטעגאָריע זעט זיך קלאָר אַרויס פון די היפּערקאָרעקציעס, לאַנגע יאָרן פאַר זאַמענהאַפט און באַראַכאַן. אין 18טן יאָרהונדערט וואַרפן זיי זיך אַדורך וואו ניט וואו, אַשטייגער שליסלין אויף שליסלין (״שליסלעך״) אין זשאָלקווער קב הישר פון 1777 (דער פראַגמענט אויבן — אַדאַנק דוב-בער קערלער; זע ד.-ב. קערלער 1990: 289). אין 19טן יאָרהונדערט טרעפט זיך אין טייל דרוםדיקע דרוקן אַ נויבה וואו היפּערקאָרעקטקייט (בפרט ביי היסטאָרישע i קלאַנגען וואָס מ׳שרייבט מיט וואָו) איז גאָר די נאָרמע. אונטן: אַט אַזאַ פראַגמענט פון תחינות מקרא קודש, לעמבערג 1887.



שרייבונג איז ב מ י ל א בהסכם דער עיקר מיט ליטוויש. די וואָקאַלישע כמותן, וואו דער פּוילישער יידיש איז אַ סך מער קאָנסערוואַטיוו, זיינען אין דער געשיכטע פון געשריבענעם יידיש ווייניק וואָס אָדער אינגאַנצן ניט איבערגעגעבן געוואָרן. אַ ריי היסטאָרישע צ ו פ א ל ן האָבן באַווירקט אי די נייע יידישע אָרטאָגראַפיע, אי דעם ליטעראַרישן אַרויסרייד.

די אַלע „גרייזן״ אין אַמאָליקע כתבים, ד.ה. די פאַלן וואו מ׳האָט זיך אויסגעגליטשט און געשריבן אָדער לויטן דיאַלעקט אָדער היפּערקאָרעקט, דאָס זיינען אַלע יוצא-מן-הכלל וואָס קומען לערנען אויפן כלל. אַז אין דער פאָלקס-פּסיכאָלאָגיע האָט עקזיסטירט דער פאָרמל אויף אַ „סטאַנדאַרדן אַרויסרייד״, דורות פאַר דעם ווי ס׳איז אויפגעקומען די נייע יידישע ליטעראַרישע שפּראַך. אויב אַזוי, איז דער ליטעראַרישער אַרויסרייד ניט קיין אויסטראַכטעניש פון געלערנטע, פון יושבי אוהל וואָס ווילן ווערן איבער דער שפּראַך סאַמעראָדנע באַלעבאַטים. זי איז אויסגעוואַקסן ביים פאָלק.

ס׳דאַרף נאָך קומען די אויספאָרשונג אויף אָפּצומעסטן אויף ווי וויט דער פאָרמל אויפן ליטעראַרישן אַרויסרייד איז אויפגעקומען צוליב „צופעליקע סיבות״ (בתוכם די קאָנסערוואַטיווקייט פון דער איכות פון די וואָקאַלן ביי ליטוואַקעס; די מיטשטימונג פון יענער קאָנסערוואַטיווקייט מיטן געצירשנטן אויסלייג פון עלטערן מערב יידיש); און אויף וויפל דער באַגריף „ליטע״ האָט טאַקע געטראָגן אין מרחקים פּרעסטיזש אויף אַזויפל, אַז די גרויסע מערהייט ניט-ליטווישע יידן זאָלן די אייגענע אויסשפּראַכן האַלטן פאַר ניט-סטאַנדאַרד. די צופאַלן זיינען זיכערע, דעם

סאָציאָלאָגישן צד דאַרף מען ערשט דערווייזן. די פּראָבלעמאַטיק דאַרף שטודירט ווערן אינאיינעם מיט דער געשיכטע פֿונעם אַשכּנזישן אַרויסרייד פֿון לשון קודש און אַראַמיש, וואו עס איז דאָ אָן אַ שיעור מער סאָציאָלינגוויסטישע עווידענץ, דהיינו בפּירושדיקע אַרויסזאָגונגען פֿון רבנים און מומחים (צום אַשכּנזישן אַרויסרייד זע ה.⸗ד. קאַץ 1993ב; צו דער סטאַנדאַרדער אויסשפּראַך אין אַלט יידיש, 1993ג; צום איצטיקן ענין — קאַץ אין דרוק).

אין ניינצנטן יאָרהונדערט דאַרף מען זיך אויך רעכענען מיט דעם מוסטער פֿון דייטש, לפּחות ביי משכּילים און שפּעטער אין די פּאָליטישע באַוועגונגען. די ליטווישע וואָקאַלן זיינען אין די מערסטע פֿאַלן צופֿעליק נעענטער צו די סטאַנדאַרדע ניי⸗הויך⸗דייטשישע. אַזוי אַרום באַקומט זיך אַ סעריע גורמים וואָס שטופּן אַלע אין איין ריכטונג: געירשנטע שרייבונגען, מיטשטימונג פֿון די⸗אָ שרייבונגען מיט ליטוויש, זייער רעלאַטיווע מיטשטימונג מיט דייטש, און אפֿשר אויך: דער פּרעסטיזש פֿון ליטע. אַכּלל: די כּוחות פֿון דער געשיכטע. דאָס וואָס טייל גורמים זיינען מער „אָנגעלייגט" ווי אַנדערע ביי דעם אָדער ביי יענעם, איז לחלוטין ניט שייך. אַזוי איז געווען און פֿאַרפֿאַלן. דאָס הייסט דאָך: געשיכטע.

דערפֿאָלג פֿונעם ליטעראַרישן אַרויסרייד

אונדזערע ראשונים אין דער יידישער סטיליסטיק האָבן גענומען דאָס וואָס איז פֿאַראַן געווען, אויפֿגעשריבן,

פֿאָרמולירט, ראַפֿינירט און אויסגעלייטערט. אונדזערע שולן און קולטור אינסטיטוציעס, און אַ שיין ביסל שרייבער, האָבן די זאַך אַדורכגעפֿירט. „אַדורכגעפֿירט" איז דאָ טייטש אַז מ'האָט גורם געווען, אינספּירירט, געצוואונגען — דאָס דאַרף מען ערשט אויספֿאָרשן — אַז אַ סך יחידים זאָלן פּאַקטיש אָפּלאָזן דעם היימישן דיאַלעקט און באַוואוסטזיניקערהייט אַריבער אויפֿן ליטעראַרישן.

ביים פּראָקלאַמירן די זאַך איז ניט געווען וואָס צו לייקענען, אַז דער ליטעראַרישער אַרויסרייד איז זייער נאָענט צום ליטווישן יידיש. פֿאַרקערט, דאָ איז דער יידישיסטישער מאָטיוו אַריין אין קאָן: די ראָמאַנטיק פֿון ליטעראַרישע שפּראַכן פֿאָדערט אַז אַ שטאָט צי אַ געגנט זאָל מיט זיך פֿאָרשטעלן אין פֿאָלקס⸗באַוואוסטזיין „די היים" פֿונעם ליטעראַרישן אַרויסרייד, אָפֿטמאָל די שטאָט וואָס איז במילא אויך די פּאָליטישע, היסטאָרישע און סאָציאַלע קרוינשטאָט, אָדער לפּחות זייער אַ פּרעסטיזשפֿולע שטאָט.

האָט מען דעם גרייטן פֿאָרמל בלויז געדאַרפֿט אידענטיפֿיצירן מיט דער געגנט וואו מ'רעדט אַזוי במילא (אין אַ גרעסערער מאָס איידער אַנדערשוואו). דאָ ווי ביים רובֿ ענינים איז בער באָראָכאָוו, דער גאון און בויער פֿון דער נייער יידישער פֿילאָלאָגיע, געווען דער וואָס האָט עס „בפּירוש געזאָגט". ביים פֿעסטשטעלן די יסודות פֿון דער נייער יידישער אָרטאָגראַפֿיע האָט ער עס אין איין קורצן זאַץ איבערגעגעבן:

> פֿאַרן יסוד נעם איך די אויסשפּראַך פֿון דעם ווילנער קאַנט.
> (באָראָכאָוו 1913א: 18)

נאָך פֿאַר באָראָכאָוון האָט לודוויג זאַמענהאָף, דער

וועלט באַוואוסטער באַשאַפער פון עספּעראַנטאָ, שרייבנדיק אונטערן פּסעוודאָנים Dr X, באַשריבן דעם פאָרמל פון ליטעראַרישן יידיש:

> בכן לייג איך פאָר אַ כלל: צו שרייבן שטענדיק אַזוי, ווי עס רעדן אויס די ליטווישע יידן; דאָרט אָבער, וואו ביי די ליטווישע יידן איז שווער צו אונטערשיידן [!] צווישן אײ און וי — באַדאַרף מען נעמען אין אַכט דעם פּוילישן דיאַלעקט.
> (זאַמענהאָף 1910: 91)

אָט דער אָפענערהייט אַרביטראַרער פאָרשלאַג איז פאַרשטייט זיך מער אָנגעמאָסטן איידער זאַמענהאָפס פריערדיקע, סתם לאָקאַל פּאַטריאָטישע טענה, אַז ליטוויש איז „ריינער און רעגלמעסיקער" (זאַמענהאָף 1909: 54). די פּראָקלאַמאַציע האָט אַ האַפט אין ראַם פון דער היסטאָרישער צונעפאַסטקייט פונעם געירשנטן אויסלייג מיטן ליטווישן וואָקאַליזם; אין ראַם פון אַ שוין עקזיסטירנדיקן פּסיכאָלאָגישן סטאַנדאַרד ביים פאָלק.

די ווילנער יידישע אינטעליגענטן, בפרט אין דער תקופה צווישן די ביידע וועלט מלחמות, האָבן מקפּיד געווען אויסצומיידן דעם ליטוויש=דיאַלעקטישן ej זייערן, פלאָנטערנישן ביי סיבילאַנטן און נאָך פּרטים. קוקנדיק שוין אויף צוריק, האָט מאַקס ווײַנרייך געשריבן אַז „בדיעבד איז אָבער ווילנע געוואָרן די נאָרמע — ניט דער ווילנער קאַנט סתם, ניט דער ווילנער דיאַלעקט סתם, נאָר דאָס 'געלייטערטע יידיש' פון דער ווילנער יידישער אינטעליגענץ" (מ. ווײַנרייך 1973א: I, 308; פגל. III, 319). אין דעם ענין איז די סאָוועטיש=יידישע סטיליסטיק בדרך כלל געקומען צו דער זעלביקער מסקנא (זע למשל צוויג 1929), אַ שאַרפער

קאָנטראַסט לגבי אַזויפל אַנדערע ענינים, וואו דער גאַנג איז געווען באַשמירן מיט סמאָלע „דאָס אויסלאַנד פון די ווײַנרייכס" (סלוצקי 1935: 73). אַפּריאָרי וואָלט דאָס געקענט ווערן אַ סלע המחלוקת, בפרט נאָך אַז שטיין איז דער ייוואָ געשטאַנען אין — ווילנע. גאָר אינטערעסאַנט איז זאַרעצקים אַרטיקל „וועגן יידישער אָרטאָעפּיע" (זאַרעצקי 1929). ס'איז אַן עסיי פול מיט אינערלעכע סתירות, אָבער ניט קיין פּאָליטיש=מאָטיווירטע, ווי ס'טרעפט זיך אַזוי אָפט אין דער סאָוועטישער יידישער לינגוויסטיק פאַר דער מלחמה, נאָר וואָדען: עכטע סתירות. אָט איז בקיצור, זאַרעצקים געדאַנקען=גאַנג: אַ ליטעראַרישער אַרויסרייד דאַרף דאָך געבויט זיין אויפן דיאַלעקט פון דער מערהייט. ביי אונדז איז נאָר דאָ אַן אינטערדיאַלעקטישע שריפט, און די וואָס פאָלגן זי, ריידן ליטעראַריש; אָט דעם ליטעראַרישן אַרויסרייד טאָר מען ניט פּלאָנטערן מיט ליטוויש. אַ צרה אָבער וואָס ער איז פּאָרט זייער נאָענט צו ליטוויש. און אויב בכלל אַ סטאַנדאַרדער אַרויסרייד, דאַרף מען עס בויען אויף די וואָס ריידן שוין „ליטעראַריש", קומט עס אויס במילא נאָענט צו ליטוויש (זע אויך זאַרעצקי 1930: 54, 56, 57). דער באַקאַנטסטער סאָוועטישער פּראָטעסט קעגן דער „ליטווישער העגעמאָניע" איז וואָלאָדאַרסקיס: קינדער „פאַרשטייען ניט. פאַרוואָס עפּעס האָט זיך טביה צערעדט ליטוויש?" (וואָלאָדאַרסקי 1928: 36).

אין דער גאָר אינטערעסאַנטער עסיי שפּילט זיך זאַרעצקי מיט פאַרשידענערליי איינפאַלן איבערצוקאָנסטרואירן די זאַך, בתוכם: „איבערמאַכן די שריפט גופא אַזוי, זי זאָל זיין צוגעפּאַסט מער צו דער מערהייט יידיש ריידער (צ.ב. שרייבן קים מיט מיר, שרייבן טאָג [דרום יידיש

tug] און וואָך [דרום יידיש vɔx] מיט פֿאַרשיידענע וואָקאַלן א.א.וו)". ער איז אָבער די אייגענע המצאה באַלד אויף אַן אָרט מבטל: „אָבער דאָס וואָלט געווען אַזאַ קאָלאָסאַלע הוצאה פֿון געזעלשאַפֿטלעכער ענערגיע, אַז ס'איז ניט רעאַל צו רעדן וועגן דעם [...]".

אַ צוקונפֿטיקע שטודיע דאַרף אונטערזוכן צי אויך אין דער תורה וועלט, בפֿרט אין די גרויסע „ליטווישע" ישיבֿות איבער דער וועלט, סטאַרעט מען זיך צו ריידן ליטוויש אָבער פֿאָרט אויסצומיידן „יענעם ej", בפֿרט ביי געוויסע הייליקע ווערטער (אַשטייגער תּורה). צריך עיון. וועגן דעם אַרויסרייד ביי ליובאַוויטשער קינדער אין אַמעריקע אין די זעכציקער יאָרן האָט געשריבן יאָכנאָוויץ (1968).

ניט קיין קלייניקייט, וואָס ביי אונדזער פֿאָלק פֿון ששים רבוא שבֿטים איז פֿאַראַן איין נטיה ביים פֿעסטשטעלן דעם „ליטעראַרישן אַרויסרייד". דער סך־הכּל: אונדזער סטאַנדאַרדער אַרויסרייד איז געגרונטפֿעסטיקט געוואָרן ווי אַ פּועל יוצא פֿון פֿיר היסטאָרישע טעמים. ראשית, די נטיה ביים פֿאָלק גופֿא אין גאַנג פֿון דור־דורות, וואָס איז כּולל אַ וועלט מיט היסטאָרישע איינפֿלוס־כּוחות (מיטשטימונג מיט דער געירשנטער שרייבונג, פּרעסטיזש פֿון דער יידישער ליטע, מיטשטימונג מיט דייטש); צווייטנס, די באַשטעטיקונג פֿון דער נטיה דורך אונדזערע גרויסע פֿילאָלאָגן, ווען ווילנע איז געוואָרן אַ קרוינשטאָט פֿון אַ שפּראַך, וואָס קיין מלוכה האָט זי ניט; דריטנס, דורך דעם בפֿירושדיקן באַנוץ פֿון דעם ליטעראַרישן אַרויסרייד אין שולן, אין ליטעראַרישע, קולטורעלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס; און לעצטנס: די מחיהדיקע אויסגעהאַלטנקייט פֿון ליטעראַרישן אַרויסרייד מיט אונדזער אָרטאָגראַפֿיע, וואָס

גיט יידיש די מעלה פֿון דעם וואָס דער עולם רופֿט אָן „אַ פֿאָנעטישע שרייבונג" — וואָס איז מי יודע ווי וויכטיק ביי דעמאָגראַפֿיש שוואַכערע שפּראַכן, וואָס מוזן אויסזען וואָסאַמאָל מער אַטראַקטיוו („גרינג"), אויף צוצוציען תּלמידים.

דער צד שכּנגד: די דרומיסטן

אין דער נייער יידישער פֿילאָלאָגיע זיינען אויך פֿאַראַן אַ ריי חשובֿע קעגנער פֿונעם ליטעראַרישן אַרויסרייד, קעגנער וואָס האָבן — אָביעקטיוו גערעדט, ריכטיק — געזען אין יענעם אַרויסרייד ניט מער ווי אַ וואַריאַנט פֿון ליטווישן יידיש מיט קליינטשיקע פּשרות. זיי האָבן אויך — אָביעקטיוו גערעדט, ריכטיק — אָנגעוויזן אַז די גרויסע מערהייט יידיש ריידנדיקע יידן זיינען אַלעמאָל געווען די ניט־ליטווישע. זיי האָבן געטענהט, אַז דער יידישער אויסלייג איז בעצם „אוטראַקוויסטיש", ד.ה. אַז די זעלביקע וואָקאַלישע סימנים לייענט יעדער ייד אויף זיין שטייגער, אַזוי אַז דער קמץ־אַלף איז ניט קיין ɔ, קיין u אויכעט ניט, נאָר וואָס: ביידע. זאָל דער פּוילישער ייד, זאָל דער וואָלינער ייד לייענען zúgn און דער ליטוואַק zɔ́gn . ביי איינעם איז עס kúməc, ביי יענעם kɔ́məc, און אַראָפּ פֿון מאַרק (זע למשל שפּילריין 1926: 16; גינינגער 1949: 208-211; בירנבוים 1953: 113-115). אָט די אינטערדיאַלעקטישקייט האָט מיזעס אויסגענוצט אין זיינע טענות אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ קעגן די דעמאָלטיקע פּראָיעקטן אויף אַריבערצוגיין אויפֿן לאַטיינישן

אַלפֿאַבעט (מיזעס 1908: 191).

אַחוץ דעם אַלעמען האָט זיך אין יידישן טעאַטער אַנטוויקלט אַ סטאַנדאַרדער אַרויסרייד וואָס איז געבויט אויף די דרומדיקע דיאַלעקטן (ד.ה. צענטראַל־מזרח יידיש, פּאָפּולער „פּויליש" און דרום־מזרח יידיש, פּאָפּולער „אוקראַיניש" אָדער „וואָלינער יידיש"). נח פּרילוצקי האָט געהאַלטן, אַז אַזוי ווי בײַ די דײַטשן, וועט דער יידישער טעאַטער אַרײַנפֿירן „אַן אַלגעמיינעם מוסטער אויסשפּראַך" (פּרילוצקי 1930: 158). כּך לא הוה, די טעאַטראַלע אויסשפּראַך איז געבליבן — אין טעאַטער. די פּאָפּולערע השגה אַז דער טעאַטער אַרויסרייד איז דווקא „אוקראַיניש" אָדער „וואָלינער יידיש" איז ריכטיק אויף ווי ווײַט ס'ווערן אין אים אויפֿגעהיט יענע פֿאָנעטישע אייגנשאַפֿטן וואָס דער עולם באַטראַכט פֿאַרן „יסוד" פֿונעם „קאָמפּראָמיס דיאַלעקט": „ליטוויש ej" אין גייען, שטיין אָבער „פּויליש u" אין וואָגן, שלאָגן, „פּויליש i" אין מוזן, קומען א.א.וו. דער לינגוויסטישער אמת איז, ווי תּמיד, אַ סך מער קאָמפּליצירט. די פּויליש־יידישע יסודות זײַנען פּונקט אַזוי שטאַרק, מערניט דאָס זעט זיך ניט אָן היינט צוליב דעם וואָס אַ סך שטריכן פֿון אוקראַינישן יידיש זײַנען היינט אַזוי זעלטן אַז מ'האָט אין זיי פֿאַרגעסן, ווי אַשטייגער דאָס ריידן „אויפֿן חיריק" (libn אויף לעבן), דאָס אַרויסריידן u אין הויז, מויז און אַפֿילו די כ וואָקאַלן פֿון „טאַטע־מאַמע לשון". אָטאָ די אַלע שטריכן זײַנען דאָך אין טעאַטער דיאַלעקט ניט אַרײַן. ביזן היינטיקן טאָג איז די בעסטע באַשרײַבונג פֿון אונדזער טעאַטער דיאַלעקט נח פּרילוצקיס „די יידישע בינע שפּראַך" (פּרילוצקי 1927). ניט געקוקט אויף די טיילווײַז נאָרמאַטיווע כּוונות פֿון זײַן עסיי, האָט פּרילוצקי דערלאַנגט אַ גלענצנדיקן

לינגוויסטישן אַנאַליז פֿונעם טעאַטער דיאַלעקט אין פֿון די אַלע פּרטים אין וועלכע ער גייט זיך פֿונאַנדער מיט דעם אָדער יענעם וואַריאַנט פֿון דרום־מזרח יידיש.

אַנטקעגן פּרילוצקיס פּאָזיציע לטובֿת דעם טעאַטער דיאַלעקט איז דאָ אוריאל ווײַנרײַכס אָפּלייקענען זײַן עצם עקזיסטענץ:

> איך בין חושד, אַז זי איז אויף קיין שום רעאַלער אויסשפּראַך ניט געבויט, אַז זי איז אַ צופֿעליקער קאָנגלאָמעראַט פֿון די הכּרות פֿון עטלעכע פּראָמינענטע אַקטיאָרן, אַז זי האָט ניט קיין שום לינגוויסטיש מאָטיווירטע כּללים און קיין שאַרפֿע מאָסן פֿון קאָרעקטקייט. אַדרבא, זאָל אַ חסיד פֿון דער בינע אויסשפּראַך אָפּפֿרעגן די חשדים.
>
> (א. ווײַנרײַך 1951: 29)

אין דער זעלביקער דיסקוסיע (אוריאל ווײַנרײַכס דעבאַטע מיט חיים גינינגערן און שלמה בירנבוימען), האָט ווײַנרײַך באַוויזן אַז דער געשריבענער יידיש איז ניט אַזוי „אינטערדיאַלעקטיש" ווי ס'האַלטן די „דרומיסטן". אויסער דעם ליטווישן ej אויף וואו עס איז דאָ בײַ די באַטאָנטע וואָקאַלן אַ פּערפֿעקטע מיטשטימונג צווישן קלאַנג און אות אין די ניט־סעמיטישע טיילן פֿון יידיש, וואָס לערער פֿון אַנדערע לשונות קענען מערניט חלומען פֿון אַזאַ אויסגעהאַלטנקייט (א. ווײַנרײַך 1951). דעם געבוירענעם יידיש ריידנדיקן פֿון אַנדערע דיאַלעקטן איז דער יידישער אויסלייג טאַקע גוט און פֿײַן פֿאַר אַלע דיאַלעקטן. דעם אָנהייבער איז עס אָבער פֿאָלג מיך אַ גאַנג, מחמת די „אויטראַקוויסטישקייט" איז חל נאָר בײַ טייל ווערטער, דאָס הייסט, אַז זי — עקזיסטירט ניט. דער סטודענט וואָס

קומט צו יידיש פון דער פרעמד און וויל ריידן אַשטייגער פּויליש יידיש, קען פון דער שרייבונג ניט וויסן, אַז קמץ־אַלף איז ɔ אין גאָט, u אין טראָגן און ū אין פּאָרן; אַז וואָוו איז i אין זון (׳שמש׳), ī אין זון (׳אַ זון מיט אַ טאָכטער׳), əū (אין ליטעראַטור); אַז עין איז ɛ אין בעטן (וואו מ׳שלאָפט), ej אין בעטן (אַ טובה). און אַזוי ווייטער. דעם חילוק צווישן דער מיטשטימונג פון אונדזער אָרטאָגראַפיע מיט ליטוויש, און איר אומשטימונג מיט אַשטייגער אַ דרום־מזרחדיקן דיאַלעקט, האָט אוריאל ווײַנרײַך אויפגעוויזן גראַפיש (א. ווײַנרײַך 1951: 28); זע אויך בירנבוימס ענטפער (בירנבוים 1953). מ׳קען זייער דעבאַטע היינט אָפּמעסטן אָט אַזוי אָ: קינדער און סתם סטודענטן זיינען סוף כל סוף יאָ פעאיק צו לערנען שפּראַכן, וואָס זייער אויסלייג איז ניט צוגעפּאַסט צום אַרויסרייד (אַשטייגער ענגליש). אין פאַל פון יידיש קומט נאָך צו דער פאַקט אַז די מערהייט רעדט אויף איינעם פון די דרומדיקע דיאַלעקטן. קעגן דעם אַלעמען שטייט דער דעמאָגראַפישער מעמד פון יידיש אַלס „שוואַכע שפּראַך" וואָס דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף אַטראַקטיווקייט פאַרן סטודענט, און די מיטשטימונג צווישן אות און קלאַנג וואָס ביים ליטעראַרישן אַרויסרייד איז — „זייער אַטראַקטיוו".

וואו האַלט מען איצטער?

סוף צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז פאַראַן אַ יוצא־מן־הכלל וואָס איז עלול דעם „כלל" אַרויסצושטופּן: דאָס לשון ביי דער גרויסער מערהייט חסידים, וואָס ביי זיי

לעבט היינט יידיש מער ווי אומעטום, וואָס ביי זיי ווערט יידיש נאַטירלעכערהייט איבערגעגעבן פון דור צו דור. דאָרטן איז די נטיה להלוטין ניטאָ. אמת, די מעכטיקע ליובאַוויטשער ריידן ליטוויש יידיש, אָבער ביי זיי רעדט מען מיט קינדער אין דער היים יידיש ווייניקער איידער ביי די חסידים וואָס שטאַמען פון די דרומדיקע געביטן פון מזרח אייראָפּע; אַ סברא אַז ליטוויש יידיש האַלט זיך אַמשטאַרקסטן ווי אַ מוטערשפּראַך ביי יענע ירושלימער חסידים, בתוכם די בראַצלעווער, וואָס היטן אויף די הברה פון „אַלטן ישוב". איבער דער וועלט הערט מען אָבער ביים רוב חסידישע קינדער אַ דיאַלעקטיש ריינעם פּויליש־יידישן אַרויסרייד. קוקנדיק דעמאָגראַפיש זעט עס אויס, אַז דער נייער סטאַנדאַרדער יידישער אַרויסרייד וועט זיין געבויט אויפן פּוילישן יידיש, גענוי ווי עס האָט געוואָלט שלמה בירנבוים. צי מ׳וועט עס דעמאָלט קענען אָנרופן „ליטעראַרישער אַרויסרייד" וועט זיך פאַרשטייט זיך ווענדן אָנעם דעמאָלטיקן סאָציאַלן, קולטורעלן און ליטעראַרישן מעמד פונעם יידיש ביי חסידים איבער דער וועלט (צי „אַקטיווע" חסידים צי אַזעלכע וואָס וועלן אַריין אין נייע סביבות). מיר אַליין זיינען זיכער, אַז סוף כל סוף וועט אויפקומען אין יענע קרייזן אַ נייע און מעכטיקע יידישע ליטעראַטור אין איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. וועגן די־אָ נביאות וועט דאַרפן משפּטן דער לייענער פון הונדערט יאָר אַרום, וואָס וועט אונדזער בוך אפשר געפינען ערגעצוואו אין אַ ביבליאָטעק. . .

און אין ניט־חסידישע קרייזן, אין די קרייזן פון אוניווערסיטעטן און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס? מ׳ווייס קלאָר פון דער שפּראַך וויסנשאַפט, אַז דער גאַנג אָנצורופן

די ניט־ליטווישע אַרויסריידן „ניט ריכטיק“, איז אַריין אין כלל פֿון דברים בטלין ומבוטלין. יעדער נאַטירלעכער דיאַלעקט פֿון ייִדיש איז פּונקט אַזוי ריכטיק און פּונקט אַזוי שיין ווי יעדער אַנדער דיאַלעקט. זאָל מען אַפֿילו אָפּהיטן דעם ליטעראַרישן אַרויסרייד אויף גאַנצענע הונדערט פּראָצענט, בלייבט אָפּגעפֿרעגט די אַמאָליקע שיטה אין אונדזערע שולן, וואָס האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט דעם אַרויסרייד פֿון די דרומדיקע דיאַלעקטן. די לינגוויסטיק גיט צו וויסן, אַז עס זיינען ניטאָ קיין בעסערע און ערגערע דיאַלעקטן. די סאָציאָלינגוויסטיק ווייזט אויף, אַז אַ סטאַנדאַרדער אַרויסרייד קען עקזיסטירן ביז הונדערט צוואַנציק און מער, בשכנות און בשותפֿות מיט די דיאַלעקטן, וואָס זיינען טאַקע „ניט־סטאַנדאַרד“, אָבער בשום אופֿן ניט חלילה „סוב־סטאַנדאַרד“. שפּילריינס סך־הכל איז געבליבן פֿריש עד היום:

> די ריכטיקע באַציאונג פֿונעם לערער צו די דיאַלעקטישע באַזונדערהייטן: ניט שטרעבן אויסצואוואָרצלען דעם אונטערשייד צווישן זיין אויסשפּראַך און דער אויסשפּראַך פֿון די קינדער, נאָר שטרעבן וואָס מער צונויפֿבינדן די קינדער מיט דער ליטעראַרישער שפּראַך.

(שפּילריין 1926: 17)

צו דעם אַלעמען קומט צו נאָך אַ מאָמענט, וואָס קומט שטאַרקן די טענות פֿון די וואָס האַלטן ווייניקער פֿונעם ליטעראַרישן אַרויסרייד: ערשט איצטער, סוף צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נעמט ווערן רעכט שיטער דער דור געבאָרענע ייִדיש ריידנדיקע ייִדן, וואָס האָבן זייער לשון קינדווייז אויסגעלערנט אין מזרח אייראָפּע פֿאַרן חורבן. הייסן

הייסט דאָס, אַז אונדזערע אַלע מזרח־אייראָפּעאישע דיאַלעקטן זיינען אוצרות וואָס קענען פֿאַרשוואונדן ווערן אויב מ׳וועט זיי ניט אויפֿהיטן מיט ליבע און מיט עקשנות.

ווער ס׳וויל נוצן נאָר און בלויז דעם ליטעראַרישן אַרויסרייד, איז אויך גוט. ס׳איז אין גאַנג פֿונעם לעצטן יאָרהונדערט געוואָרן ניט נאָר אַ לעגיטימער אַרויסרייד, נאָר אַן אַרויסרייד וואָס ציט צו צו זיך גרויס דרך ארץ; ס׳איז דער אַרויסרייד פֿון געלערנטע, שרייבער, לערער, קולטור טוער, שול סיסטעמען. בשעת דיאַלעקטישע אַרויסריידן זיינען מסוגל צו זיין קולטורעל דערהויבן אין די אויגן פֿון דער ייִדיש ריידנדיקער געזעלשאַפֿט, איז דער ליטעראַרישער אַרויסרייד דווקא קולטורעל.

עס זיינען אויך אָנגענומען — וואו מער וואו ווייניקער — מישונגען צווישן דעם ליטעראַרישן אַרויסרייד מיט אַ וועלכן ניט איז דיאַלעקט. „חצי חצי“ מישונגען טרעפֿן זיך זעלטן, און בדרך כלל לאָזט זיך ריידן וועגן אַ דיאַלעקטיש באַפֿאַרבטן ליטעראַרישן אַרויסרייד, און אַ ליטעראַריש באַפֿאַרבטן דיאַלעקטישן אַרויסרייד.

פֿאַראַן אָבער צוויי „אומנאַטירלעכע גענג“ וואָס גרילצן אין אויער. ערשטנס: דאָס פּרובירן ריידן אויף אַ ריינעם דיאַלעקט ווען ס׳איז ניט נאַטירלעך, ווען דער אמת איז, אַז מ׳איז צוגעוואוינט צום ליטעראַרישן. אין „פֿאָלקלאָר“ פֿון דער אָקספֿאָרדער ייִדיש פּראָגראַם, ווערן אָפֿט דערמאָנט צוויי אַמאָליקע געסט פֿון אַמעריקע, ביידע איבערגעטריבענע דיאַלעקטן־פּאַטריאָטן. איינער האָט זיך אויף אַזויפֿל געסטאַרעט ריידן ליטוויש, אַז ער האָט „אַריינגעהאַקט“ דעם ej דאָרטן וואו ביי עכטע ליטוואַקעס איז דער דין גראַדע oj. האָט מען ביי אים אין זיין „ליטווישן עקסטאַז“ געקענט הערן

bejx אויף ׳בויך׳, hejz אויף ׳הויז׳. אַ צווייטער, פֿאַרקערט, האָט אין זיין „פּוילישן עקסטאַז״ געזאָגט gut רחמנא לצלן אויף ׳גאָט׳. נאָכמער, ער האָט די חכמה אַריבערגעפּירט אויף לאָנדאָן וואָס איז אין זיין מויל געוואָרן ניט אַנדערש: lúndn. דער יוצא מדברינו: טויזנט מאָל בעסער אַ געמיש פון נאַטירלעכן דיאַלעקט מיטן ליטעראַרישן אַרויסרייד איידער אַ ניט־געלונגענער פּוריסטישער דיאַלעקטן־פּאַטריאָטיזם.

צווייטנס: דער יידישער אויער (פֿאָרמעל גערעדט: „די יידישע אָרטאָעפּיע״) וואָס טאָלערירט יאָ מישונגען פון דיאַלעקט און ליטעראַרישן אַרויסרייד, טאָלערירט בשום אופן ניט קיין מישונגען צווישן דיאַלעקט און דיאַלעקט. אַז מ׳מישט דעם ליטווישן bejm ׳בוים׳ מיטן פּוילישן zíxn ׳זוכן׳, גרילצט עס. ניט ווייל ס׳איז אָביעקטיוו ניט שיין חלילה, נאָר צוליב דער אומנאַטירלעכקייט פון דער רעזולטירנדיקער סטרוקטור פון די קלאַנגיקע עלעמענטן. אין דער ליטעראַטור קריטיק איז דער ענין אויפגעשוואומען אין דער פּרשה גראַמען. די יידישע פּאָעטיק, נאָכגייענדיק דעם חוש פון די וואָס ריידן די שפּראַך, האָט בקול אחד פֿאַרדאַמט יענע פּאָעטן וואָס גראַמען אין איין ליד „אַמאָל פּויליש״ און „אַמאָל ליטוויש״, אַבי אַ גראַם (זע די ביבליאָגראַפיע ביי א. ווײַנרייך 1959: 436, הערה 43; פֿגל. איצט גאָלדבערג 1986).

טאָ לאָמיר אויפהיטן סיי דעם ליטעראַרישן אַרויסרייד, וואָס איז אַזאַ גרויסער אויפטו פון דער נייער יידישער קולטור, סיי די אַלע דיאַלעקטישע אַרויסריידן וואָס זיינען אַזאַ גרויסער אויפטו פון דער טויזנטיאָריקער געשיכטע פון יידיש.

אָ ר ט אָ ג ר אַ פ י ע

גאונות פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע

סעמיטישע אַלפאַבעטן פאַרמאָגן, היסטאָריש גערעדט, נאָר און בלויז קאָנסאָנאַנטן. דעם וואָס רעדט נאַטירלעך אַ סעמיטיש לשון, מאַכט עס איבעריקס ניט אויס. ער שטויסט זיך שוין אָן די וואָקאַלן, דער עיקר צוליב דער סטרוקטור פון די סעמיטישע שפּראַכן, וואו די שרשים באַשטייען פון דריי קאָנסאָנאַנטן און די וואָקאַלן בויען די מאָרפאָלאָגיע — די בייגונגען אויף פערזאָן, צאָל, צייט א.א.וו. דער „קלאַסישער סעמיט״, וויבאַלד ער קוקט אָן אָטאָ די דריי קאָנסאָנאַנטן, זעט ער גלייך אויף אַן אָרט דעם שורש; די וואָקאַלן ווייס ער אַליין ווייל ער רעדט דאָך די שפּראַך פון דער היים. ביי אַ גאַנצער ריי סעמיטישע שפּראַכן, בפרט ביי אַזעלכע וואָס זיינען אויסגעשטאָרבן אַלס טאָגטעגלעכע גערעדטע לשונות און וואָס האָבן ווייטער געלעבט ווי ליטעראַרישע שפּראַכן, שפּראַכן אויף לערנען און תפילה טאָן, האָט מען צוגעקלערט סיסטעמען פּינטעלעך (דיאַקריטישע צייכנס) אויף אָנצואווייזן די וואָקאַלן, דעמאָלט ווען מ׳האָט זיך שוין ניט „אָנגעשטויסן״ מבטן ולידה. מיט העכער טויזנט יאָר צוריק זיינען אויפגעקומען ביי יידן אין מיטעלן מזרח פאַרשידענע סיסטעמען נ י ק ו ד, וואָס איינע פון זיי, די סיסטעם פון טבריה, וואָס שטאַמט פון די חכמי טבריה און

בפֿרט פֿון דער משפּחה בן אשר, איז געוואָרן ביי יידן דער סטאַנדאַרדער ניקוד פֿון לשון קודש און אַראַמיש.

סיסטעמען פּינטעלעך זיינען פֿיין און גוט אויף צו לערנען מיט קינדער לייענען, און צום אַלגעמיינעם באַנוץ ביי אַזעלכע הייליקע לשון־קודשדיקע ספֿרים ווי דער תנ״ך און דער סידור. אַז ס׳גייט אָבער די רייד וועגן אַ לעבעדיקער גערעדטער שפּראַך, זיינען פּינטעלעך פֿאַרקערט אַן אָנשיקעניש, סיי פּראַקטיש סיי פּסיכאָלאָגיש. זיי שטערן דעם ריטעם פֿון שרייבן צוליבן כּסדר צוריקגיין און פּינטלען. די אויגן הייבן אָן פּינטלען ביים לייענען.

נאָך אין ארץ ישׂראל און אין בבל האָט מען אויסגעזוכט אַ פּרינציפּיעלע תּרופֿה דערויף. מ׳האָט גענומען אותיות אויף אַמאָליקע קאָנסאָנאַנטן, וואָס האָבן אין גאַנג פֿון דער געשיכטע אָנגעוואָרן זייער קאָנסאָנאַנטישקייט און זיי אויסגענוצט אויף: וואָקאַלן. אָטאָ דער פּראָצעס, ביי לשון קודש און אַראַמיש, האָט געפֿירט צום כּתיב מלא (׳די פֿולע שרייבונג׳): דאָס נוצן וואָו אויף די הינטערשטע וואָקאַלן מלאפֿום, שורוק און חולם; דאָס נוצן יוד אויף די פֿאָדערשטע וואָקאַלן חיריק און צירה. ווי אַ סיסטעם שרייבן איז יידיש אַזוי אַרום ניט געבאָרן געוואָרן מיט טויזנט יאָר צוריק, נאָר מיט טויזנטער יאָרן צוריק אין אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך פּשוט ווייטערגעפֿירט פֿון לשון קודש ביז אַראַמיש ביז יידיש, פּונקט ווי די דריי לשונות גופֿא פֿורעמען אויס, צוריקקוקנדיק, אַ ניט־איבערגעריסענע קייט שפּראַכן ביי יידן (זע בירנבוים 1953: 115-119; ה.־ד. קאַץ 1991א: 36-37, 85-86).

אַ קאָנסאָנאַנטישער סעמיטישער אַלפֿאַבעט איז הדרגהווייז און אויף אַ וואונדערלעכן אופֿן צוגעפּאַסט

געוואָרן צו אַן אייראָפּעאישער שפּראַך — יידיש — וואו די וואָקאַלן זיינען אומבאַדינגט נייטיק. דער סוף־פּונקט פֿון דער אַנטוויקלונג איז דער גראַנדיעזער סטרוקטורעלער אויפֿטו: אַ יידישע אָרטאָגראַפֿיע וואָס איז אויסערגעוויינלעך פֿאָנעטיש (לגבי דעם ליטעראַרישן אַרויסרייד), וואָס איז גענוג אינטערדיאַלעקטיש, פּסיכאָלאָגיש גערעדט, אויף ניט סותר צו זיין די וואָס ריידן אויף פֿאַרשידענע דיאַלעקטן, און — דאָס אַלין דערגרייכט אָן דער אָנשיקעניש פֿון „פֿרייע פּינטעלעך״, אַזעלכע וואָס דאַרפֿן צוגעשטעלט ווערן דאָ און דאָרטן (קמץ־אלף און פּתח־אלף זיינען סטרוקטורעל גערעדט באַזונדערע אותיות; די שייכותדיקע קלאַנגען ווערן תּמיד איבערגעגעבן מיט די־אָ אותיות).

שוין אין אַלט יידיש איז דאָ, אַחוץ וואָו (אויף הינטערשטע וואָקאַלן און דיפֿטאָנגען) און יוד (אויף די פֿאָדערשטע) — די המצאות צוויי יודן אויף ej און aj דיפֿטאָנגען (וואָס דערפֿאַר איז אויך געווען אַ פֿריערדיקע טראַדיציע); עין אויף e וואָקאַלן; אלף אויף a און o וואָקאַלן (זע אַשטייגער שטיף 1928; טים 1987). ערשט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט ווערט די יידישע סיסטעם כּמעט אינגאַנצן פֿאָנעטיש דורך דער דיפֿערענצירונג פֿון פּתח־אלף ביז קמץ־אלף, פֿון קמץ־אלף ביז וואָו יוד, פֿון עין ביז יוד, פֿון איין יוד ביז צוויי. אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קומט אויף דער לעצטער אות, דער פּתח צוויי יודן, וואָס איז נייטיק אויף אַ שלמותדיקער פֿאָנעטישקייט, בפֿרט ביים אויסלערנען זיך די שפּראַך. אַזוי אַרום ווערן אַלע אָדער כּמעט אַלע וואָקאַלן פֿונעם ליטעראַרישן אַרויסרייד רעפּרעזענטירט אשה כּאחותה, איין סימן פֿאַר איין קלאַנג, דאָס וואָס הייסט ביים עולם אַ „פֿאָנעטישער אַלפֿאַבעט״.

שרייבן איז אָבער ניט נאָר אַן ענין פֿון פּאַנעטישקייט, ס'איז אויך אַן ענין פֿון באַקוועמלעכקייט, פֿון קלאָרקייט, פֿון איינגענאַמקייט — סוביעקטיווע מאָסן וואָס זיינען געקניפּט מיט דער טראַדיציע, מיט שרייב־רגילותן וואָס ווערן איבערגעגעבן אין גאַנג פֿון דור־דורות. אין משך פֿון גאַנצע טויזנט יאָר איז אויף יידיש דאָ דער שטומער אלף וואָס מיט אים הייבט מען אָן ווערטער און טראַפֿן אויף וואָוו, וואָוו יוד, יוד, צוויי יודן: און, אויף, איך, אייך, אייזן, וויטערפֿירנדיק אַ שרייב־רגילות וואָס איז אַלט טויזנטער יאָרן, וואָס איר מקור איז צום זוכן אין די צייטן ווען דער אלף איז נאָך געווען אַ קאָנסאָנאַנט (דער ?). די „באַקוועמלעכקייט" פֿונעם שטומען אלף אין און, אויף, וכדומה, איז אויב אַזוי ניט קיין „לאָגישע", זי וואַקסט פֿון דער אוראַלטער טראַדיציע מ'זאָל ניט זען אָנהייב וואָרט קיין וואָקאַלישן וואָוו, אָדער יוד. אָטאָ די רגילות וואַקסט ווידער פֿון דער אַלט־סעמיטישער סטרוקטור פֿון טראַפֿן, לויט וועלכער יעדער טראַף מוז זיך אָנהייבן מיט אַ קאָנסאָנאַנט.

אַחוץ דעם איז דאָ אין יידיש אַ טויזנטיאָריקע געשיכטע פֿונעם מחיצה־אלף, וואָס זיין הויפּט אַרבעט איז פֿונאַנדערצוטיילן צוויי וואָוון (אויפֿן קאָנסאָנאַנט v) פֿון איין וואָוו (אויף אַ וואָקאַל), דאָרטן וואו ס'קומט צו אַ צונויפֿשטויס: וואו, וואונדער, וואוינען א.א.וו. אין ניינצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז דער מחיצה־אלף געקומען אויך סיסטעמאַטיש אויסצומיידן דריי נאָכאַנאַנדיקע יודן (שנייאיק), און פֿונאַנדערצוטיילן צוויי באַזונדערע וואָקאַלן וואָס געהערן צוויי טראַפֿן, מ'זאָל זיי ניט לייענען על פּי טעות ווי אַן איינאיינציקן דיפֿטאָנג (פֿעאיק, מ'זאָל ניט לייענען פֿעיק = fejk).



דער מחיצה־אלף איז אַזוי אַלט ווי די יידישע שפּראַך, ער טרעפֿט זיך שוין אין עלטסטן ליטעראַרישן מאַנוסקריפּט, אין קיימברידזשער קאָדעקס פֿון 1382, וואו עס שטייט: וואו (פֿאַקסימיליע: פֿון פֿוקס 1957, I: 60 [30]). אַפֿשיטא אַז דעם מחיצה־אלף האָט מען געירשנט פֿון די בראשית יאָרן פֿון אַשכנז. אין משך פֿון אַלע דורות, האָט מען מיט קינדער געלערנט דעם צוועק פֿונעם מחיצה־אלף. דער פֿראַגמענט אונטן איז פֿונעם מראה הכתב (בערך 1717; פֿגל. ה.־ד. קאַץ 1990: 194-195).



דורך דעם אַלעמען איז אַ כמעט ריין קאָנסאָנאַנטישער אַלפֿאַבעט פֿון אַ סעמיטישער שפּראַך מגולגל געוואָרן אין אַן אַלפֿאַבעט, וואָס שפּיגלט אָפּ אַן אייראָפּעאישע שפּראַך, מיט אַלע אירע נייטיקע וואָקאַלישע סימבאָלן, נוצנדיק נאָר און בלויז די עקזיסטירנדיקע אותיות גופֿא, אָן אַריינפֿירן פּינטעלעך. פֿאַר דער אַלמענטשלעכער געשיכטע פֿון דער שריפֿט איז עס אַ יוצא־דופֿנדיקער פֿאַל וואָס מען וועט ערשט שטודירן בתורת עווידענץ פֿאַר דער אינערלעכער דינאַמיק פֿון סיסטעמען שרײַבן.

דער וועג צו דער נייער אָרטאָגראַפֿיע

די געשיכטע פֿון יידישן אויסלייג קען מען אָנשרייבן אין דיקע בענד. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער היינטיקער פּראָבלעמאַטיק, איז כדאַי מאַכן אַ דורכפֿאָר בקיצור, אויף צו באַנעמען געוויסע עיקרים אין שייכות מיט די רעפֿאָרמען אין ניינצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

„דער אַלט־יידישער אויסלייג" איז דער פּאָפּולערער, כוללדיקער נאָמען פֿאַר דער יידישער אָרטאָגראַפֿיע פֿון אירע סאַמע אָנהייבן און ביזן אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט. ווער ס'שטודירט טעקסטן פֿון אַזויפֿל יאָרהונדערטער געפֿינט אַ וועלט מיט וואַריאַציע לויט דער צייט, לויטן אָרט, און לויטן שרייבער. דאָ וועט קלעקן צו דערמאָנען אַ פּאָר גרונט־שטריכן: דער באַנוץ פֿון שין סיי אויפֿן היסטאָרישן s סיי אויפֿן š (וואָש סיי אויף 'וואָס' סיי אויף 'וואַש'); דאָס אָפּט ניט באַצייכענען אָרטאָגראַפֿיש דעם

דוגמאות פֿון אַלט־יידישן אויסלייג:



פֿון: ספֿר מידות (אייזנע [איסני], 1542)



פֿון: צאינה וראינה (באַזל, 1622)



פֿון: בית ישראל (אָפֿנבאַך, 1719)



פֿון: ספֿרי ארבעה ועשרים (גראָדנע און ווילנע, 1820)

אַדאַנק: יהודה עלבערג (מאָנטרעאָל)

באַטאָנטן a (זך אויף 'זאַך') און ס'רוב ניט־באַטאָנטע וואָקאַלן (גזאגט אויף 'געזאָגט'); דאָס נוצן יוד אויפן אומבאַטאָנטן פּאַרטונקלטן וואָקאַל (גרושי אויף 'גרויסע'); דאָס נוצן אלף אויף a און o וואָקאַלן (דאך אויף 'דאָך' און 'דאַך').

דאָרט וואו מ'האָט אָנהייב אָנגעהויבן מיטן נײַנצנטן יאָרהונדערט אַרויסגעוואָרפן די אַלטע „משקיט" אותיות, האָט מען בדרך כלל אַרײַנגעפירט מרובע מיט פולן ניקוד, אַזוי ווי ביים לשון קודש פון חומש און סידור (און אָפטמאָל איז טאַקע געגאַנגען אין „עברי טייטש" אויסגאַבעס פון די־אָ ספרים, אַמאָפּטסטן מיט לשון קודש אויבן און די יידישע איבערזעצונג אונטן). אין אַ סך טעקסטן נעמען זיך באַווייזן באַזונדערע סמך און שין און אַ קאָנסעקווענטער באַנוץ פון יוד אויף אומבאַטאָנטע וואָקאַלן.

דער נייער מזרח־אייראָפּעאישער אויסלייג האָט קאָנקורירט מיטן נייעם דייטשמערישן אויסלייג, וואו מ'האָט אַרײַנגעפירט: דעם „שטומען עין" פאַר נון און למד, נאָכמאַכנדיק די דייטשישע ענדונגען -en, -el (זאָגען אָנשטאָט די פריערדיקע זאגן און זאגין; טונקעל אָנשטאָט די פריערדיקע טונקל און טונקיל); דעם „שטומען הא" דאָרטן וואו אויף דייטש זעט זיך h (פאָהרען אויף פאָרן, פּאָרין); דאָס נוצן עין אויפן אומבאַטאָנטן פּאַרטונקלטן וואָקאַל (האַלבע אָנשטאָט די פריערדיקע האלבי, הלבי); און בכלל אַ היפּשע צאָל פאַרשידענע שרייבונגען וואָס מאַכן נאָך דייטשישע שרייבונגען (בעליעבט, האָפנונג, צוליעב וכו').

דאָס איז בעצם דער אויסלייג, וואָס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אינאיינעם מיטן אויפקום פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ביי די קלאַסיקער. מיט דער צייט האָט אָטאָ די



אויבן: פראַגמענט פון יחזקאל ל"א פון כתבי קדש מן עשרים וארבעה (ווילנע 1843).


גאט אונ האב יכולת צוא טאן וואש איך וויל: (ז) ונבאתי כאשר צויתי האב איך נביאות
גיזאגט אזוא וויא איך בין גישאפט גיווארין ויהי קול כהנבאי והנה רעש אונ עש איז גיוועזן
איין קולו וויא איך האב נביאות גיזאגט אונ נון איין שטורעם איז גיוועזן פון דיא
ביינער וואש זייא האבין גיקלאפט אייגער צום אנדערין ותקרבו עצמות עצם אל עצמו אונ
דיא ביינער האבין גינעהענט איין ביין צוא זיין ביין וואש ער איז גיוועזן באהעפט צוא
אים: (ח) וראיתי והנה עליהם גידים ובשר עלה ויקרם עליהם עור מלמעלה אונ איך האב גיזעהען
אונ נון עש איז גיווארין אויף דיא ביינער אדערין אונ פלייש איז אויף גיוואקסין אויף
זייא אונ איין הויט איז ווארין איבער גיצויגין אויף דיא פון אויבין ורוח אין בהם אונ איין
רוח איז נאך ניט גיוועזן אין זייא: (ט) ויאמר אלי הנבא אל הרוח האט גאט גיזאגט צוא מיר
זאג נביאות צום רוח הנבא בן אדם זאג נביאות דוא בן אדם ואמרת אל הרוח כה אמר אדני
להים אונ זאלשט זאגין צום רוח אזוא האט גיזאגט גאט דער האר מארבע רוחות בואי
רוח ופחי בהרוגים האלה ויחיו פון אלע פיר זייטין פון דער וועלט וואש דיא רוחות אונ
דיא נשמות פון דיא הרוגים זיינען אהין גיפלויגין פון דארטין קום איטליכער רוח אונ
בלאז דיך אריין אין דיא דאזיגע הרוגים אונ לאזין זייא לעבדיג ווערין: (י) והנבאתי כאשר
צוני האב איך יחזקאל נביאות גיזאגט אזוא וויא גאט האט מיר גישאפט ותבוא בהם הרוח
ויחיו אונ עש איז אריין גיקומען אין דיא דער רוח אונ דיא זיינען לעבדיג גיווארין ויעמדו
על רגליהם חיל גדול מאד מאוד אונ האבין זיך אויף גישטעלט אויף זייערע פיס זייער
אונ זייער איין גרויש חיל: (יא) ויאמר אלי בן אדם העצמות האלה כל בית ישראל המה האט

אונטן: דער זעלביקער פראַגמענט פון אַן אויסגאַבע מיט פערציק יאָר שפּעטער (ווילנע 1883). דער בייט אין גראַפיק און אָרטאָגראַפּיע איז ניט אָפּצוטיילן פון דער מאָדערניזירונג פון דער שפּראַך־שבדפוס גופא.

טייל פון די שריפט—אויסלייג קאָמבינאַציעס אין 19טן יאָרהונדערט:


האָט פר ווייס חוה גזיט חוס וויח גיזאגט דורך דיח (נבואה) צו אברהם
וייס ערוואן · פר פֿהרט ויח ניט נאך דען גיאיינן וועלט זויך אדר דרך חרן

משקיט

פון: מחזור לשמיני עצרת ושמחת תורה (אופיבאַך 1804)


רבונו של עולם! ווס דיר הייטע ווגורע תפֿלה ווגעגעבען וויין, גוייל־
וויח חונו ווגעגעגעבען ווחרען דיח עשרת הדברות צור לייט, וואו רוח חונו

משקיט מיט אָרטאָגראַפֿישער (און שפּראַכיקער!) פֿאַרדייטשונג

פון: סדר תחינות ובקשות פיר פראָממע יידישע פרויען (רעדעלהיים, 1869)


(א) שפּריכווערטער פון שלמה דוידס זון קעניג פון
ישראל: (ב) וויא אזו מאל וויסען וואס חכמה

מרובע מיטן פולן ניקוד

פון: מענדל לעפינס משלי איבערזעצונג (בערך 1814)


(1) פּאַר פֿאָהרען מיט׳ן באַנן 1 קלאַס קומט
צוא 3 קאָפּ׳ פֿינים ווערסט, 2 קלאַסע

מרובע מיטן פולן ניקוד ביי אָרטאָגראַפֿישער פֿאַרדייטשונג

פון: לינעצקיס פּראַקטישער פֿאָלקס קאַלענדאַר (1876)

אַדאַנק: הערמאַן זים (פירסטענפעלדברוק, דייטשלאַנד)


אלליין בין איך א געבוירענער פֿון צביאטשין, איך
הייס מענדעלי דער מוכר ספרים. יאהרענלאנג בין איך במעט

מרובע אָן ניקוד ביי אָרטאָגראַפֿישער פֿאַרדייטשונג

פון: מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע״ אין אַדעסער קול מבשר (דעם 24טן נאָוועמבער 1864)

אָרטאָגראַפֿיע אַרויסגעוואָרפֿן יוד, יודיש און אָנגענומען איד, אידיש. אַ סברא אַז די קאָנסעקווענטע דיפֿערענצירונג אַ כנגד אַ — טאַקע מיט קמץ צי פּתח אונטערן אלף, ניט אונטערן פֿריערדיקן אות, איז אויך אַריין אינאיינעם מיט דער „דייטשמערישער אָרטאָגראַפֿיע״ (כנגד o און a).

בעת סיי דער נוסח מיט ניקוד און סיי דער דייטשמערישער נוסח, סיי ביידע בבת אחת, זיינען געווען ביז גאָר פֿאַרשפּרייט, זיינען שוין געווען פֿאַרשידענע פּראָיעקטן אויף צו מאָדערניזירן און סטאַנדאַרדיזירן דעם יידישן אויסלייג. טייל זיינען געבליבן אין די ראַמען פֿון טשיקאַווע עקספּערימענטן, אַשטייגער די אָרטאָגראַפֿיע אין ליפשיצעס ריסיש־יודישען ווערטער ביך (זשיטאָמיר 1869), וואו עס שרייבט זיך אַשטייגער אָיסגעניםען (׳אויסגענומען׳), דערכּפֿאַלען (׳דורכפֿאַלן׳), וואָס (׳וואָס׳). סאָציאָלאָגיש גערעדט איז אַ וויכטיקער שטויס אויף להבא געווען שלום עליכמס „וועגען זשאַרגאָן אויסלעגען״ אין זיין יודישע פֿאָלקסביבליאָטהעק, אַרויס אין 1888, אין סאַמע תוך פֿון די יאָרן פֿון דער דייטשמערישער אָרטאָגראַפֿיע וואָס האָט פֿאַרשטייט זיך אויך געוועלטיקט אין דער פֿאָלקס־ביבליאָטהעק גופֿא.

אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זיינען געווען פּראָיעקטן פֿון האָכבערג, וויינגער, זאַמענהאָף, זשיטאָמירסקי, יאָפֿע, פּרילוצקי, קרינסקי און אַנדערע (זע די רשימות ביי באָראָכאָוו, 1912, און ביי רייזענען, 1920: 126-127; פּגל. שפּילריין 1926: 14-15). וויינגערס ביכלעך, מאיג אלעקבעיז און מאיג איסלעיגונג (וויינגער 1913א און 1913ב) האָבן קיין דירעקטע השפּעה אויף ווייטער ניט געהאַט, נאָר וואָס, זייער דרייסטקייט האָט אויפֿגעוויזן אויף וויפֿל דער

שלום עליכמס ערשטע, מעסיקע טריט אויף צו רעפאָרמירן די קלאַסישע „אַלטע אָרטאָגראַפּיע" פון 19טן יאָרהונדערט (צוויי זייטלעך פון זיין יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק = שלום עליכם 1888א: 474–475).

אַדאַנק: אברהם ליס, דירעקטאָר פון בית שלום עליכם, תל אביב

װעגען זשאַרגאָן אױסלײגען (אָרטאָגראַפּיע)

אונזערע לעזער װעלען דאָ געפינען אַגאַנץ ביסעל דרוקפעהלער, װעלכע מיר האָבען בעמערקט, פאַרבײגעהענדיג איבער דער „ביבליאָטהעק", דאָס זענען די הױפּטפעהלער, די גראָבע גרײזען, אין װעלכע עס איז שולדיג, װי דער שרײבער איז, דאָס בפקה־היקהל, דער בחור הזעצער; די איבעריגע װערטער, למשל, װאָס מיר שרײבען: „אַרע" — ניט „אַלע", „פאַרען", „פאַלען", „װיסען" — ניט „װיססען", „װאַלד" — ניט „װאַלד", „צוריק" — ניט „צוריקק", „װילד", „קאַן" — ניט „קאַנן", „קומען" — ניט „קוממען", „אַראָפּ", „פאַר" — ניט „הערעאָב", „פיר", וכדומה ... רעכענען מיר גאָר ניט פאַר קײן גרײזען. דען צו װאָס מוזען אונז די איבעריגע אותיות, װאָס שלעפּען זיך גאָר סתם אין װערטער אַרײן בחנם? מכח נקודה, שרײבען מיר דײטש, דאַרפען מיר האָבען אַלע כללים פון דער דײטשער שפּראַכע; נו, װיער לשון טעט אונז דען באַמת פאַרשטעהן? צריך אַבער, נאָר אײנזאַמען פערגרײזען אונזער זשאַרגאָן, קאָנען מיך ניט, אונז מען מוז דאָך אױסאַרבײטען געװיסע געװיסע כללים, דאָס הײסט, געװיסע צײכענס, בכדי אַלע זאָלען שרײבען איך אײן שפּראַכע און אײנער קען אַנדערען זאָל קאָנען פערשטעהן.

דרום האָבען מיר אױסגעקליבען אין דעם ענין פון אױסלײגען (אָרטאָגראַפּיע, אָדער אָרטהאָגראַפּיע) פונקט די מיטעלװעג, און די „ביבליאָטהעק" האָט זיך געפליסען, װי װײט מעגליך, דאָס לשון ניט זעהר פערדײטשען אָבער אויך ניט שטאַרק פערגרײזען, נאָר גראַדע אַזױ װי מען רעדט בײ אונז, יודען, דאָ אין רוסלאַנד (ניט אין דײטשלאַנד) אין אַלע אָרטער. דעם סאָרט אָרטהאָגראַפּיע האָט שױן לאַנג אָנגעהױבען אױסצואַרבײטען דער „קול מבשר" און נאָכדעם דאָס „יוד־פאָלקס־בלאַט", אַזױ אַז די בעסטע אונזערע זשאַרגאָניסטען שרײבען אַלע אין דעם אופן. מעהר פון אַלע האָט אונז באַװיזען אונזער גרױסער פאָלקסשרײבער א ב ר א מ א װ י ט ש, בעקאַנט אין אַגאַנצען בעלעזענעם יודישען זשאַרגאָנישען פובליקום, אַז מען קאָן זיך גאַנץ בלײבען באַגײען אָהן מעהר דײטש און אָהן לשון־קודש, נאָר מיט פּשוטע יודיש, אַזױ װי מען רעדט. פונקט אַזױ װעלען זיך נעהמען אײניגע בעקאַנטע מיטאַרבײטער פון דער „פאָלקס־ביבליאָטהעק", האַלטענדיג זיך נאָר אין די עטליכע געגעבענע כללים, דהיינו:

1. מען דאַרף שרײבען י ו ד י ש, אַזױ װי מען רעדט.

2. מען דאַרף שרײבען אַזױ, אַז סאַי דער פּראָסטער רײנער, סאַי דער ליטװאַק קאָנען פערשטעהן.

3. יעדער זשאַרגאָניסט דאַרף געדענקען אַז ער שרײבט זשאַרגאָן, ד. ה. מעהר פאַרן פאָלק, פאַרן המון עם.

4. דאָס אױסלײגען פון די דײטשע װערטער דאַרפען זײן מעהר נאָהענט צו דײטש.

5. עס דאַרף זײן אַחדות צװישען װערטער, װאָס װערען גלײך אױסגערעדט און האָבען באַזונדערע בעדײטונגען, למשל: „שטײן" — Камень און „שטעהן" — стоять; „צעהן" — десять, און „צאָהן" — зубы; „זײער" — въ, און „זעהר" — очень; „רײען" — ряды; און „צײלען" — считать; „װעניג" — мало, און „װײן" — вино; „זין" — смыслъ, און „זוהן" — сынъ, „זון" — солнце; „איהר" — ея, ей, און „איר" — вы; „פיער" — четыре, און „איך פיהר" — я веду, я везу; „אָן דעם" — за это, און „אָהן דעם" — безъ этого; „װעגען" — дороги пути, און „װאָגען" — вѣсить; „פיעל" — много, און „איך פיהל" — я чувствую, א. ז. װ. ...

מיר מוזען זיך מודה זײן, אַז דאָס לשון פון דער „ביבליאָטהעק" בכלל איז מעהר פּױליש, אַלס ליטװיש, דאָס הײסט: מעהר װי מען רעדט בײ אונז אין פּױלין, אין װאָהלין, אוקריינא, אַלס װי מען רעדט אין דער ליטא, װאו די יודען האָבען בעזונדערע אױסספּראַכע (выговоръ произношеніе), און דאָס איז דערפאַר, װײל אין דער „ביבליאָטהעק" זענען די שרײבער מעהרסטענטהײל פּױלישע יודען. קײנער טעט אונז אָבער ניט אײנרעדען, אַז דער ליטװאַק פערשטעהט ניט אונזער פּױלישען זשאַרגאָן, און ניט נאָר דער ליטװאַק, אפילו דער אמת'ער דײטשער יוד (ניט פון די ליטװישע דײטשען) פערשטעהט אויך אונזער לשון, אויב ער װיל נאָר ...

עס טרעפט אָפטמאָל צו לעזען, װי אײניגע מאַכען חוזק איבער די אױסדריקע אונזער זשאַרגאָן, למשל: „בעשײנפערליך", „קאָמפּעריערט", „מיסטײז גענאַנט" *) „מאַי (פּאַי)", „קאַפּאַטעס", „מכובא היהי" (מבחינתי), „אי אַהער אי אַהין", „גילקהקוה", „חלעבען", וכדומה, אַזעלכע װערטער, װאָס טראָגען בעצײכענען געװאָהנליך, ניט אין הױכע פילאָזאָפישע, אָדער פּאָליטישע שמועסען, נאָר אין אַזעלכע אָרטער, װאו עס קומט פאָר צו בעשרײבען דאָס װירקליכע לעבען פון'ם פאָלק. מיר פרעגען: װאָס מעג ניט שטעהן ניט, װאָס קאָנען אַזעלכע װערטער שאַדען? אדרבה, װאָס מעהר װערטער,

*) נאָך אַזעלכער מינוג נעמט זיך דאָס װאָרט „מיסטיפיציאַציע" [illegible]

יידישער אויסלייג איז ניט „לאָגיש". די „הוצפה" פון ווײַנגערס פּראָיעקט האָט זיכער געגעבן מוט די מער מעסיקע רעפאָרמירער. די שרייבערישע רעאַקציעס צו ראַדיקאַלע רעפאָרמען זיינען אָפט געווען שאַרפע (זע למשל כ"ין 1913: 62–63).

אַ בעל השפעה אויף ווייטער איז דעמאָלט געווען לודוויג זאַמענהאָף, דער באַשאַפער פון עספּעראַנטאָ. אין ליטווינס לעבען און וויסענשאַפט האָט ער פאַרעפנטלעכט אונטערן פסעוודאָנים Dr X זיין אַרטיקל „וועגן אַ יידישער גראַמאַטיק און רעפאָרם אין דער יידישער שפּראַך" (זאַמענהאָף 1909). דעם אַרטיקל דאַרף מען לייענען „מיט פסיכאָלאָגיע". זיין אַרויסגעזאָגטע שטעלונג איז דאָך כידוע לטובת דער צום־דורכפאַל־פאַרמשפּטער לאַטייניזאַציע. קוקט מען זיך אָבער צו, וואָסער מין לאַטייניזאַציע עס וויל דערגרייכן דער Dr X, און קוקט מען אַריין אין די אויפקלערערישע „דוגמאות" וואָס ער ברענגט מיטן יידישן אלף־בית, זעט מען באַלד אויף אַן אָרט אַז ער וויל הונט, ניט הונד; אונדז, ניט אונז; גאָט, ניט גאָטט. אינעם פאַל פון „שטומען עין" האָט ער צווישן אים און דעם „אָרגאַנישן עין" דיפערענצירט, אמת, נאָר אין דער לאַטייניזאַציע, אָנווייזנדיק אויף די קאָנטראַסטן צווישן (נוצנדיק זיין סיסטעם) briken 'בריקן איבער טייכן' און briken 'בריקען מיט די פיס' (זאַמענהאָף 1909: 53). שוין ניט קיין ווייטער מהלך ביז צו דער דיפערענצירונג אויך מיט די י י ד י ש ע אותיות.

ווי די זאַך זאָל ניט שטיין, איז זאַמענהאָף נאָר דער אָ נ ז אָ ג ע ר פון דער נייער אָרטאָגראַפיע, ניט דער פאָרמולירער, ניט דער פּראָקלאַמירער. טייל פון זאַמענ־האָפס פאָרשלאַגן געפינט מען אין זייער געשטאַלט אין

Наѣзда́ть אנפֿאַרען, אריפֿפֿאַרען, אנשלאַגען זעך בשעת פֿאַרען, באנגעגנען בשעת פֿאַרען.	Невозбра́нный ניט פֿאַרבאָטען, ניט פֿאַר־ וועהרט.
Наябедничать אנרעדען, פֿאַרמסרן.	Невозд́ланный ניט איסגעארביט; אים־ געקאָנטשעט.
На яву́ בהקיץ, וואַכענדיג, ניט אין חלום, ווערקלעך.	Невозмо́жность (נ') דאס איממעגליכקייט.
Наянливость דאס עזות, דיא העזה, דאס חצופות. (נ')	Невозмо́жный אימעגלעך.
Наянъ דער עזות־פּנים.	Нево́лить נעטיהן. צווינגען.
Не ניט, נישט; אנ־, אימ־.	Невольникъ דער פֿאַראנע, קנעכט; שביהניק.
Небережли́вость דאס איסברענגערייא; דאס נאַכלעסיקייט, אבגעלאָזטקייט, שלימע־ זאלניקייט. (נ')	Нево́льничество דיא תּפיסה, שביה; דער גלות.
Небеса דיא הימלען.	Неворо́ть ניט איבערגעניציוועט, ניט איבער־ געקעהרט. (נ')
Небесный הימעל־, הימעלש, הימעלריג, פֿין־הימעל.	Невразуми́тельный ניט פֿארשטענדלעך.
царство—ное יענע וועלט, עולם־הבא.	Невреди́мый ניט קאַליע.
Неблагочи́нный אימפּאַסיג, ניט אנ־ שטענדיג, אימכבבוריג.	Невсту́пно ניט אין גאַנצען, ניט בשלימות.
Небо דער הימעל; גאָט.	Невыгода דיא רעה, דער שטימפּ.
Небоскло́нъ זעה Горизо́нтъ	Невѣдомый אימבאַקאַנט, וואס מע ווייסט ניט.
Небрещи́ ניט פֿאַרזאמען, פֿאַרנאַכלעסיגען, אבהיטען.	Невѣжа,-жда דער עם־אָרץ, פּראָסטאַק, גראָביאַן.
	Невѣ́жественный, עם־אָרציש, גראָביאַנסקע,

עקספּערימענטאַלע אָרטאָגראַפיעס:

אויבן: פראַגמענט פון י. מ. ליפשיצעס רוסיש־יידישן ווערטער־בוך (ליפשיין 1869: 175).

אונטן: פראַגמענט פון מ. ווייַנגערס אָרטאָגראַפישן פראָיעקט (ווייַנגער 1913ב: 3).

יר גילט קריגנ א בעגריף געגנ דעמ, ואס אואינס די יידישע איסלעיגונג יז!

נעמט דאס ערשטע בעכטע דאיטשע ביכל ונ קיקט זיכ צו, גי ס'גערנ דארט איסגעלעיגט גערטער, געט יר שאינ פארעינט פאר־שטעינ, גי אזוי מע דארף איסלעיגנ ינ יידיש.

יר געט, יומ באישפיל, זעיענ ינ יידיש דאס גארט „שרייבען". געט יר פרעגנ: „פארגאס דארף מענ שראיבמ נאכנ בעיז אנ זיענ, אז מע הערט דאכ דא נאר קינ איענ ניזט? — פרעגט בעסער נישט, נעמט ינ האנט א דאיטש ביכל, ונ יר געט דארט זעיענ schreiben. יר געט פרעגנ: „פארגאט שראיבמ ונזערע רעדאקציעס — „הונד", אז מיר רעדנ דאכ — „הונט"! פארוואס שראיבמ זעי „אר־

יידישן אלף־בית בײַ פּרילוצקין אין זײַנע „מאַטעריאַלן פֿאַר אַ יידישער גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפֿיע" (פּרילוצקי 1909), אויף די שפּאַלטן פֿון זעלביקן לעבען און וויסענשאַפֿט, מיט עטלעכע העפֿטן שפּעטער. און אפֿשר דאַרף מען אַ ביסל קרעדיט אויך צוטיילן דעם לייענער ט. מ. מילנער, וועמענס בריוו אין רעדאַקציע ווײַזט אָן, אַז ער האָט שוין געהאַלטן ווייטער איידער די רעדאַקציע. דעמאָלט איז אָנגעגאַנגען די דעבאַטע וועגן אַרויסוואַרפֿן דעם פֿולן ניקוד. טוט מילנער אַ וויש אָפּ מיט די ווערטער: „פּולקאָס איבעריק", און גייט באַלד אַריבער אויף אַ צווייטן ענין:

> עס וואָלט שוין אויך צײַט געווען אײַנפֿירן ניט שרײַבן קיין „ע" און „יוד" צום ענדע פֿון די ווערטער, ווי צ. ב. „שרײַבן", „רעדן", „לעזן", „לעבן", „וויסן".

(מילנער 1909)

אין זאַמענהאָפּס צווייטער אַרבעט אין לעבען און וויסענשאַפֿט (1910), שטעלט ער שוין די עינס אין האַלבע לבנות — זאַבו(ע)ן, און מ'זעט אַז קיין אריכת ימים איז דעם שטומען עין ניט באַשערט אין די קרייזן פֿון דער יידישער ליטעראַטור. צו דער זעלביקער צײַט בערך האָט אין אַמעריקע יודאַ אַ. יאָפֿע אויך פֿאָרגעשלאָגן אַרויסוואַרפֿן דעם שטומען עין (יאָפֿע 1909).

אויפֿקום פֿון דער נײַער אָרטאָגראַפֿיע

פֿון שרײַען חי וקים ביז אויספֿירן אַזאַ שווערע הלכה איז אָבער פֿאָלג מיך אַ גאַנג. דער מהלך איז אָן אַ שיעור ווײַטער

דאָרטן וואו ס'איז ניטאָ די מאַכט פֿון אַ רעגירונג. צוויי פּרינצן פֿון דער יידישער פֿילאָלאָגיע האָבן די זאַך אָבער פֿאָרט אויסגעפּועלט. צוליב זייער אויטאָריטעט, זייער מעסיקייט, זייער היסטאָרישן אײַנזען, זייער כּח השפּעה, איז זייער אַרבעט ניט געבליבן קיין קול קורא במדבר. דער ציבור יידישע שרײַבער און ליטעראַרישע פּובליקאַציעס, יידישע שולן און קולטור אינסטיטוציעס, איז באַלד אַריבער אויף דער נ ײ ע ר אָ ר ט אָ ג ר אַ פֿ י ע וואָס זיי האָבן אויפֿגעשטעלט.

דאָס זײַנען בער באָראָכאָוו און זלמן רייזען. באָראָכאָוו האָט עס אויפֿגעטאָן מיט זײַן באַשיידן אָנגערופֿענער נאָטיץ „וועגן דער אָרטאָגראַפֿיע פֿון פֿאָריקן אַרטיקל" (באָראָכאָוו 1913א: 18-22). ס'איז ניט קיין צופֿאַל וואָס די נײַע יידישע אָרטאָגראַפֿיע האָט געהאַט אַזאַ אויטאָריטעט. אַרויס מיט איר איז ניט קיין אויסלייג פֿאַנאַטיקער, ניט קיין אָרטאָגראַפֿישער בעל חלומות, נאָר דער גאון און בויער פֿון דער נײַער יידישער פֿילאָלאָגיע, וואָס האָט די עטלעכע זײַטלעך צוגעגעבן אַלס נאָכוואָרט צו זײַנע „אויפֿגאַבן פֿון דער יידישער פֿילאָלאָגיע". פֿון זײַנע בריוו צו ש. ניגערן, געשריבן אין 1912, איז צו זען ווי קלאָר האָט באָראָכאָוו אײַנגעזען זײַן היסטאָרישע אויפֿגאַבע: שאַפֿן „דעם ק אָ מ פּ ר אָ מ י ס, וועלכן מ'מוז מאַכן צווישן דעם ריינעם פֿאָנעטישן פּרינציפּ און דער טראַדיציאָנעלער שרײַבונג" (בײַ ניגער 1934: 17).

באָראָכאָווס פּרינציפּן בײַם אויסאַרבעטן די נײַע יידישע אָרטאָגראַפֿיע:

(א) דער וויכטיקסטער פּרינציפּ איז דער פֿאָנעטישער, ניט דער היסטאָרישער;

(ב) ס׳דאַרף געמאַכט ווערן אַ ריי פּשרות כּדי די נײַע אָרטאָגראַפֿיע זאָל ניט „מאַכן קיין איינדרוק פֿון אומפֿאַר־שטענדלעכקייט“;

(ג) די שרײַבונג בויט זיך אויפֿן אַרויסרייד אין ווילנער געגנט.

אַ קליינע צאָל המצאות זײַנע האָבן זיך ניט אָנגענומען, אַשטייגער ייִך אויף ׳איך׳. דער גרעסטער טייל ווערט אָבער הײַנט אָנגענומען פֿאַר נאַטירלעך. צווישן באָראָכאָװס כּללים געפֿינט מען אָט װעלכע:

(א) אַרויסוואַרפֿן דעם „שטומען עין“ פֿאַר אַ נון וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ טראַף, דעריבער: זאָגן, ניט זאָגען, טראַכטן, ניט טראַכטען; איבערלאָזן דעם עין פֿאַר מם, נון, נון גימל, נון קוף, און קאָנסאָנאַנט+למד (קומען, װײגען, געגאַנגען, בענקען, שטאַפּלען, ניט — קומן, װײגן, געגאַנגן, בענקן, שטאַפּלן). באָראָכאָװס כּלל איז געבליבן, ניט געקוקט אויף דעם וואָס הײַנט ווײס מען, אַז אין מערסטע ייִדישע דיאַלעקטן פֿונקציאָנירט דער נון ווי אַ וואָקאַל אין טייל פֿון די אָנגעגעבענע פֿאַלן; מ׳קען בײַ אַ סך ייִדן הערן krúmn̩ אויף ׳קרומען׳ (זע א. ווײַנרײַך 1991: §1.4314, ז. 25). וואָס שײַך אויסלייג איז אָבער פֿאַרפֿאַלן — הלכה כּבאָראָכאָװ.

(ב) אַרויסוואַרפֿן דעם „שטומען עין“ פֿאַרן למד וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ טראַף (װינקל, ניט װינקעל; קעפּל, ניט קעפּעל).

(ג) פֿאַרבײַטן די שרײַבונג פֿון סופֿיקס ־יג אויף ־יק, דעריבער: װיכטיק, ניט װיכטיג. דאָס איז צו זען פֿון באָראָכאָװס שרײַבונג אין די „אויפֿגאַבן“.

(ד) אַרויסוואַרפֿן די דײַטשמערישע פּרעפֿיקס־שרײַבונגען מיט עין און פֿאַרבײַטן זיי מיט די פֿאָנעטישע,

מיט אלף, דעריבער: אַנט־, ניט ענט־; באַ־, ניט בע־; פֿאַר־, ניט פֿער־ (אַנטװיקלען, באַשרײַבן, פֿאַרזאָרגן, ניט ענטװיקלען, בעשרײַבען, פֿערזאָרגען).

(ה) אַרויסוואַרפֿן די טאָפּלטע אותיות (ער אַרבעט, ניט אַרבײַטט, אַרבײַטעט).

(ו) רעפּרעזענטירן בכתב די אַפֿריקאַטן d^z, t^s, $t^{\check{s}}$, (האַלדז, ניט האַלז; פֿענצטער, ניט פֿענסטער; מענטש, ניט מענש).

(ז) רעפּרעזענטירן בכתב דעם סוואַראַבהאַקטי וואָקאַל, (אָרעם, ניט אָרם; װאַרעם, ניט װאַרם).

(ח) דעם נייטראַליזירטן ε \ ej פֿאַר נון גימל און נון קוף שרײַבן מיט עין, ניט מיט צוויי יודן (בענקען, ברענגען, ניט בײַנקען, ברײַנגען).

(ט) שרײַבן צוויי יודן, ניט אלף יוד, דאָרטן וווּ אין ניט־ליטווישן ייִדיש הערט זיך ji (ייִד, ניט איד; ייִנגל, ניט אינגל).

אַזוי אַרום האָט בער באָראָכאָװ רעפֿאָרמירט דעם ייִדישן אויסלייג, אײַנגעפֿירט „די נײַע אָרטאָגראַפֿיע“ אין לעבן, ניט אין טעאָריע. ניט אין איין טאָג און ניט אין איין יאָר. באַלד נאָכדעם ווי ס׳איז אין ווילנע אַרויס ניגערס פּנקס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט מלחמה. קיין ווײַטערדיקע בענד זײַנען ניט אַרויס. נאָך בעת דער מלחמה זײַנען די רעפֿאָרמען טיילווײַז דורכגעפֿירט געוואָרן אין ווילנער לעצטע נײַעס, פֿון 1916, און נאָכמער אין קיִעווער די נײַע צײַט. אַ קורצן, פֿאַרטיפֿטן אַנאַליז צו דער דיפֿערענציעלער נטיה צו רעפֿאָרם אין פֿאַרשידענע לענדער ברענגט זלמן רייזען (1920: 128-129). באָראָכאָװס רעפֿאָרמען זעען זיך אָן קלאָר אין די ביאַליסטאָקער כּללים װעגן אויסלייג וואָס זײַנען

דערשינען אין 1918 (= קולטור ליגע 1918).

באַלד נאָכן סוף פֿון דער ערשטער וועלט מלחמה איז אַרויס אַ ווערק פֿון נאָך אַ גרויסן ייִדישן פֿילאָלאָג. ריידן רעדט זיך וועגן זלמן רייזענס ייִדישע גראַמאַטיק, אַרויס אין 1920. נאָך זיין היסטאָרישן סך־הכל האָט רייזען דערלאַנגט דעם עולם אַ פֿולן קאָמפּלעט פּרטימדיקע כּללים. דערצו האָט ער די סיסטעם באַשריבן בפֿירוש און סיסטעמאַטיש, בשעת באָראָכאָוו האָט אָנגעגעבן בלויז די וויכטיקסטע כּללים און אילוסטרירט די רעפֿאָרמען אין די אויפֿגאַבן גופֿא. נאָך זיינע „פּרינציפּן פֿון דער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע" (זז. 129-138) דערלאַנגט רייזען, בפּרטי פּרטים, די „כּללים פֿאַר אַ פּראָוויזאָרישער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע" (זז. 138-162).

קוקנדיק אויף צוריק, האַרט ביים סוף פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז צום באַוואונדערן ווי אַזוי אינספּירירט עס איז, און וויפֿל קלוגשאַפֿט איז פֿאַראַן, אין זלמן רייזענס אָרטאָגראַפֿיע. זי שטעלט מיט זיך פֿאָר ניט נאָר רעפֿאָרם, נאָר אויך מעסיקייט, ניט נאָר באַנייאונג נאָר אויך המשך, און — ברמיזא, אַ חוש פֿאַר דעם, וואָס קען זיך אָננעמען, וואָס װ ע ט זיך אָננעמען. ס'איז ניט קיין גוזמא אָנצואווייזן, אַז בער באָראָכאָווס רעפֿאָרמען, אויסגעאַרבעט און אויסגעלייטערט דורך זלמן רייזענען, זיינען, אינאיינעם גענומען: די נייע ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע.

ווייל מען זען וואָס הייסט קלוגשאַפֿט און זיין אַ רואה את הנולד, דאַרף מען נאָר אַ קוק טאָן אויף צו באַנעמען, אַז צום סוף פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט שטייען באָראָכאָווס פּרינציפּן פֿון 1913 מיט רייזענס תּיקונים און צוגאָבן פֿון 1920 ווי דער סאַמע „אָרטאָגראַפֿישער צענטער" פֿון ייִדיש

איבער דער וועלט: מער „ראַדיקאַל" איידער דער אויסלייג ביי חסידים, מער „קאָנסערוואַטיוו" איידער דער (געוועזענער) סאָוועטישער אויסלייג און דער ייִוואָ אויסלייג. אַן עכטער שביל הזהב.

כּידוע האָט מען די נייע אָרטאָגראַפֿיע פּאַקטיש אָנגענומען אויפֿן שול צוזאַמענפֿאָר אין פּוילן אין 1920. צו וועמענס קרעדיט דאַרף מען דאָס צושרייבן האָט מען שוין געוואוסט:

> לאָמיך דאָ אויסזאָגן דעם סוד, אַז זלמן רייזען איז דער פּאַקטישער באַשעפֿער פֿון דער אָרטאָגראַפֿישער רעפֿאָרם וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויפֿן צווייטן שול צוזאַמענפֿאָר אין פּוילן און וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסן איינפֿלוס אויף דער גאַנצער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער אויסלייג.

(מ. ווײַנרײַך 1930: 35)

ישראל רובין האָט עס אָט אַזוי אָ אויסגעדריקט אין די ליטעראַרישע בלעטער:

> [...] רייזען דער רעוואָלוציאָנער פֿון דער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע, דער, וואָס האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן: „יהי אור" — אַן אָרדענונג אין דער פֿאַרוואָרלאָזטער אָרטאָגראַפֿיע זאָל ווערן, — און האָט די אָרדענונג אין אַ גרויסער מאָס דורכגעזעצט.

(רובין 1929: 621)

זלמן רייזען
(1887—בערך 1941)

געשטאַלט. שוין אונזער עסטעטיש געפיל פאַר דער שפּראַך פּאָדערט, אַז די אויסלייגונג אירע זאָל זיין איינהייטלעך, אויסגעהאַלטן, אַלגעמיין אָנגענומען און קאָרעקט. דערין ליגט די סיבה, וואָס מ׳גיט אָפּ אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט דער אָרטאָגראַפיע אין די שולן פון רוסלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענג־לאַנד, נאָרוועגיע, הגם דער לימוד פון אויסלייגן, ביי זיין גאַנצער וויכטיקייט, קען דאָך פּרעטענדירן בלויז אויף דער ראָלע פון אַ טפל, פון אַ הילפסמיטל לגבי דעם לימוד פון דער שפּראַך גופא.

די נייע אָרטאָגראַפיע: מעסיקע רעפאָרם אין אַ ראַם פון המשכדיקייט. זלמן רייזענס אויסלייג שטייט אויך היינט אין מערסטע פּרטים אין אָרטאָגראַפישן צענטער פון דער שפּראַך (פראַגמענט פון: ז. רייזען 1920: 136). ס׳איז, היסטאָריש גערעדט, „די נייע אָרטאָגראַפיע” און בלייבט פאַר דער אייביקייט רייזענס גרויסער אויפטו אין הלכות אויסלייג, ניט קוקנדיק וואָס ער אַליין האָט סוף דרייסיקער יאָרן (זייענדיק אַ פירנדיקע פּערזענלעכקייט אין דער ווילנער ייוואָ) גענוצט דעם ייוואָ אויסלייג.

ראַדיקאַלע עקספּערימענטן אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן

זעען מיר אַז אין 1920 האָט זלמן רייזען אויפגעשטעלט די נייע יידישע אָרטאָגראַפיע.

בשעת מעשה האָבן די מאָדערניסטישע יידישע פּאָעטן אין ניו־יאָרק גענומען שרייבן די ווערטער פון סעמיטישן קאָמפּאָנענט לויט דער פאָנעטישער סיסטעם (אַוואַדע, מיסטאַמע, שאַבעס). דאָס האָבן זיי געגעבן צו פאַרשטיין מיט די באַוואוסטע ווערטער וואָס געפינען זיך אינעם אינזיכיסטישן אני־מאמין:

> עס קומט אַ צייט, ווען אַ זון מוז זיך אינגאַנצן אָפּטיילן פון זיין טאַטן און בויען זיין אייגן געצעלט. [...] מיר וועלן שרייבן אַלע יידישע ווערטער גלייך, אָן אונטערשייד פון וואָס פאַראַ יחוס אַ וואָרט קומט אַרויס.
>
> (גלאַטשטיין, לעיעלעס און מינקאָוו 1920: 21-22)

אגב, פון אַבסטראַקטן סטרוקטורעלן שטאַנדפּונקט איז דער אויסלייג פון די ניו־יאָרקער פּאָעטן דער איינציקער אין דער געשיכטע פון געשריבענעם יידיש, וואו דער אויסלייג איז געוואָרן סיי פאָנעטיש פאַר אַלע קאָמפּאָנענטן, סיי ניט־אָנגעלאָדן מיט נקודות, פּינטעלעך און דיאַקריטישע צייכנס למיניהם.

בערך צו דער זעלביקער צייט, האָבן די סאָוועטישע יידישע לינגוויסטן גענומען גיין אויף אַ סך אַ מער ראַדיקאַלן וועג, וואָס האָט געפירט אין גאַנג פון אַ קיילעכדיקן

יאָרצענדליק צום אַרויסוואַרפן ניט נאָר די היסטאָרישע אָרטאָגראַפיע פון סעמיטישן קאָמפּאָנענט (און במילא די אותיות בּית, חית, כּף, שׂין שמאל, תּוו און תָּוו) נאָר אויך: די שלאָס⸗אותיות — לאַנגער כף, שלאָסן⸗מם, לאַנגער נון, לאַנגער פא און לאַנגער צדיק; און — דעם מחיצה⸗אלף (וואָס פאַרמיידט דריי אָדער פיר נאָכאַנאַנדיקע וואָוון, דריי נאָכאַנאַנדיקע יודן, און צייכנט אָפּ באַזונדערע טראַפן אינמיטן וואָרט דאָרטן וואו מ׳קען פאַלש לייענען). דער סאָוועטישער אויסלייג האָט אויך באַזייטיקט טאָפּלטע קאָנסאָנאַנטן וואָס מ׳האָט אַנדערשוואו אויפגעהיט פון מאָרפאָלאָגיע וועגן, אַזוי אַרום: אַריינעמען, ניט אַריינ⸗נעמען; מ׳האָט אויך פאָנעטיזירט דעם אויסלייג פון אויף⸗, אויפ⸗, ביי אויף אַף, אופ⸗, באַ; און נאָך אַ ריי פּרטים.

דאָס אַרויסוואַרפן דעם מחיצה⸗אלף איז פּרינציפּיעל אַנדערש איידער די אַנדערע סאָוועטישע רעפאָרמען. ערשטנס: די אַנדערע רעפאָרמען, און בפרט דאָס פאָנעטיזירן די סעמיטיזמען, האָבן געהאַט אַ קלאָרן אידעאָלאָגישן אינהאַלט (אַנטי⸗רעליגיעז, אַנטי⸗העברעאיש, אַנטי⸗טראַדיציאָנעל), כאָטש ביי די סוף⸗אותיות איז געווען אויך אַן איינגערעדטער פּראַקטישער מאָטיוו (זע זאַרעצקי 1923א: 25-26). צווייטנס: די אַנדערע רעפאָרמען האָבן ניט געהאַט קיין שום אָרטאָגראַפיש⸗סטרוקטורעלע קאָנסעק⸗ווענצן וואָס זאָלן צוטראָגן נייע צרות וואָס פאָדערן נייע תרופות. אָט די רעפאָרם, דאָס באַזייטיקן דעם מחיצה⸗אלף, האָט אַריינגעפירט — פּלאָנטער, און דעם פּלאָנטער האָט מען געדאַרפט נעמען: פאַרריכטן. אויף צו מאַכן ווידער קלאָר — און דאָס איז איינע פון די גרויסע איראָניעס אין דער געשיכטע פון יידישן אויסלייג — האָט מען גאָר

איבערגעפירט פון ל ש ו ן ק ו ד ש: נקודות! פון וואו איז געוואָרן וו, פון העברעאיש — העברעִיש, פון פריאיק — פריִיק.

איז ווי אַזוי זשע איז אַריינגעפאַלן אין דער גאַנצער פּרשה דער סאַמע פּראַקטישער און צוועקמעסיקער — און ניט⸗אידעאָלאָגישער — מחיצה⸗אלף? דעם איינציקן ענטפער, וואָס מיר האָבן דערווייל געפונען אין דער סאָוועטיש⸗יידישער פילאָלאָגישער ליטעראַטור פון די פריע צוואַנציקער יאָרן, איז שיינגאָלדס:

> דער שטומער אלף, אויסער דעם, וואָס ער פאַרשווערט דעם אויסלערנען זיך, קאָסט ער אונדז צו טייער. די ווערטער וואו ער קומט פאָר זיינען די סאַמע פאַרשפּרייטסטע אין דער שפּראַך און דעריבער וואָלט געווען אַ גרויסע עקאָנאָמיע ביים דרוקן, ווען מען זאָל דעם שטומען אלף ניט געברויכן.
>
> (שיינגאָלד 1923: 46)

שיינגאָלד האָט געוואָלט אויך אַרויסוואַרפן דעם שטומען אלף אָנהייב וואָרט און שרייבן יכ אויף ׳איך׳, ימ אויף ׳אים׳ א.א.וו. די אָקטאָבער רעוואָלוציע איז אַזוי ווייט ניט דערגאַנגען, און מ׳האָט ניט איינגעשפּאָרט גענוג געלט. אפשר דערפאַר איז די עקאָנאָמיע פון סאָוועטן⸗פאַרבאַנד שוין דעמאָלט פאַרמשפּט געווען אויף אונטערגאַנג... אַ סברא אויך, אַז די פּינטעלעך אין וּ און יִ האָבן געהאַט פאַר טייל געלערנטע אַ ראָמאַנטישע שייכות מיט אייראָפּעאישע שפּראַכן וואָס האָבן „דיאַקריטישע צייכנס”. די גאַנצע פראַגע וועט ברענגען זעלטן אינטערעסאַנטע רעזולטאַטן, אַז אַ פאָרשער פון קולטור געשיכטע וועט זיך אָן פּניות נעמען צו די פּסיכאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע יסודות פון

יענע סאָוועטישע רעפֿאָרמען, וואָס לאָזן זיך ניט דערקלערן מיטן שכל הישר.

די אַלע פּרטים פֿון סאָוועטישן ייִדישן אויסלייג, וואָס זײַנען ניט געווען אין זלמן רייזענס גראַמאַטיק פֿון 1920, האָבן אָנגענומען אַן אידעאָלאָגישן אינהאַלט. אָט וואָס ס׳שטייט אין דער הקדמה צו דער קאָדיפֿיצירטער סאָוועטיש־ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע פֿון 1932 (מיטן אָריגינעלן אויסלייג):

> אונדזער אָרטאָגראַפֿיע שיידט זיך שטאַרק אונטער פֿונ דער אויסלענדישער. ס׳איז קיינ וווּנדער ניט: אָרטאָגראַפֿיע איז דאָך ניט בלויז טעכניק — זי האָט אונטער זיך א געוויסע אידעאָלאָגיע. די ייִדישע קולטורבויונג גייט מיִט פֿאַרשיידענע וועגנ אינ סאָוועטנפֿאַרבאַנד אונ אינ אויסלאַנד: דאָ איז זי א סאָציִאַליסטישע לויטנ אינהאַלט אונ א נאַציִאָנאַלע לויט דער פֿאָרמע; דאָרטנ — א ייִדישיסטיש־קליינבירגערלעכע, וואָס גייט מיט גיכע טריט צו פֿאַשיזם.
>
> (אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור 1932: 3)

צום סאָוועטישן אויסלייג גופֿא איז דאָ אַ סך מאַטעריאַל. צווישן די וויכטיקסטע דאָקומענטן: ווײַסרוסישער קאַם בוך (1926); דער „אויסלייג נומער" פֿון קיִעווער די ייִדישע שפּראַך (נג. 8־9, יאַנואַר־אַפּריל 1928); דער קיִעווער זאַמלבוך ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע, אַרויס אין 1928, וואָס באַשטייט בעצם פֿון פֿיר אַרבעטן פֿון זאַרעצקי און צוויי פֿון ווײַנגער (= קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג קולטור־ליגע 1928); איינע פֿון זאַרעצקיס איז אַ ביבליאָגראַפֿיע צו ייִדישע אָרטאָגראַפֿישע דיסקוסיעס פֿון 1921 און ביז 1928 (זאַרעצקי 1928א); די קאָדיפֿיצירטע אויסלייג כּללים גופֿא (= צענטראַלער פֿעלקער־פֿאַרלאַג 1930; אינסטיטוט וכו׳ 1932).

אין די דרײַסיקער יאָרן איז די סאָוועטישע השפּעה איבער די ייִדישיסטישע קרייזן אין דער פּוילישער רעפּובליק געוואָרן וואָסאַמאָל שטאַרקער. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס געווען אַ פּועל יוצא פֿון דעם, וואָס דער היטלעריזם מיטן אַנטיסעמיטיזם האָבן זיך געשפּירט וואָסאַמאָל מער; פֿאַרגעדענקען דאַרף מען, אַז ווילנע גופֿא און די טעריטאָריעס פֿון דער אַמאָליקער צאַרישער ווילנער גובערניע (וואָס געהערן היינט ליטע און ווײַסרוסלאַנד) האָבן געהערט דער פּוילישער רעפּובליק. די פֿאַרשיידענע גלגולים פֿון די „ייוואָ תּקנות", וואָס שיידן זיך אונטער איינער פֿונעם אַנדערן אין אַ ריי פּרטים, זײַנען אַלע איינִיק ביסודם, מיט דעם וואָס זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ קאָמפּראָמיס: ראַדיקאַליזירונג פֿון די ניט־סעמיטישע עלעמענטן אַלס פּרײַז פֿאַרן קאָנסערוואַטיזם (ווערליק די באַגריפֿן פֿון יענע קרייזן) אין שייכות מיט די סעמיטיזמען גופֿא. די ראַדיקאַליזירונג פֿון די ניט־סעמיטישע עלעמענטן איז באַשטאַנען אין באַזײַטיקן דעם מחיצה־אלף און אַרײַנפֿירן די פֿינטעלעך.

ס׳איז אַ סימן פֿונעם צײַט־גייסט, אַז שוין אויף דער בערלינער „פֿאָרבאַראַטונג", וואָס האָט געפֿירט צום אויפֿקום פֿון דער ייוואָ, האָט מען, ניט געקוקט אויף דער נײַער אָרטאָגראַפֿיע פֿון באָראָכאָוו און רייזען, אײַנגעזען פֿאַר נייטיק ווײַטער צו זוכן אַ נאָכמער סטאַנדאַרדיזירטן אויסלייג (ייוואָ 1925: 14). טשיקאַווע צו פֿאַרגלײַכן שטיפֿס און ווײַנרײַכס פּראָיעקטן אויפֿן נײַעם אינסטיטוט. אין שטיפֿס „וועגן אַ ייִדישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט" רעדט זיך וועגן אַ סעקציע פֿאַר ייִדישער פֿילאָלאָגיע, וואָס זאָל אַרײַננעמען אַ פֿאָנעטישע לאַבאָראַטאָריע, אַ קאַבינעט פֿאַר פֿאָלקלאָר, אַ ביבליאָגראַפֿישן אינסטיטוט, פֿאָלקלאָריסטישע עקס־

פֿעדיציעס, אויסגאַבעס פֿון אַלטע כּתבֿ־ידן און דרוק־זאַכן, אַ ביבליאָגראַפֿישן זשורנאַל (שטיף 1925: 30-31). אין זײַנע „ווילנער טעזיסן", וואָס זײַנען בעצם אַ תּשובֿה שטיפֿן, נעמט ווײַנרײַך אַרײַן אַ סך ווײַניקער אויפֿגאַבן ווי שטיף; דערפֿאַר אָבער פֿיגורירט בײַ אים אַזוי בולט דער פּרינציפּ, אַז

> די דאָזיקע אָפּטײלונג וועט אויך האָבן אַ גרויסן באַדײַט אַלס נאָרמאַטיווע אינסטיטוציע. דער פּלענום פֿון אָט דער אָפּטײלונג וועט זײַן יענער אויטאָריטעט, וואָס וועט פּסקענען אין ספֿקדיקע פֿאַלן וועגן אָרטאָגראַפֿיע און גראַמאַטיק פֿון דער ליטעראַרישער שפּראַך, וועט קאָנטראָלירן און אַלײן אויסאַרבעטן טערמינאָלאָגיעס, ענטפֿערן אויף אָנפֿראַגעס.
>
> (מ. ווײַנרײַך 1925: 37)

שפּעטער, אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון 1929 האָט זיך גערעדט וועגן „רעגולירן די ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע", וועגן אַן אָרטאָגראַפֿישער קאָנפֿערענץ, וואָס די „באַשלוסן אירע מוזן זײַן אָ ב ל י ג אַ ט אָ ר י ש ע [מײַן שפּאַצירונג — ה.־ד. ק.]" (ייִוואָ 1930א: 55). די אַרבעט פֿון דער ייִוואָ אַרום דער פֿראַגע האָט פֿאַרשטײט זיך געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער ליטעראַרישער פּעריאָדיק (זע למשל מײַזיל 1930: 807).

הײַנט איז מען עלול צו פֿאַרגעסן אונטער וואָס פֿאַראַ דרוק עס איז געווען דער ייִוואָ אָנהייב דרײַסיקער יאָרן, נאָכצוגײן די סאָוועטן אין דער פֿאָנעטיזירונג פֿון די סעמיטיזמען. די קולטור־היסטאָרישע זײַט דערפֿון איז הײַנט העכסט אינטערעסאַנט און זי האָט די ווערט מ׳זאָל זי נעמען שטודירן אַלס קאַפּיטל גײַסטיקע געשיכטע, וואָס האָט זיך

אָפּגעשפּילט אַרום דער שריפֿט. וועגן דער ראָלע פֿון דער שריפֿט אין דער קולטור געשיכטע בכלל איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז מתּתיהו מיזעסעס ווערק איבער דער טעמע שטעלט מיט זיך פֿאָר איינעם פֿון די טיפֿסטע אַנאַליזן, וואָס איז בכלל פֿאַראַן (מיזעס 1919).

די פֿילאָלאָגישע סעקציע פֿון דער ייִוואָ, מיט מאַקס ווײַנרײַכן בראש, האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז נאָכגיין דעם סאָוועטישן אויסלייג וואָלט געהייסן, אַז דער אינסטיטוט וואָלט מיט איין שאָס פֿאַרלאָרן זײַן וויסנשאַפֿטלעכן און סאָציאַלן פּרעסטיזש בײַ גרויסע שיכטן אין מיזרח אייראָפּע גופֿא און אַוודאי און אַוודאי מעבֿר לים.

מאַי 1931 האָט דער ייִוואָ צונויפֿגערופֿן „די" אָרטאָגראַפֿישע קאָנפֿערענץ, וואָס וועט זאָגן דאָס לעצטע וואָרט וועגן אויסלייג. וואָס האָט פּאַסירט ווייס מען (זע מײַזיל 1931). אַ גרויסע מערהייט האָט געשטימט פֿאַרן פֿאָנעטיזירן די סעמיטיזמען, כּהלכה מאָסקווע, כאַרקאָוו און מינסק. וואָס איז געוואָרן? אָט באַשרײַבט עס דער עד־ראיה יודל מאַרק:

> די צווייטע אָפּשטימונג, אַז ס׳איז ניט „צוועקמעסיק" איצט צו ריידן וועגן „נאַטוראַליזירן" האָט געצויגן נאָר 14 שטימען צווישן קרובֿ צו 60 באַטייליקטע. [...] צום שבֿח פֿון מ. ווײַנרײַך זאָל דאָ אַרויסגעהויבן ווערן: ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז אויספֿאָלגן די באַשלוסן פֿון יענער איינזײַטיקער קאָנפֿערענץ הייסט געבן אַ טויט־קלאַפּ דעם ייִוואָ.
>
> (מאַרק 1959ג: 89)

ווי אַזוי האָט דער ייִוואָ אַליין געפּרוּווט באַשרײַבן אָטאָ די מעשׂה שהיה? ס׳איז ניט לײַכט צונויפֿרופֿן אַ

קאָנפערענץ, וואָס זאָל האָבן דאָס רעכט איינצופירן תקנות, און לאחר המעשה באַזייטיקן די דעמאָקראַטיש־אָפּגעשטימטע רעזאָלוציעס מחמת זיי נעמען ניט אוים. דאָס האָט מען אָבער פּאָרט באַוויזן. די „רעזאָלוציעס" פון דער קאָנפערענץ פון 1931 האָט מען נאָך אַלעמען גענומען אָנרופן „רעקאָמענדאַציעס". אָט ווי ס׳שטייט אין די פּראָטאָקאָלן פון אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון 1935:

> די רעקאָמענדאַציעס פון דער קאָנפערענץ זיינען אַריבער ווי מאַטעריאַל צו דער פילאָלאָגישער סעקציע (זע „ידיעות" נ. 34), וועלכע איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט איר אַרבעט אַרום פאַראיינהייטלעכן די יידישע אָרטאָגראַפיע.
>
> (ייוואָ 1936: 81)

נאָכדעם ווי מאַקס ווינרייך האָט איינגעזען, אַז אַן אָרטאָגראַפישע קאָנפערענץ קען נאָר שאַפן אַ קאָפּיע פון סאָוועטישן אויסלייג, האָט ער די זאַך צוגענומען צו דער פילאָלאָגישער סעקציע פון דער ייוואָ גופא. דער רעזולטאַט איז געווען — די אויסלייג תקנות פון יידיש, וואָס זיינען אַרויס אין 1935 ווי אַ בראָשור אין דער סעריע אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער וויסנשאַפט, נומער 14 (ייוואָ 1935 אין אונדזער ביבליאָגראַפיע). דער ייוואָ האָט געשילדערט יענע אויסלייג תקנות פון יידיש בזה הלשון:

> נאָך אַן אינטענסיווער דיסקוסיע אין משך פון עטלעכע יאָר האָט די אָרטאָגראַפישע קאָמיסיע דורך אַ רעפערענדום איינגעשטעלט 150 כללים פון יידישן אויסלייג, וואָס זענען דורך אַ באַשלוס פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג אָנערקענט געוואָרן פאַר אויסלייג תקנות פון ייוואָ, און אָפּגעדרוקט און פּראָקלאַמירט געוואָרן צום צענטן גרינדונגס־טאָג פון אינסטיטוט. איצט דאַרף זיך אָנהייבן דער צווייטער עטאַפּ — דורכצופירן די דאָזיקע 150 כללים פון איינהייטלעכן יידישן אויסלייג אין לעבן.
>
> (ייוואָ 1936: 81-82)

ס׳איז ניט אַוועק קיין פולע צוויי יאָר און דער ייוואָ איז אַרויס מיט אַ נ ד ע ר ע תקנות (ייוואָ 1937), וואָס זיינען ו ו י ד ע ר ר אַ מ אָ ל אַרויס אין דער סעריע אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער וויסנשאַפט (העפט נ. 16), וואו ס׳זיינען אַרויס אויף דער וועלט די יפהפיות אַלע מאָל, אַ מאָל, אַ שטייגער, פון דעסט וועגן, אָנשטאָט די אוניווערסאַלע שרייבונגען אַלעמאָל, אַמאָל, אַשטייגער, פונדעסטוועגן וואָס אינעם נוסח פון 1935. וועגן דעם קאָנסטיטוציאָנעלן יסוד פון די תקנות פון 1937 (אין ראַם פון דער ייוואָ גופא) איז צו דערמאָנען, אַז מ׳האָט ניט געפרעגט קיין עצה ביי דער העלפט פון דער פילאָלאָגישער סעקציע וואָס האָט דעמאָלט געלעבט אין אַמעריקע — אַלכסנדר האַרקאַווי, י. אַ. יאָפע, י. ל. כהן, ש. ניגער (זע מאַרק 1959ג: 90).

גראַדע פון אַן אָנהענגער פון די תקנות, מ. טייכמאַן, אַן אָנטיילנעמער אין דער „באַראַטונג" פון 28טן און 29טן יוני 1936, וואָס האָט געפירט צו די „ענדגילטיקע תקנות", ווערט מען געוואָר ווי אַזוי די תורה האָט זיך אויפסניי אַנטפּלעקט אויפן באַרג סיני. ער גיט איבער אין די וואַרשעווער ליטעראַרישע בלעטער, אַז גאַנצע ד ר י י פאָרשטייער פון ייוואָ, צ ו ו י י פון ציש״אָ און אַ פופצן רעפּרעזענטאַנטן פון לערער, אַלע פון דער פוילישער רעפּובליק, זיינען דאָס געווען די „קאָנפערענץ". וועגן די פראַגן באַזונדער צי

אינאיינעם ביי אַדוועֶרבן און ביי צונויפֿהעפֿטן פֿון סובסטאַנטיוון איז קיין הסכּם ניט געווען, און די פֿראַגן זיינען „אָפּגעשיקט געוואָרן צוריק צו דער פֿילסעקציע" (טייכמאַן 1936א: 462). מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט דער זעלביקער מ. טייכמאַן געטענהט, ווידעראַמאָל אין די ליטעראַרישע בלעטער — און ער האָט רעכט — אַז „אָרטאָגראַפֿיע איז נישט בלויז אַן ענין פֿאַר פֿילאָלאָגן — די צורה פֿון געשריבענעם וואָרט גייט אָן דעם גאַנצן כּלל". ער האָט געגעבן אַן עצה, אַז מ'דאַרף „גלייך צונויפֿרופֿן אין וואַרשע אַ באַראַטונג מיט אַלע געזעלשאַפֿטן, וואָס שרייבן יידיש [...] און דער גאַנצער פּרעסע [...], און דאָ מוז קומען דער באַשלוס" (טייכמאַן 1936ב: 605). געווען אַ קול קורא במדבר.

ס'באַקומט זיך לעכערלעך ווען מ'לייענט ביי די היינטיקע הסידים פֿון די ייִוואָ תּקנות, אַז גראָד יענער אונטערנוסח פֿון דער נייער אָרטאָגראַפֿיע איז „דער גרעסטער אויפֿטו" פֿון דער ייִוואָ אין די צווישן־מלחמהדיקע יאָרן, צי בכלל דער גרעסטער אויפֿטו פֿון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. קיין גרעסערע באַליידיקונג פֿאַר דער ייִוואָ קען ניט געמאָלט זיין. מ'דאַרף נאָר אַ טראַכט טאָן וועגן די הונדערטער ריכטיקע אייביקע וויסנשאַפֿטלעכע אויפֿטוען פֿון דער ווילנער ייִוואָ איידער צו זען וואָס פֿאַראַ פּנים עס האָט דאָס ציען יחוס פֿונעם דעמאָלטיקן קאָמפּראָמיס מיטן סאָוועטישן מוסטער. יודל מאַרק האָט געמאַכט אַ ריכטיקן סך־הכּל:

> און איצט [...] וויל מען אָט די המצאות אַרויסשטעלן ווי די העכסטע דערגרייכונג פֿון חכמה און וויסנשאַפֿט און מען וויל זיי נאָך באַצירן מיט אַ שיין פֿון קדושה. עס איז אַן אומרעכט זיך צו שפּילן מיט די געפֿילן וואָס מיר אַלע האָבן צו דעם

> פֿאַרשניטענעם לעבן אין מזרח אייראָפּע און מיט זיי מטהר זיין עפּעס וואָס איז אומגעראָטן אָדער איז אַ רעזולטאַט פֿון ווייניק ישוב הדעת.
>
> (מאַרק 1959ג: 90-91)

יודאַ יאָפֿע האָט וועגן די פֿאַרשידענע נוסחאות פֿון די ייִוואָ תּקנות געמאַכט אָט אַזאַ מין באַמערקונג:

> ווייניק מענטשן ווייסן אַז די תּקנות פֿון 1937 — די גילטיקע — זיינען דער דריטער געשטאַלט [...] און אַז מ'שטודירט דורך אָט די דריי פֿאַרשיידענע געשטאַלטן קריגט מען אַ צעטומלעניש אין קאָפּ: וואָס איין נוסח דערקלערט כּשר און ריכטיק, נעמט דער צווייטער און פּסלט ווי פֿאַלש און טריף, און דער דריטער קען ווידער מאַכן אַ השיבנו נאַזאַד.
>
> (יאָפֿע 1948: 33)

די ייִוואָ תּקנות זיינען אָבער פֿאָרט געווען אַ וויכטיקער אויפֿטו אין די גרענעצן (טעריטאָריעלע, פּסיכאָלאָגישע, פּאָליטישע) פֿון דער דעמאָלטיקער פּוילישער רעפּובליק. זיי האָבן באַוויזן סטאַנדאַרדיזירן דעם אויסלייג אין די ציש"אָ שולן (און פֿאַר קינדער וואָס לערנען אלף־בית איז טאַקע וויכטיק, אַשטייגער, אַז שין און שׂין זאָלן זיין קאָנסעקווענט דיפֿערענצירט). אידעאָלאָגיש האָבן די תּקנות אויסגעדריקט אַ רוק אויף לינקס, נעענטער צום ראַדיקאַלן סאָוועטישן אויסלייג, אָבער ווייט ניט אַזוי ראַדיקאַל. אַדאַנק די ייִוואָ תּקנות זיינען די לינקע קרייזן אין פּוילן געוואָרן אַ מין „מיטלפּונקט" צווישן „ראַדיקאַלן" רוסלאַנד און דער „קאָנסערוואַטיווער" אַמעריקע. אין דער אינעווייניקסטער יידישער פּאָליטיק אין דער פּוילישער רעפּובליק האָט די ראַדיקאַליזירונג פֿון די ניט־סעמיטישע עלעמענטן

„אָפּגעראַטעוועט״ דעם היסטאָרישן אויסלייג פֿון די סעמיטיזמען. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס אַלין מאַקס ווײַנרײַכס אויפֿטו. ווי מ׳זאָל ניט האַלטן וועגן יידישן אויסלייג הײַנט, דאַרף מען די דרײַסיקער יאָרן באַטראַכטן אין היסטאָרישן קאָנטעקסט פֿון — די דרײַסיקער יאָרן.

קוקנדיק פֿון אַ ברייטערער פּערספּעקטיוו (ווי פֿון צייט אי פֿון געאָגראַפֿיע) ווערט קלאָר, אַז אַרויסוואַרפֿן אותיות און אַרײַנטראָגן פּינטעלעך איז טעאָרעטיש גערעדט אַ היסטאָרישע רעגרעסיע. פּראַקטיש גערעדט איז עס פּראָסט און פּשוט — אַ טעות.

די נײַע יידישע אָרטאָגראַפֿיע שטעלט מיט זיך פֿאָר דאָס פּערפֿעקטיזירן און אויסענדיקן די דור־דורותדיקע קייט אָרגאַנישע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן דערפֿירט צו אַ סיסטעם וואָס האָט אַ פֿולן גאַנג וואָקאַלן ניט אָנ־קומענדיק צו קיין פּינטעלעך. דאָס איז אַ פּרעכטיקע דערגרייכונג. ס׳איז פּשוט און לײַכט לייענען און שרײַבן, מ׳שפּאָרט אַריבער די ד׳ אמות פֿון שרײַבן נקודות אַ גאַנץ לעבן, און מ׳האָט אַן אלף־בית וואָס איז מער פּערפֿעקט אויסגעהאַלטן מיטן ליטעראַרישן אַרויסרייד, איידער בײַ די מערסטע לשונות פֿון דער וועלט. אָן פּינטעלעך (נעמענ־דיק אין באַטראַכט אַז קמץ־אלף און פּתח־אלף פֿונקציאָנירן אויף יידיש ווי באַזונדערע אותיות).

צו איין נוסח פֿון דער סאָוועטישער אָרטאָגראַפֿיע, וואָס האָט געהאַט נאָך מער פּינטעלעך איידער די שפּעטער קאָדיפֿיצירטע סאָוועטישע און ייוואָ סיסטעמען, האָט זאַרעצקי געזאָגט אָט וואָס:

איניקע נוצן שוין די נײַע [סאָוועטישע] אָרטאָגראַפֿיע אין ראַדיקאַלע רעפֿאָרמען אין תהום פֿון דער סעקולערער יידישער קולטור אין מזרח אייראָפּע צווישן די ביידע וועלט מלחמות: די ייוואָ אויסלייג תקנות זײַנען נאָכגעגאַנגען די סאָוועטישע תקנות בײַ דער ראַדיקאַליזירונג פֿונעם אויסלייג פֿון די ניט־סעמיטישע עלעמענטן אין יידיש.

8. ווען ך שטייט פאר ן, פאר י י, פאר וו אָדער נאָך וו, שטעלט מען באם ך א פינטל (ךּ). בײַשפּילן:
1) טווּנג.
2) בורזשוּי.
3) אוּוּא, אוּוּרע, אוּוּערסיור, אָנצוּוּייַנג, צוּוּוארטן, רוּוּנ, שוּוּאקס.
4) גוּוּרע, וווּ, ווּוּנד, ווּנטש, צוּוּוּקס.

פראַגמענט פֿון די סאָוועטישע תקנות פֿון 1932
(אינסטיטוט יכ״ 1932: 11)

7. וואָוו מיט אַ פינטל – מלופּם וואָוו – שטעלט מען:
א) פֿאַר אַ צווייטן וואָוו.
דרוּמווירעט, טרוּנג.
ב) פֿאַר אַ יוד וואָס באַצייכנט אַ j.
בוּרזשוּי, אקאַטוּי.
ג) פֿאַר אָדער נאָך צוויי וואָוון (v).
ווּ, פּרוּוו, פּרוּווּנג.

פראַגמענט פֿון די ייוואָ תקנות פֿון 1937
(ייוואָ 1937: 3)

> שריפֿט, און זי האָט שוין אַרויסגעוויזן אַ וויכטיקן חסרון (מ'האָט דאָס אייגנטלעך גענקענט פֿאָראויסזען): זי איז צופֿיל געפּינטלט און געפּאַסיקט. [...] אַ וואָרט אָן אַ נקודה ווערט אַ זעלטנהייט, און אָפֿטער האָט יעדער וואָרט מער ווי איין נקודה. [...] די נייע אָרטאָגראַפֿיע האָט זיך געשטעלט אויפֿן וועג צו באַפֿרייען אונדז פֿון די ענדע⸗אותיות — אָבער אין דער זעלביקער צייט גיט זי אונדז אַ נייעם שלאַק. אונדזער שריפֿט ווערט אַזוי געפּינטלט, ווי די טאָטערשע. [...] אויב דאָס איז ניט מעגלעך, דאַרף לכל הפּחות צוקומען אין דער אָרטאָגראַפֿיע אַ פּונקט, אַז אין כּתב⸗יד (און ממילא אין שריפֿט⸗אונטערריכט אויך) זיינען נקודות ניט קיין מוז.
>
> (זאַרעצקי 1928ג: 19-22)

צום ענדגילטיקן ייִוואָ אויסלייג האָט מעינקע קאַץ געשריבן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, אָנווייזנדיק אויף די בן⸗יקירלעך באַצייִונג, פּרייִער, פֿאַרטייִיש, שנייִיק, שרײַיִק אַז

> די אויגן קענען פּשוט ניט פֿאַרטראָגן אַזויפֿל פֿאַרחיריקטע ווערטער. די אויגן הייבן אָן פּינטלען פֿון אַזאַ פּינטל⸗פֿאַרפּלייצונג. [...] זאָלן זיך שפּילן, געזונטערהייט, מיט אַלע פּינטעלעך — קינדערלעך וועלכע הייבן אָן לערנען העברעאיש.
>
> (מ. קאַץ 1979א: 7)

די סאָוועטיש⸗ייִוואָ אַריינגעפֿירטע נקודות ווערן במילא אָפּטמאָל אויסגעלאָזן אין צייטונגען, ביכער און בריוו, און ס'באַקומען זיך די גאָר האַמעטנע און אומקלאָרע שרייבונגען העברעיש, ווו, פּרווונג, פֿאַרטייִיש, פּרייִק וכדומה, כאָטש די ייִוואָ תּקנות גופֿא זאָגן, שוואַרץ אויף ווייס, אַז:

> אויב אַ דרוק פֿאַרמאָגט ניט קיין ּו און ִי, מוז מען שטעלן אַ „שטומען" א אין די ווייטערדיקע פֿאַלן: א) פֿ אַ ר ן אות וואָס וואָלט באַדאַרפֿט זיין געפּינטלט: וואו, וואונדער, ראַאיסע, קאָאימבראַ, רואיק, בלויאינקער, שנייאיק, בלייאיק, פּעאיק; ב) נ אָ כ ן אות וואָס וואָלט געדאַרפֿט זיין געפּינטלט: טואונג, דואומוויראַט, באַציאונג, בליאונג; ג) צ ו ו י ש ן די אותיות וואָס וואָלטן באַדאַרפֿט זיין געפּינטלט: וואַריאירן, פֿריאיק. מע דאַרף אָבער מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, אַז די דרוקן זאָלן זיך פֿאַרזאָרגן מיט ּו און ִי.
>
> (ייִוואָ 1937: 32-33)

די פּראַקטיק האָט אָבער באַוויזן אַז מ'איז אָפֿט יאָ מוותּר אויף די פּינטעלעך און ס'בלייבט ווו, ווונדער וכו', מיט דריי טשוועקעס וואָס ברענגען גאָר אויפֿן זינען דעם אַריטמעטישן באַגריף 111. אַ ווייטער מהלך פֿון שיינעם דור⸗דורותדיקן שריפֿט⸗בילד: וואו, וואונדער וכו'.

דאָרטן וואו עס זיינען פֿאַראַן צוויי נאָכאַנאַנדיקע i וואָקאַלן אין אַ וואָרט, שרייבן זיי זיך לויט דער סאָוועטישער און דער ייִוואָ סיסטעם מיט צוויי מאָל חיריק⸗יוד, אַזוי אַרום אַז פֿון פֿריאיק ווערט פֿריִיִק. די צרה איז וואָס אין אַ סך ייִדישע שולן און ביי אַ סך וואָס שרייבן ייִדיש איז דער ִיִ דער סימן אויף צירה צוויי יודן (וואָס ווערט געשריבן היינט צוויי יודן סתם). אַחוץ אַריינפֿירן אומזיסטע פּינטעלעך איז דאָ דער בפֿירושדיקער „שפּיי⸗אויס" סיי אויף דער טראַדיציע פֿון די ייִדישע שולן, סיי צום דור⸗דורותדיקן באַוואוסטזיין, אַז צוויי פּינטעלעך אויסגעשטעלט האָריזאָנטאַל אונטער אַן אות, מאַכן: צירה. היסטאָריש גערעדט, איז אָט דער שפּיי⸗אויס געווען אַ בכיוונדיקער מצד די סאָוועטישע צוקלערער פֿון דער המצאה. שוין אין די אָפֿיציעלע סאָוועטישע

„באַשלוסן" האָט מען פּראָמינענט אַרויסגערוקט דעם ביישפּיל פּרוּיִקער (ליטוואַקאָוו און זאַרעצקי 1929: 57, נ. 3); אין די סאָוועטישע אויסלייג תּקנות גופא האָט מען דעם דין געגעבן צו פֿאַרשטיין מיט נעוויִים (צענטראַלער פֿעלקער־פֿאַרלאַג 1930: 4; אינסטיטוט וכו' 1932: 13). „דער צירה וואָס מאַכט צוויי מאָל הירק־יוד" איז אָבער ניט אוניווערסאַל אַפֿילו אין תּהום פֿון דער געשיכטע פֿון סאָוועטישן אויסלייג גופא. אין זאַרעצקיס פּראָיעקט שטייט נעוויִים (1928א: 8); קופּערשמיד (1928: 36) האָט געוואָלט נעוויאים. אין די קרייזן וואו מ'היט די ייוואָ תּקנות איז דער יי אָבער געבליבן „חוק ולא יעבור". פֿון סטרוקטוראַליסטישן שטאַנדפּונקט, איז עס נאָכאַמאָל אַ פֿאַל פֿון אַ צרה וואָס מ'האָט אויף זיך אָנגעבראַכט דורכן אַרויסוואַרפֿן דעם שטומען אלף, און געפּרואווט פֿאַרגלעטן מיט נקודות, לויטן סאָוועטישן און מזרח־אייראָפּעאישן „לינקן סטיל" פֿון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן.

דער אויפֿטו פֿון דער נייער יידישער אָרטאָגראַפֿיע איז ניט געקומען מיט אַ גלייכן פּשוטן וועג, עס זיינען געווען זיגזאַגן. אַז מ'זאָל זיך ניט רעכענען מיט יחידים בעלי־אויסנאַמען, וואָס האָבן געשטעלט ניקוד, ווי אַשטיינגער נתן־נטע האַנאָווער אין זיין שפֿה ברורה אין 1660 (זע ה.־ד. קאַץ 1990: 180-185), צי אהרן בן שמואל אין זיין ליבליכע תּפֿילה (1709), זיינען פֿאַראַן צוויי „נקודה תּקופֿות" אין דער געשיכטע פֿון יידישן אויסלייג. די ערשטע איז געווען אין ניינצנטן יאָרהונדערט, ווען דער אויסלייג האָט זיך געפֿונען אין אַ צווישן־סטאַדיע, נאָך דער באַזייטיקונג פֿונעם משקיט. קיין פֿעסטע יאָר־גרענעצן זיינען נאַטירלעך ניטאָ און אין די איבערגאַנגס־פּעריאָדן זיינען צוויי סיסטעמען עלול צו

קאָעקזיסטירן, אַשטייגער די דייטשמערישע אָרטאָגראַפֿיע פֿלוס נקודות אין אַ היפּשן חלק פֿון דער ראַדיקאַלער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע סוף ניינצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט (זע אַשטייגער די דיסקוסיע „מיט נקודות צי אָן נקודות?" אין לעבען און וויסנשאַפֿט (= לעבן און וויסנשאַפֿט 1909).

דאָס צווייטע מאָל, אין אַ קלענערער מאָס, איז דער פֿאַל דאָ אין אונדזער ענין, אַז מ'האָט אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און אין די לינקע קרייזן אין דער פּוילישער רעפּובליק גענומען אַריינפֿירן יי און יִ, אין „זכות" פֿון דעם וואָס מ'האָט אין די קרייזן אַרויסגעוואָרפֿן דעם מחיצה־אלף.

אַ וואָרט וועגן דער דעבאַטע צווישן יודל מאַרק און מאַקס ווינרייך אויף די שפּאַלטן פֿון יידישע שפּראַך סוף פֿופֿציקער יאָרן אַרום דעם מחיצה־אלף (זע מאַרק 1959א, 1959ב, 1959ג, מ. ווינרייך 1959). אין יענער דעבאַטע ווערט גענוצט דער טערמין „דער שטומער אלף" כאָטש טעכניש גערעדט נעמט אָטאָ דער טערמין אַריין אויך דעם אלף אין און, אויוון, אין, איין, אייז (און אַמאָליקע ציטן אויך סוף וואָרט, אַשטייגער וויא). דאָ דיפֿערענצירן מיר צווישן אָט דעם שטומען אלף און דעם מחיצה־אלף אין וואו, פּרואוון, העברעאיש, גליאיק, כאָטש מ'דאַרף באַטאָנען אַז אין היינטיקן פּאָפּולערן באַנוץ איז „דער שטומער אלף" טאַקע דער מחיצה־אלף וועגן וועלכן ס'גייען די אַלע דעבאַטעס; אויך מיר נוצן דעם טערמין אין דער יידישער פּעריאָדיק (זע אַשטייגער ה.־ד. קאַץ 1993א).

פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער פֿראַגע גופא — וואו צי וו — האָט יודל מאַרק געוואונען די דעבאַטע. פֿון שטאַנדפּונקט

פֿון דער פּאָלעמיק האָט אָבער װײַנרײַך געװאונען. מאַרק האָט זיך אױסגעגליטשט אױף לינקס און אױף רעכטס: ער האָט גענומען אַרײַנפֿירן אין דער דיסקוסיע דעם שטומען אלף אין אוך, און אַפֿילו דעם אַמאָליקן שטומען אלף אין װיא; ער איז געװען אַ מודה במקצת, און האָט יאָ אָנגענומען די „דרײַ װאָװן פֿאַרקערט", אַשטײגער אין פֿרױען אױף פֿרואױן; ער האָט פּרובירט בױען אַרגומענטן אױף דעם װי עס האָבן געהאַלטן װײַנרײַך, רײזען, קלמנאָװיטש און װעלכן יאָר און איז דאָ און דאָרט נכשל געװאָרן; ער האָט געבראַכט קלמנאָװיטשעס אַרבעט, „צי איז מיגלעך אַ פּאָנעטישער אױסלײג פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַרישער שפּראַך?" (קלמנאָװיטש 1930) און געצױגן מסקנות, װאָס מ'קען זײ פֿון דאָרטן ניט ציִען.

קולטור=היסטאָריש אינטערעסאַנט איז דער אופֿן װי אַזױ די דעבאַטאַנטן באַציִען זיך צום ענין סאָװעטישע השפּעה אין דער פּרשת מחיצה=אלף. מאַרק באַשולדיקט װײַנרײַכן אין איבערנעמען בײַ די סאָװעטן. װײַנרײַך ענטפֿערט: „איך האַלט פֿון מכל מלמדי השכלתי" (װײַנרײַך 1959: 36), און בשעת מעשה ברענגט ער מעשה מהרש"א אַ נאָטיץ פֿון זאַרעצקי, לױבנדיק אָטאָ דעם פּונקט אין אַן אָרטאָגראַפֿישער טאַבעלע אין פּױלן (זאַרעצקי 1923ב: 27). הײַנט קען מען מאַכן אַזאַ סך=הכל: דער אײנפֿאַל איז אױפֿגעקומען אין לינק=געשטימטע קרײַזן אױף בײדע זײַטן גרענעץ אָנהײב צװאַנציקער יאָרן. אײַנגעפֿירט האָט מען עס אױף אַ ברײטן פֿאַרנעם בלױז אױף דער סאָװעטישער זײַט פֿון דער גרענעץ. מיטן און סוף צװאַנציקער יאָרן האָט זיך עס אײַנגעפֿעסטיקט אין לעבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, װאו די דעקרעטן האָבן געהאַט יורידישע מאַכט. די סאָװעטישע

שיטה, װען זי איז אַרײַן אין קראַפֿט, האָט געהאַט אַ גלאַנץ אױך פֿאַר לינק=געשטימטע ייִדישיסטן אין דער פּױלישער רעפּובליק.

פֿון בײדע צדדים איז די מאַרק=װײַנרײַך דעבאַטע אײנע פֿון די אינטערעסאַנטסטע אין אונדזער סטיליסטישער ליטעראַטור אין די נאָכמלחמהדיקע יאָרן. דער ייִװאָ איז געװען גענוג טאָלעראַנט צו באַשטימען אַלס רעדאַקטאָר פֿון זײַן זשורנאַל ייִדישע שפּראַך אַ געלערנטן, װאָס האַלט אַנדערש אײדער דער ייִװאָ. דער רעדאַקטאָר יודל מאַרק איז געװען גענוג טאָלעראַנט צו סטימולירן און פֿאַרעפֿנטלעכן פֿרײַע דיסקוסיעס און דעבאַטעס אין זשורנאַל. איצט איז שױן אַן ערך צװאַנציק יאָר װאָס מ'טרעפֿט דאָרטן בלױז די „אָפֿיציעלע ליניע" װאָס װערט דערלאַנגט דעם לײענער װי תורה מסיני. לאָמיר האָפֿן, אַז ייִדישע שפּראַך װעט במהרה בימינו װידער װערן אַ פֿאָרום אױף פֿאַרשידענע שיטות און אָפֿענע דיסקוסיעס אין אונדזער נײַער סטיליסטיק. ס'איז טאַקע צום דערװאַרטן, מחמת דער ייִװאָ װײַזט די לעצטע יאָרן אַרױס אַ נײַעם טאָלעראַנטן צוגאַנג. זײַן געװעזענער עקזעקוטיװ=דירעקטאָר, שמואל נאָריך, האָט זיך אין 1987 געשטעלט מיט אונדז אין פֿאַרבינדונג אין שײַכות מיט דער מעגלעכקײט פֿון אַ נײַער אָרטאָגראַפֿישער קאָנפֿערענץ. אין 1988 האָט דער ייִװאָ אַרױסגעגעבן אָן שינױים אַלכּסנדר האַרקאַװיס גרױס װערק — זײַן דרײַשפּראַכיקן ייִדיש=ענגליש=העברעיִשן װערטערבוך (האַרקאַװי 1988). קען מען זיך איצטער ריכטן אַז דער ייִװאָ װעט װײַטער אַרױסגעבן אױפֿסנײַ די קלאַסישע װערק פֿון אונדזער װיסנשאַפֿטלעכער ליטעראַטור, אַפֿילו אַז בײַ זײ איז דאָ דער מחיצה=אלף. דאָס ברענענדיקסטע פֿאַר דער ייִדיש פֿאָרשונג: נײַע פֿאָטאָ=

מעכאַנישע איבערדרוקן פֿון די ערשטע דריי מעכטיקע בענד פֿילאָלאָגישע שריפֿטן (ייוואָ 1926, 1928, 1929א).

בײַ די אַדוואָרבן זײַנען די ייוואָ תּקנות אַוועק אויף אַ סך מער ראַדיקאַלן וועג איידער אין סאָוועטישן ייִדיש. מ׳האָט גענומען רײַסן אויף פּיצלעך איבעראַכטאָג, אינגאַנצן, פֿאַראַיאָרן, צופֿיל א.א.וו. אויף איבער אַכט טאָג, אין גאַנצן, פֿאַר אַ יאָרן, צו פֿיל, אַפֿנים צוליב „אַנטי⸗דײַטשמעריזם“.

אויך בײַ צונויפֿהעפֿטן פֿון סובסטאַנטיוון האָבן זיך די תּקנות אַנטקעגנגעשטעלט אי דעם שׂכל הישר אי דעם ברייטן באַנוץ (זע יאָפֿע 1950: 52; שטיינבוים 1956; יאָפֿע און מאַרק 1961: כג). דער גרונט⸗כּלל, וואָס די ייוואָ תּקנות האָבן אײַנגעפֿירט איז — ציילן טראַפֿן! ביז דרײַ טראַפֿן הייסן זיי שרײַבן ווי איין וואָרט, מער ווי דרײַ טראַפֿן — מיט אַ מקף, און באַזונדער — קיינמאָל ניט. אַזוי אַרום מוזן לויט יענע תּקנות געשריבן ווערן ווי איין וואָרט טאַנצאָוונט, פֿאָלקלאָרקלוב, רוצימער, בעת צונויפֿהעפֿטן וואָס זײַנען שוין לאַנג איין וואָרט אויף ייִדיש דאַרפֿן געשריבן ווערן מיט אַ מקף — עלטער⸗זיידע, פֿײַער⸗לעשער, קינדער⸗גאָרטן, ווײַל מער ווי דרײַ טראַפֿן. און היות ווי שרײַבן באַזונדער טאָר מען קיינמאָל ניט, באַקומען זיך אַזעלכע פֿילגאָרנדיקע צונויפֿהעפֿטן ווי „אוניווערסיטעט⸗דערציאונג⸗ענציקלאָפּעדיע“, „דרום⸗מיזרח⸗ייִדיש⸗אויסדרוקן“, „סטודענטן⸗מיטגלידערשאַפֿט⸗אָפּצאָל“, „שלום⸗עליכם⸗קולטור⸗צענטער⸗קאָנפֿערענץ“.

בײַ דעם פּונקט איז ניט אָפּצוטיילן אויסלייג פֿון מאָרפֿאָלאָגיע און סינטאַקס. ייִדיש איז דאָ זייער אַנדערש ווי דײַטש. דער ייִדישער סטיל טאָלערירט ניט אומבאַגרענעצטע צונויפֿהעפֿטן. צוליבן ניט דערלויבן שרײַבן

באַזונדער ווערט דער ייִדישער „אוניווערסיטעט סטודענט“ פֿאַרוואַנדלט אין דײַטש⸗מעסיקן „אוניווערסיטעט⸗סטודענט“. צוליב דעם קען מען לויט די ייוואָ תּקנות ניט דיפֿערענצירן צווישן „דרום⸗מיזרח ייִדיש“ (דער דרום⸗מיזרחדיקער שטח = אוקראַיניש ייִדיש) און „דרום מיזרח⸗ייִדיש“ (דער דרומדיקער שטח פֿונעם מיזרחדיקן ייִדיש = פּויליש ייִדיש + אוקראַיניש ייִדיש). אַלץ ווערט מטושטש אין אַ לאַנגער, פֿאַרפּלאָנטערטער קייט מקפֿן. און אין אַ „שמואל ניגער⸗בוך“ בלײַבט דער „שמואל“ הענגען אינדערלופֿטן.

די קולטור געשיכטע און די אידעאָלאָגיע זײַנען דאָ אַ סך מער סובטיל איידער בײַם מחיצה⸗אלף, זיי זײַנען דערפֿאַר אפֿשר אַפֿילו מער אינטערעסאַנט. איין בולטער פּאַראַדאָקס וואַרפֿט זיך אין די אויגן: בעת טייל פֿירער פֿון דער ייוואָ האָבן געפֿירט ביטערע מלחמות קעגן „דײַטשמעריזמען“, אַרײַנגערעכנט ווערטער וואָס זײַנען שוין טיף אײַנגעוואָרצלט אין דער שפּראַך (זע אונטן, זז. 166–228), האָט מען דאָ אָנגענומען פּרינציפּן וואָס זײַנען דײַטשמעריש שבדײַטשמעריש: ערשטנס די השגה אַז מ׳קען אויף ייִדיש שאַפֿן וויפֿל צונויפֿהעפֿטן מ׳וויל נאָר; והשנית אַז מ׳מוז זיי שרײַבן צוזאַמען (ד.ה. אָדער ווי איין וואָרט אָדער מיט אַ מקף), קיינמאָל ניט באַזונדער, ווי עס איז לויט דער דור⸗דורותדיקער טראַדיציע פֿון ייִדיש שבכתב.

די עלטערע ייִדישע טראַדיציע איז דאָ אַ קלאָרע — שרײַבן באַזונדער. פֿאַרוואָס האָט מען דאָ נאָכגעטאַנצט דעם דײַטש? אונדז דאַכט זיך, אַז דאָ זײַנען געווען עטלעכע פֿאַקטאָרן. אַ צאָל פֿירער פֿון דער ייוואָ זײַנען אַליין געווען גראַדואַנטן פֿון דײַטשישע אוניווערסיטעטן און דער דײַטשישער וויסנשאַפֿטלעכער סטיל האָט בײַ זיי — בײַזעין

פראַגמענטן פון שער־בלעטער — דוגמאות פון דער דור־דורות־דיקער טראַדיציע פון שרייבן צונויפהעפטן פון סובסטאַנטיוון באַזונדער.

די פאַקסימיליעס: אַדאַנק דער באָדלעיאַנער ביבליאָטעק (אָקספאָרד)

פראָג 1568

דער רוזן גארטן

קראָקע 1586

ראש תהלים
כוך

באַזל 1602

איין שוין מעשה בוך

באַזל 1602

ספר ברנט שפיגל

פראָג 1615-1605

תורה ליד

אַמסטערדאַם 1664

אוינן עפנר

פראָג 1678

דער צוכט שפיגל

פראַנקפורט ד'אָדער 1796

בבא מעשה

צו בלא יודעין — גובר געווען. אין הלכות לעקסיק האָט דאָס זיי געטריבן צו אַן עקסטרעמען „אַנטי־דייטשמעריזם". אין הלכות שרייבן צוזאַמען אָדער באַזונדער זיינען זיי געווען זייער צוגעוואוינט צום דייטשישן וויסנשאַפטלעכן סטיל. פאַראַן אָבער אויך דאָ אַ השפעה פון סאָוועטישן יידיש. די אַלע לאַנגע צוזאַמענגעשריבענע ווערטער האָבן אויף ביידע זייטן גרענעצן אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן געהאַט אַ סטיליסטישן גלאַנץ פון אייראָפּעאישקייט, וויסנשאַפטלעכקייט, טעכנישקייט. פאַראַן אויך דאָ דער עלעמענט פון פּאָליטישן קאָמפּראָמיס: דורכן פאַרלאַנגען שרייבן מיט אַ מקף וואו נאָר פיר טראָפן און מער, האָט מען עפּעס אַ שמץ אויפגעהיט פון טראַדיציאָנעלן יידישן סטיל פון שרייבן באַזונדער. אין דעם פּרט האָט זיך אויפגעהיט דער טראַדיציאָנעלער נוסח גראַדע אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור. ענגליש (וואו מ׳שרייבט אַמאָפטסטן באַזונדער, אַזוי ווי אין טראַדיציאָנעלן יידיש) האָט דאָ ניט אַרויסגערוקט קיין מוסטער אַנטקעגן.

די אָרטאָגראַפיע ביי טראַדיציאָנעלע פרומע יידן

די קולטור געשיכטע איז כידוע פול מיט טשיקאַוועקייטן. די אַלע דעבאַטעס איבערן יידישן אויסלייג קומען פאָר — און צום גרעסטן טייל זיינען אויך פאָרגעקומען — אין די ראַמען פון „וועלטלעכן" (געמיינט: סעקולערן, ניט־רעליגיעזן) סעקטאָר, בעת די ווייט גרעסטע מערהייט יידן אויף דער וועלט, וואָס וועלן רעדן יידיש אין איין און צוואַנציקסטן

יאָרהונדערט וועלן זיין טראַדיציאָנעלע פרומע יידן, מערסטנטייל חסידים. וואָס שייך אַלע אונדזערע פראַגן — אויסלייג, לעקסיק און נאָך — וועלן די פירונגען פון קומעדיקן יאָרהונדערט קומען פון ז י י, פון דער ציוויליזאַציע וואו יונגע מענטשן וואָס רעדן יידיש נאַטירלעך פון דער היים זיינען ניט קיין בייזוואונדער נאָר וואָדען: אַ טאָגטעגלעכע סאָציאַל־נאָרמאַלע דערשיינונג.

די צווייטע טשיקאַוועקייט איז דאָס וואָס ביז שפּעט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז דער חסידישער אויסלייג בעצם ניט מער און ניט ווייניקער ווי דער אַמאָליקער דייטשמעריש־משכילישער אויסלייג. פאַר דער אַלמענטש־ליכער קולטור געשיכטע איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווי אַזוי אָרטאָגראַפישע שטריכן וואָס זיינען אויפגעקומען אַלס סימבאָלן פון ראַדיקאַלער קולטור — דער אויסלייג פון ניינצנטן יאָרהונדערט וואָס האָט אַ סך נאָכגעמאַכט דייטש — איז ביי חסידים געוואָרן, פּונקט פאַרקערט, דער סימבאָל פון המשך פונעם אוראַלטן טראַדיציאָנעל־יידישן לעבנס־שטייגער. אַ ראיה איז עס דערויף, ווי דער אָפּשטאַם פון קולטורעלע איינסן איז אָפטמאָל ניט שייך אין דער סטרוקטור פון דער קולטור. וויכטיק זיינען די באַדייטן וואָס זיי נ ע מ ע ן אָ ן אין אַ געוויסער געזעלשאַפט.

דער חסידישער אויסלייג היט אויך בדרך כלל דעם שטומען עין (זאָגען, קעפּעל), דעם שטומען הא (יאָהר), די סופיקס־שרייבונג ־יג (וויכטיג), דאָס ניט באַצייכענען אַפריקאַטן (אונג, מענש), דאָס שרייבן איה, אידיש וכו׳, די אַפּאָסטראָפן צווישן סעמיטיש און גערמאַניש אָפּשטאַמיקע טיילן פון אַ וואָרט (באַ׳גנב׳ענען), און נאָך אַ צאָל כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם וואָס הייסט ביי

„וועלטלעכע ייִדישיסטן" זינט די צוואַנציקער יאָרן: „די אַלטע אָרטאָגראַפֿיע". אויסער דער חסידישער פּרעסע, ד.ה. אין ענגן משפּחה לעבן, אין אַ צאָל חדרים און מיידל־שולעס האָט זיך ערטערווייז אויך אויפֿגעהיט דער אַלט־ייִדישער פֿאַרמשכּילישער יוד, אויף אומבאַטאָנטע וואָקאַלן (גיוואָרין).

אין לעצטן יאָרצענדליק זעט זיך אָבער אין דער חסידישער ליטעראַטור אַ בפֿירושדיקע נטיה אַוועקצוגיין פֿון שטומען עין און פֿון שטומען הא, בעת טייל אַנדערע שטריכן האַלטן זיך נאָך אויף לפֿי ערך שטאַרק. אַ סבֿרא אַז דער ערשטער שטויס דערצו איז געווען די אָרטאָגראַפֿיע אינעם ניו־יאָרקער אגודה זשורנאַל, דאָס אידישע וואָרט, און די מערסטע ליובאַוויטשער אויסגאַבעס, וואו מ׳איז אַוועק פֿון שטומען עין און פֿון שטומען הא, די צוויי עיקרדיקע סימנים פֿון דער „אַלטער אָרטאָגראַפֿיע".

דער פּועל יוצא: דער חסידישער אויסלייג דער־נעענטערט זיך וואָסאַמאָל מער צו דער נייער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע! ער דערנעענטערט זיך צו זלמן רייזענס אָרטאָגראַפֿיע וואָס האָט זיך געבויט אויף בער באָראָכאָווס רעפֿאָרם. דער סוף איז, אַז סוף יאָרהונדערט ווערט טאַקע מקוים אַ פֿאַרהעלטענישמעסיק אויסגעהאַלטענע ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע איבער גאָר דער וועלט.

דער גרויסער ייִדישער פֿילאָלאָג שלמה בירנבוים האָט כּידוע אויסגעאַרבעט אַ באַזונדערע „רעליגיעזע אָרטאָגראַפֿיע", געבויט אויף די דרומדיקע דיאַלעקטן און אויף פֿאַרהשׂכּלהדיקע טראַדיציעס (זע למשל בירנבוים 1930; 1932; 1979: 200-223). פֿאַר דער צווייטער וועלט מלחמה איז בירנבוימס סיסטעם באַנוצט געוואָרן אין די „בית יעקבֿ" שולן אין פּוילן. נאָך דער מלחמה איז עס

מ׳נוצט היינט די נייע ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע ביי גרעסערע טיילן פֿון טראַדיציאָנעלן סעקטאָר, ביי פֿון ליטעראַרישן, ההיינו: אַן איינאיינציקער אויסלייג (מיט קלענערע וואַריאַציעס), וואָס טרעפֿט זיך אין ביידע וועלטן פֿון ייִדיש. פֿראַגמענטן פֿון פֿיר ניו־יאָרקער אויסגאַבעס, 1993.

> **פֿאַרוואָס ווען איינער פֿון די נשיאים פֿון דער "מועצת גדולי התורה" האָט געהייסן שבת אויסצורופֿן אין זיין בית המדרש אַז יעדער וואָס קען, זאָל פֿאָרן קיין ירושלים זיך משתתף זיין ביי דעם עצרת תפלה, האָט עס דער המודיע**

פֿון: דער איד (סאַטמאַר)

> **צו וועלטלעכער פֿירערשאַפֿט ווערט דער מנהיג אָפֿט געשטריסן פֿון זיינע צערייצטע אינסטינקטן. פֿון אַן אינערלעכן אימפּולס צו הערשן און רעאַגירן ער עקספּערימענטירט מיטן וואָרט און מיט אַזעלכע מעשים, וועלכע דאַרפֿן אַרויסרופֿן אַרויפֿרודערן די**

פֿון: אַלגעמיינער זשורנאַל (ליובאַוויטש)

> מ׳האָט בכן דערגרייכט צו די
> ברעגן פֿון דניעפּר בעיקר צוליב
> האַנדלס־צוועקן. דער וועלט־האַנדל
> איז אין יענע ווייטע צייטן, אין אַ

פֿון: פֿאָרווערטס

> **נעמענדיק אין אַכט, אַז ס׳איז ניט מעגלעך צו צערייסן די רוסישע אימפּעריע אויף אַזאַ אופֿן, אַז ס׳זאָלן זיך פֿון איר אויסטיילן טעריטאָריעס באַוואוינטע דורך איין נאַציאָנאַליטעט, אויף וועלכע**

פֿון: אונזער צייט (בונד)

באַנוצט געוואָרן דער עיקר דורך אים אַליין. איצטער האָט אָבער דער יונגער שמואל הײַלע אין לאָנדאָן צוגעגרייט צוויי לערנביכער וואו דער אויסלייג איז אין גייסט פֿון בירנבוימס אויסלייג (זע הײַלע 1991; אין דרוק א און ב). דער שטומער עין (און זײַן אַלטערנאַטיוו — יוד) ווערט אַרויסגעוואָרפֿן בהסכם מיט דער נײַער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע. דער רעדוצירטער וואָקאַל אינמיטן וואָרט ווערט געשריבן יוד און ניט עין (גיזאָגט). נקודות ווערן גענוצט אויף איבערצוגעבן לאַנגע וואָקאַלן בהסכם מיט דער קלאַנגיקער סיסטעם פֿון צענטראַל־מזרח ייִדיש („פּויליש ייִדיש"), למשל זון אויף דרומדיק ייִדיש zin ('די זון וואָס שײַנט') כנגד זוּן אויף דרומדיק ייִדיש zīn ('אַ זון מיט אַ טאָכטער'). הײַלעס ווערק זײַנען דער איינציקער שטיים וואָס קען גורם זײַן אַ קער אַוועק פֿון דער נײַער אָרטאָגראַפֿיע אין אַ פּאָר פּרטים און מ'וועט מוזן וואַרטן אויף צו זען וואָסערע השפּעה זיי וועלן האָבן. דאָס וואָס די ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע בײַ חסידים געפֿינט זיך הײַנט אין אַן איבערגאַנג־פּעריאָד, לפּחות בנוגע דעם שטומען עין און הא, דריקט זיך אויס אין זײַן הויפּט הסרון: דער דוחק אין אינערלעכער אויסגעהאַלטנקייט. צו דעם וועט זיכער קומען אַ תּיקון אין דער ניט זייער ווײַטער צוקונפֿט. אונדז דאַכט זיך אַז דער פּועל יוצא וועט זײַן אַ נוסח פֿון דער נײַער אָרטאָגראַפֿיע וואָס וועט זײַן זייער ענלעך צו זלמן רייזענס נײַער אָרטאָגראַפֿיע פֿון 1920.

סיסטעם און אונטערסיסטעם

אין דער אָרטאָגראַפֿיע פֿון אַ שפּראַך טאָר ניט זײַן קיין אַנאַרכיע. קיין דיקטאַטור קען אָבער אויך ניט זײַן, דאָרטן וואו עס זײַנען פֿאַראַן אָנגענומענע וואַריאַנטן וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר פֿעסטע טראַדיציעס בײַ אָנזעעוודיקע גרופּעס שרײַבער, פֿאַרלעגער, לענדער — אַזוי ווי ס'איז דער פֿאַל בײַ אַ גרויסער צאָל שפּראַכן איבער דער וועלט, בתוכם ענגליש און העברעאיש. צוליב צוויי סיבות שטערט ניט די וואַריאַציע. ערשטנס: די וואַריאַנטן נעמען זיך, ניט פֿון עם־הארצים און ניט פֿון איפּכא־מסתבראניקעס, נאָר פֿון פֿאַרשידענע אײַנגעפֿעסטיקטע טראַדיציעס, פֿאַרשידענע רגילותן בײַ גרופּעס וואָס האָבן אַ ספּעציפֿיש געזעלשאַפֿט־לעך פּנים. צווייטנס, גייט עס ניט אין באַזונדערע סיסטעמען אויסלייג; באַזונדערע סיסטעמען וואָלטן טאַקע געבראַכט צעשטערעניש לגבי דער קעגנזײַטיקער פֿאַרשטענדלעכקייט און אָנגענעמקייט פֿון דעם וואָס ווערט געשריבן אָדער געדרוקט בײַ אַוועלכער ניט איז גרופּע. גיין גייט עס אין קליינע — און סיסטעמאַטישע — אונטערשיידן אין תּחום פֿון אַן איינאיינציקער סיסטעם. ס'גייט ניט אין נוסחה, נאָר אין: נוסח דנוסח.

ווער ס'וועט פּורש מן הציבור זײַן און גיין מאַכן שבת פֿאַר זיך מיט, לאָמיר אָנכאַפּן, בקנט אויף 'באַקאַנט' (ווי אין אַלט ייִדיש), אָיף אויף 'אויף' (ווי ס'האָט געוואָלט אַמאָל ליפֿשיץ), פֿוּנ אויף 'פֿון' (ווי ס'האָט געוואָלט אַמאָל ווײַנגער), וועט מען אים אָדער גלאַט אויסלאַכן אָדער האַלטן פֿאַר אַ

משוגענעם. פֿאַרוואָס? ווייל אָטאָ די שרייבונגען שטעלן מיט זיך ניט פֿאָר אַוועלכע ניט איז אונטערסיסטעם פֿון דער נייער יידישער אָרטאָגראַפֿיע. אַ ראיה דערויף ווי פֿעסט עס איז בײַ אונדז אַלע די נייע יידישע אָרטאָגראַפֿיע. זי איז די אוניווערסאַלע און דאָס וואָס זי איז כולל עטלעכע אונטערסיסטעמען איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג וואָס שטערט קיינעם ניט אויסער די יענע וואָס „פּסלען" אַלצדינג אַחוץ „זייער" אונטערסיסטעם. בכלל גענומען, איז די „היץ" אַרום אָרטאָגראַפֿישע דיסקוסיעס וואָס שייך יידיש אַ סימן מובהק פֿון דער סאָציאָלאָגיע פֿון יידיש, וואָס האָט ווייניק שייכות מיטן מהות פֿונעם ענין.

האָבן מיר אַן אָרטאָגראַפֿיע, וואָס איז חל אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור איבער אַלע לענדער, און וואָס איז געוואָרן, מיט אַ צאָל וואַריאַציעס, אוניווערסאַל איבער דער וועלט, בײַ גרופּעס וואָס שיידן זיך בולט אונטער. די שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן איטלעכע גרופּע, זיינען אַ כאַראַקטעריסטישער סימן פֿונעם היינטצייטיקן יידיש.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז דער שטומער עין מיטן שטומען הא ווערן צוביסלעך נעלם אויך אין דער חסידישער וועלט. ס׳זעט אויך אויס פֿון אונדזערע קאָנטאַקטן מיט יידן אין געוועזענעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אַז דאָרטן גייט מען צוביסלעך אַריבער אויף שרייבן די סעמיטיזמען לויט זייער היסטאָרישער אָרטאָגראַפֿיע. סוף יאָרהונדערט וועלן מסתמא זיין דריי אונטערסיסטעמען פֿון איין סיסטעם: די נייע יידישע אָרטאָגראַפֿיע. אין דער ווייטערדיקער טאַבעלע ווערן די דריי אונטערנוסחאות אילוסטרירט, נעמענדיק אין באַטראַכט אַז דאָ גייט די רייד וועגן טעקסטן פֿאַר דערוואַקסענע און פֿאַר די וואָס קענען שוין יידיש.

חסידיש	„דער צענטער"	ייִוואָ
איבעראַכטאָג	איבעראַכטאָג	איבער אַכט טאָג
אידיש	יידיש	ייִדיש
גליאיק	גליאיק	גלייִק
וואו	וואו	ווּ
וויכטיג	וויכטיק	וויכטיק
זאָגן (~זאָגען)	זאָגן	זאָגן
העברעאיש	העברעאיש	העברעיִש
חנוכה מנורה	הנוכה מנורה (~חנוכה־מנורה)	הנוכּה־מנורה
ישוב	ישוב	יִשובֿ
מ׳גייט	מ׳גייט	מע גייט
מדבר	מדבר	מידבר
מענטש (~מענש)	מענטש	מענטש
פֿאַרטייאיש	פֿאַרטייאיש	פֿאַרטייִש
פֿאַראַיאָרן	פֿאַראַיאָרן	פֿאַר אַ יאָרן
פֿריער	פֿריער	פֿרייִער
צואוואוקס	צואוואוקס	צוווּקס

די אוניווערסאַלקייט פֿון דער נייער אָרטאָגראַפֿיע און דער מינימום וואַריאַציע איז אַ גוואַלדיקער אויפֿטו בײַ אַ שפּראַך וואָס האָט ניט קיין לאַנד, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָטס ערד־קוגל, וואָס די וואָס באַנוצן זיך מיט איר טיילן זיך אין אַ גוזמא מהגות, ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס. די נייע יידישע אָרטאָגראַפֿיע איז אַ פּועל יוצא פֿון אַ גראַנדיעזער שותפֿות צווישן שרייבער, געלערנטע און יידן פֿון אַ גאַנץ יאָר. וואָס מ׳האָט די זאַך געפּועלט איז שוין אַן ענין וואָס די אַלמענטשלעכע קולטור געשיכטע וועט זיך נאָך אָפּשטעלן דערויף.

די סאַמע באַליבטסטע אונטערסיסטעם בײַ ייִדישע שרײַבער איז ביז הײַנט צו טאָג רײזענס אָרטאָגראַפֿיע פֿון 1920 (אין מערסטע פּרטים — „דער צענטער" אין אונדזער טאַבעלע), מערניט מיט גראַפֿישע וואַריאַציעס, וואו אַ פּינטל, וואו אַ רפֿה. אָט דאָס דאַרף קײנעם ניט שטערן; ווי עס האָט געזאָגט יודל מאַרק: „עס קענען זײַן פֿאַרשײדענע ס ט י ל ן אין דעם אויסזען פֿון די אותיות" — (מאַרק 1959א: 12).

די אונטערסיסטעם פֿון דער ייִוואָ איז זיכער אַ באַרעכטיקטער וואַריאַנט פֿון דער מאָדערנער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע. ס'איז אָבער לחלוטין ניט דער אײנציקער ריכטיקער נוסח דנוסח פֿונעם מאָדערנעם אויסלייג. דאָס האָט שוין קלאָר אָנגעוויזן מענדל מאַרק אינעם זשורנאַל ייִדישע שפּראַך גופֿא: „מ'דאַרף געדענקען אַז די תּקנות וואָס דער ייִוואָ האָט אָפּגעדרוקט איז נאָר אײן נוסח פֿון דער מאָדערנער אָרטאָגראַפֿיע" (מ. מאַרק 1968: 93). און אַפֿילו אַזאַ אָנהענגער פֿון די ייִוואָ תּקנות ווי אוריאל ווײַנרײַך, בשעת ער האָט פֿאַרטײדיקט דעם ליטעראַרישן אַרויסרייד, האָט ער געשריבן אַז „די ליטעראַרישע אויסשפּראַך קען מען רופֿן די אויף וועלכער עס איז געבויט די ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע (ניט בלויז דער ייִוואָ אויסלייג הלילה) און ממילא די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור" (א. ווײַנרײַך 1951: 27). אַמאָל קומט אָבער אויס צו לײענען באַשרײַבונגען פֿון דער געשיכטע פֿון דער נײַער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע, וואָס ווערן געשריבן פֿון פּאַטריאָטן פֿונעם ייִוואָ אויסלייג וואָס האַלטן, אַז אַלע אַנדערע וואַריאַנטן זײַנען פּסול, און וואָס פּרובירן שאַפֿן אַן אײַנדרוק אַז דאָס זײַנען אומפּאַרטײאישע וויסנשאַפֿטלעכע איבערגעבונגען פֿון די היסטאָרישע פֿאַקטן

(זע אַשטײַנער גאָלד 1977).

כאָטש מיר זײַנען ניט מסכּים מיט דער אומטאָלעראַנץ וואָס מ'טרעפֿט בײַ קנאָים פֿונעם ייִוואָ אויסלייג, נעמען מיר אָן אַז זי נעמט זיך פֿון געוויסע היסטאָרישע סיבות. די שטעלונג וועגן וועלכער ס'גייט דאָ די רייד, איז די שטעלונג אַז ייִדיש דאַרף זײַן מ ע ר סטאַנדאַרדיזירט („אײנהייטלעך" ווי זיי רופֿן עס) אײדער אַנדערע שפּראַכן. מאַקס ווײַנרײַך האָט עס אויסגעדריקט בזה הלשון:

> דער ענטפֿער שטעקט אין דער ספּעציפֿישער סאָציאַל=פּסיכאָלאָגישער סיטואַציע פֿון ייִדיש. די שפּראַך האָט פֿון מיטן נײַנצנטן יאָרהונדערט גענומען קעמפֿן פֿאַר איר אָנערקענונג אין אַ געזעלשאַפֿט, וואו מען האָט זי מבֿטל געווען און וואו די ניט=אײנהייטלעכע שרײַבונג איז געווען אײנער פֿון די אַרגומענטן קעגן איר. כּל זמן קײנער וועגט ניט און מעסט ניט מאַכט ניט אויס, וואָס אין דרײַ פֿאַרשײדענע ביכער, געדרוקטע אין אײן יאָר, געפֿינט איר: textbook, text-book, text book. אין דעם מאָמענט אָבער, ווען דער סאָציאַלער פּרעסטיזש פֿון אַ שפּראַך ווערט אַ פּראָבלעם, איז אַן אײנהייטלעכער אויסלייג אַ מוז.

(מ. ווײַנרײַך 1949: 3)

ווײַנרײַך דיפֿערענצירט ניט צווישן סיסטעם און אונטערסיסטעם, בײַ אים טאָר ניט זײַן קיין האָר וואַריאַציע. דעם אמת זאָגנדיק זײַנען ווײַנרײַכס דאגות לחלוטין פֿאַרשטענדלעך אַז מ'נעמט אין באַטראַכט וויפֿל פֿון זײַן לעבן האָט זיך פֿאַרלאָפֿן אין יאָרן ווען דער געזעלשאַפֿטלעכער מעמד פֿון ייִדיש איז געווען אַ שרעקלעך קאָנטראָווערסיעלער; אַז מ'נעמט אין באַטראַכט, אַז אין 1949 איז ייִדיש אין אַמעריקע קוים געווען אַן ענין פֿאַר

אוניווערסיטעטן. ניט געקוקט אויף דער דעמאָגראַפֿישער אָפּגעשוואַכטקייט פֿון ייִדיש (אויסער דער חסידישער וועלט!), איז היינט צו טאָג דער פּרעסטיזש פֿון ייִדיש אין אַ מזלדיקער שעה שווין אין די הויכע פֿענצטער. מיר גלייבן מיטן גאַנצן האַרצן, אַז ווען מאַקס ווײַנרײַך קען היינט אויפֿשטיין תּחית המתים, מער ווי פֿערציק יאָר נאָכן שרײַבן יענע ווערטער, וואָלט ער ניט געציטערט אַזוי איבער אַ פּרעסטיזש פֿון ייִדיש וואָס זאָל הענגען אָן אַ קוצו של יוד, צי אַפֿילו אָן — אַ חיריק של יוד.

מעינקע קאַץ האָט מיט זײַן דיכטערישער פּען דעם ענין אָט אַזוי אָ אַוועקגעשטעלט:

> די תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג טאָרן ניט ווערן קיין תּורת משה, אויך ניט קיין תּורת לאָקשן, איך האָף אַז די מדריכים פֿון אונדזער לשון וועלן אין אַן אײנזאַמער (דײַטשמעריש?) שעה פֿאַרטראַכטן זיך און מודה זײַן פֿאַר זיך אַליין אַז אַפֿילו זיי קענען זײַן אומגערעכט און אויפֿהערן געוועלטיקן איבער אונדזער לשון ווי זיי וואָלטן געווען אָן אַן אײנציקן חסרון. אַ מענטש אָן חסרונות איז איין גרויסער חסרון.
>
> (מ. קאַץ 1979א: 9)

ווײַל מען זיך איבערצייגן אויף וויפֿל מיר האָבן אַן אײנאײנציקע אָרטאָגראַפֿיע, דאַרף מען מערניט אַ קוק טאָן אויף מ. געלענבערגס שטודיע פֿונעם אויסלייג פֿון ייִדישע שילדן אין וואַרשע אין 1930. אויף מילך ברענגט ער: מילך, מילעך און מילאָך; אויף טיי: טיי, טייא, טעי, טהע, טהעע און טהיי; אויף מעל: מייל, מעל, מעהל, מהעל. געלענבערגס פֿאָרגעלייגטע תּרופֿה: „עפֿענען קורסן [...] פֿאַר ייִדישע שילדן־מאָלערס" (געלענבערג 1930: 346, 347, 394).

די נייטיקייט אין טאָלעראַנץ זעט זיך אין אַ געוויסער מאָס אין די ייִוואָ תּקנות גופֿא. די תּקנה 142ד למשל (נוסח פֿון 1937) דערלויבט שרײַבן מיט אַ מקף „אויב די אײנאײנעמדיקע שרײַבונג וואָלט געקענט פֿאַרשווערן דאָס לייענען אָדער אַרײַנפֿירן אין אַ טעות" (ייִוואָ 1937: 122). אין נוסח פֿון 1935 ווערט אָנערקענט, וואָס שייך שין און שׂין, אַז די צאָל ווערטער מיט שׂין דערגרייכט

> אין אונדזער טאָגטעגלעכן באַנוץ אַפֿילו ניט קיין צענדלינג [...] דעריבער איז די תּקנה [...] אַז אַ ספּעציעלער צייכן פֿאַר סין ווערט גענוצט בלויז אין אויסגאַבעס פֿאַר ניט־געניטע לייענער.
>
> (ייִוואָ 1935: 29)

אויב מיר האָבן זיך אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלעך אויסגעדריקט שאַרף לטובֿת דעם שטומען אלף און קעגן די דריי וואָוון, איז עס ניט חלילה אויף צו „פּסלען" די דריי וואָוון. גאָר גרויסע זאַכן זײַנען געשריבן געוואָרן מיטן ייִוואָ אויסלייג. ער איז ניט ווייניקער ריכטיק איידער וועלכער ניט איז אַנדער וואַריאַנט פֿון דער נײַער אָרטאָגראַפֿיע. די אַנדערע זײַנען אָבער אויך ריכטיק. מיר דאַרפֿן זיך אַלע לערנען טאָלערירן אײנער דעם אַנדערן און ניט פֿאַרלירן דעם דרך ארץ צו אַ בוך אָדער אַ זשורנאַל אָדער אַ בריוו ווײַל דאָרטן שטייט „וווּ אָנשטאָט וואו" אָדער „וואו אָנשטאָט וווּ". שטעלט זיך פֿאָר אַן ענגלענדער, וואָס איז נוהג צו שרײַבן honour אויף 'כּבֿוד', זאָל ניט נעמען אין האַנט אַרײַן אַ בוך פֿון אַמעריקע וואו עס שטייט honor, אָדער פֿאַרקערט. שטעלט זיך פֿאָר אַז אַ היינטיקער תּל־אָבֿיבֿער, וואָס איז צוגעוואוינט צו שרײַבן דוויד אויף 'דוד' זאָל

אויסרופֿן אַ חרם אויף דוד. אָט אַזאַ אַבזורדן טעם האָט עס ווען אַן אויסלייג־קנאות מצד די אויסבויאיסטן ברענגט אומדרך־ארץ פֿון איינעם צום אַנדערן אין אונדזער וועלטעלע. זאָלן די פּאַראַנענע וואַריאַציעס ביי אחריותפֿולע שרייבער, געלערנטע, אינסטיטוציעס און לענדער אויפֿגע־נומען ווערן ווי סימנים פֿון דער שפּרודלדיקער רייכקייט פֿון דער יידישער סטיליסטיק.

צום אויסלייג גופא

די כלל־תקנות פון יידישן אויסלייג

אין 1992 זײַנען געקומען צום טיש אַ ריי אוניווערסיטעטן און שרייבער וואָס נוצן אַלע די נייע אָרטאָגראַפיע, אָבער ניט דעם אונטערנוסח פון דער ייוואָ. די אָנטיילנעמער פֿאַרטרעטן דעם קאָלעקטיוו וואָס היט אויף דעם מחיצה־אלף (וואו, וואוינען, העברעאיש, פּריאיק וכו׳), און וואָס שרייבט איינאיינציקע אַדווערבן ווי איין וואָרט (איבעראַכטאָג, אינגאַנצן, פֿאַראַיאָרן, פֿאַרוואָס, קיינמאָל). בײַ אַנדערע פּרטים זײַנען אַ ל ע איינגעגאַנגען אויף פּשרות מיטן ציל צו שאַפֿן אַן אוניפֿיצירטן אויסלייג בײַ אָט דעם קאָלעקטיוו. היסטאָריש איז עס אַ וואַקסנדיקער קאָלעקטיוו, ווײַל ער נעמט פּאָטענציעל אַרײַן דעם גאַנצן טראַדיציאָנעלן רעליגיעזן סעקטאָר, וואָס גייט צוביסלעך אַוועק פֿון די שטומע עינס מיט די האען, וואָס וועט אָבער קיינמאָל ניט אָננעמען די דריי וואָוון און די פֿינטעלעך און די רפֿהס, וואָס זײַנען ג ע װ ו אָ ר ן אַ סימבאָל פֿון סעקולאַריזם בײַ אַ סך טראַדיציאָנעלע פֿרומע יידן.

דער רעזולטאַט פֿון דער צוזאַמענאַרבעט: די כלל־תקנות פֿון יידישן אויסלייג, וואָס זײַנען דערשינען אין אָקספֿאָרד סוף 1992. די כלל־תקנות שטרעבן צו קאָדיפֿיצירן דעם פּאָפּולערסטן נוסח פֿון דער נייער יידישער אָרטאָגראַפֿיע און צו ברענגען אַן אוניפֿיצירטע שרייבונג בײַ די אַלע וואָס

שטייען סיי ווי אין אָרטאָגראַפישן צענטער פון דער שפּראַך. זיי שטעלן מיט זיך לחלוטין ניט פאָר קיין פּרוּאוו „איינצונעמען" יידיש. ס׳ווערן אָנערקענט די אַנדערע אונטערנוסחאָות פון דער נייער אָרטאָגראַפיע, און די אָנטיילנעמער האָפן אַז די זעלביקע טאָלעראַנץ וועט אַרויסגעוויזן ווערן מצד די אָנהענגער פון אַנדערע וואַריאַנטן. אָקספאָרד האָט דאָ געמאַכט אַ שיינע פאָר הנחות, ווי ס׳קען קלאָר אויפגעוויזן אַ פאַרגלייך מיט די ערשטע צוויי בענד אָקספאָרדער יידיש. די כלל־תקנות זיינען אויסן צו פיקסירן דעם אָרטאָגראַפישן צענטער פון דער שפּראַך, וואָס פאַרנעמט אַ מיטלפּונקט צווישן דעם „קאָנסערוואַטיוון פליגל" (וואָגען, יאָהרען, מענשען) און דעם ראַדיקאַלן (ווו, פאַר אַ יאָרן, פרויק).

די ווייטערדיקע אָנווייזונגען שטעלן מיט זיך ניט פאָר קיין סך־הכל פון די כלל־תקנות. דאָ ווערן אַרומגעשמועסט פאַראַנענע וואַריאַנטן, דאָ ווערן געבראַכט מאָטיווירונגען בנוגע פאַרשידענע איינשטעלונגען.

דיפערענצירונג ביי די פּאָרלעך:

בּ ~ בֿ; כּ ~ כֿ; פּ ~ פֿ; תּ ~ תֿ

אין דער שרייבונג פון די פיר פּאָרלעך עקספּלאָסיוון — ספּיראַנטן, איז פאַראַן אַ היפּש ביסל וואַריאַציע. און ס׳וועט תמיד זיין דאָ וואַריאַציע. און צום שידוך וועט עס ניט שאַטן. וואָס יאָ, מ׳דאַרף זיין אויסגעהאַלטן אין אַוועלכן ניט איז איינאיינציקן געדרוקטן טעקסט, בעת ביים שרייבן מיט דער

האַנט קען גילטן דער פערזענלעכער חוש וועגן דעם, וואו אַ דגש (פינטל) צי אַ רפה (דעכעלע) גיט צו קלאָרקייט, אַ פראַגע וואָס איז געווענדט אין דער אינדיווידועלער האַנטשריפט.

וואַריאַציע וועט תמיד זיין אין דעם ענין צוליב עטלעכע סיבות. אַ סך באַנעמען די זאַך ווי אַ פראַגע פון סטיל פון די אותיות (צי ביים שרייבן צי ביים דרוקן), ניט ווי אַ פּרינציפּיעלע פראַגע פון אויסלייג. אַ סך באַנעמען דגש און רפה ווי נויטווענדיקייטן פאַר קינדער, פאַר די וואָס לערנען זיך די שפּראַך, און פאַר געוויסע אַקאַדעמישע צוועקן — ניט ווי סטאַבילע „טיילן פון אותיות" ענלעך צו קמץ־אלף און פּתח־אלף אויף יידיש, ענלעך צו é אויף פראַנצייזיש. צוליב דעם וואָס אַ שיינער חלק פון די אַלע וואָס ריידן און שרייבן יידיש וועלן תמיד זיין מענטשן, וואָס האָבן זיך יונגערהייט געלערנט לשון קודש, וועט די־אָ טראַדיציע ניט נעלם ווערן. צו דער סאָציאָלאָגיע איז וויכטיק צו דערמאָנען אויך, אַז ביי אַ סך טראַדיציאָנעלע פרומע יידן ווערן די רפהס באַנומען גאָר ווי סימנים פונעם „סעקולאַריסטישן אידעאָלאָגישן יידישיזם". צי זיי האָבן רעכט היסטאָריש גערעדט איז לחלוטין ניט שייך, מחמת דאָ גייט די רייד וועגן דעם וואָסערע סימבאָלן זיי האָבן אָנגענומען, ניט פון וואַנעט זיי שטאַמען. צו דעם אַלעמען איז עס אַ פאַקט אַז אין ווייט גרעסטן חלק פון דער יידישער ליטעראַטור אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פון אַלע ריכטונגען — לינקע און רעכטע, פרומע און פרייע — האָט מען בכלל קיין רפהס ניט גענוצט ביים דרוקן.

אַרומריידנדיק די פּאָרלעך בּ ~ בֿ, כּ ~ כֿ, תּ ~ תֿ, אין זיין אָרטאָגראַפישן פּראָיעקט אין 1930, האָט מאַקס

ווײַנרײַך פֿאָרגעשלאָגן אַז אין „ביכער וואָס זײַנען באַשטימט פֿאַר אַן ענגערן קרײַז זאָל מען זיך באַגיין אָן דער דיפֿערענצירונג״ און אַז „דאָס אײגענע איז שײך צום ש ר ײ ב ן בײַ דערוואַקסענע״ (מ. ווײַנרײַך 1930: 25). ער האָט אַנאַלאָגיש פֿאָרגעשלאָגן אַז דעם שׂין שׂמאל זאָל מען קאָנסעקווענט אָנווענדן אין „קינדער ביכער״ (דאָרטן, ז. 30).

> צו אַזאַ מקיל זײַן האָבן מיר אַן אַנאַלאָגיע אין אַנדערע שפּראַכן. די רוסן באַצייכענען ë נאָר אין קינדער ביכער.
>
> (מ. ווײַנרײַך 1930: 25)

שפּעטער איז ווײַנרײַך אָבער כּידוע געוואָרן דער טשאַמפּיאָן פֿון די ייִוואָ תּקנות, וואו די גראַפֿיק ווערט פֿעסטגעשטעלט אינאײנעם מיט דער אָרטאָגראַפֿיע.

די סאַמע פֿאַרשפּרייטסטע סיסטעם בײַ די וואָס ריידן און שרײַבן ייִדיש, און אַוודאי אין דער ייִדישער ליטעראַטור, איז „די מינימאַלע״: שטעלן אַ פּינטל אין פּא און איבערלאָזן אַלע אַנדערע אומבאַצייכנט. די וואָס קענען ייִדיש ברענגט די מינימאַלע סיסטעם ניט קיין שוועריקייטן: בלויז פּא און פֿא זײַנען שטאַרק פֿאַרטראָטן אין דער שפּראַך בכלל. בֿית, כֿף, תֿוו און תּוו טרעפֿט מען נאָר אין סעמיטישן קאָמפּאָנענט און דעם וואָס ווייס ניט וואָס זײַנען עס אַזוינס „שׂריפֿות״ מיט „תּיבֿות״, וועלן ווייניק העלפֿן די דעכעלעך מיט די פּינטעלעך, מערניט ס׳עט זײַן נחת מיט ז ע ק ס גרייזן.

די מינימאַלע סיסטעם האָט אַ גרויסע וויזועלע מעלה: וואָס ווינציקער פּינטעלעך, וואָס ווינציקער „דיאַקריטישע צייכנס״ בכלל.

די מינימאַלע סיסטעם

(באַליבט בײַ ייִדישע שרײַבער און בײַ דער גרויסער מערהייט פֿון די וואָס שרײַבן ייִדיש)

ב (בעטן)	ב (עבירה)
כ (כבוד)	כ (זאַכן)
פּ (פּוצן)	פֿ (פֿיס)
ת (תורה)	ת (שבת)

פֿאַראַן וואַריאַציעס, למשל: דאָס נוצן דעם רפֿה בלויז בײַם ספּיראַנטישן פֿא (אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דער ממשותדיקער וויכטיקייט פֿון דער פּראָבלעם בלויז בײַ פּא און פֿא, וואָס זײַנען בײדע שטאַרק פֿאַרטראָטן אין דער פֿאָנעטישער סיסטעם גופֿא). אָט די מינימאַלע סיסטעם ווערט פֿאַרפֿיקסירט אין די כּלל־תּקנות, מיט דער אָנווײַזונג, אַז פֿאַר קינדער, סטודענטן און צו אַ גאַנצער רײ וויסנשאַפֿטלעכע צוועקן (ווערטערביכער, לעקסיקאָנען א.א.) קען מען צוגעבן סײַ דגש, סײַ רפֿה, בײַ אַלע פֿיר פּאָרלעך.

בײַם אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט האָט מען סוף זיבעציקער יאָרן אויפֿגעלעבט די אַלט־ייִדישע סיסטעם פֿון שטעלן דעם רפֿה איבער אַלע פֿיר ספּיראַנטן, בֿ, כֿ, פֿ און תֿ, און לאָזן די פֿיר עקספּלאָסיוון ב, כ, פּ און ת אומבאַצייכנט, ד.ה. שרײַבן: ב, כ, פּ, ת. אָטאָ די סיסטעם דיפֿערענצירט אַלע פֿיר פּאָרלעך אויף אַן אויסגעהאַלטענעם אופֿן, נוצנדיק דעם רפֿה. אַבסטראַקט גערעדט פּאַסט זי זיך צו צו דער טויזנטיאָריקער געשיכטע פֿון דער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע, דערגרייכנדיק פֿולשטענדיקע קלאָרקייט אָן קיין שום פּינטעלעך. ווי אַ סיסטעם איז זי קלאָרער, בפֿרט

ביים שרייבן, וואו אַ דעכעלע איבערן אות איז אַ סך בולטער אײדער אַ פּינטל. דערצו, ווי עס האָט אָנגעוויזן ווײַנרײַך, „איז גרינגער צו שטעלן דאָס פּאַסיקל פֿון אויבן, אײדער אַרײַנצוטרעפֿן מיטן פּינטל סאַמע אינמיטן" (מ. ווײַנרײַך 1930: 24).

די אָקספֿאָרדער סיסטעם

ב (בעטן)	בֿ (עבֿירה)
כ (כבוד)	כֿ (זאַכֿן)
פּ (פּוצן)	פֿ (פֿיס)
ת (תורה)	תֿ (שבתֿ)

פֿון זינט די סיסטעם איז אין אָקספֿאָרד אָנגענומען געוואָרן אין 1978 האָבן זיך מיט איר געלערנט ייִדיש העכער טויזנט סטודענטן. מיט איר זײַנען צוגעגרייט געוואָרן אַן ערך צוואַנציק קאָמפּיוטער־אָפּגעדרוקטע לערנביכער (צו די זומער פּראָגראַמען), און זי איז גענוצט געוואָרן אין דער ערשטער אויפֿלאַגע פֿון אונדזער גראַמאַטיק (ה.־ד. קאַץ 1987). דאָס אַלײן איז אָבער פּאָרט געווען אין ראַם פֿון אַן אינדזל פֿון ייִדיש אין ווײַטן פּייכטן ענגלאַנד. ערשט מיטן אויפֿקום פֿון אָקספֿאָרדער ייִדיש אין 1990, איז די אָקספֿאָרדער גראַפֿיק אַרײַן אין אינטערנאַציאָנאַלן „לעבן". אין אַלגעמײַן האָבן ייִדישע שרײַבער און פֿען־מענטשן זיך אָפּגערופֿן פּאָזיטיוו, אָפּטמאָל אפֿשר צוליב אַ געזעלשאַפֿט־לעכער סיבה, ניט נאָר צוליב גראַפֿישער פּרעפֿערענץ: ס'איז ניי, פֿריש, אָריגינעל, שמעקט ניט מיט פֿאַרגליווערט־קייט. צו דער גראַפֿיק גופֿא האָבן אַ סך באַמערקט, אַז ס'איז אַ מחיה ווידער צו לייענען ייִדיש אָן דעם ים מיט פּינטעלעך.

איין טענה אַ פֿאַרשפּרייטע איז אָבער יאָ געווען קעגן דער אָקספֿאָרדער גראַפֿיק, דהײַנו, אַז אײנעם ווילן ניט דאַרפֿן אָנקומען צו פּינטעלעך האָט מען איבערגעכאַפּט די מאָס אין איין פֿאַל — ביים פֿא. ביים רוב וואָס שרײַבט ייִדיש און ניצט בכלל ניט קיין רפֿהס איז מען אײַנגעוואוינט אַז פּ סתם איז f, בעת p איז ד ו ו ק א פּ מיט אַ פּינטל. מ'האָט אונדז אויפֿגעוויזן אַז דער באַנוץ פֿון „סתם פּ" אויף p איז בפֿירוש ניט קלאָר ביי פּרט־נעמען און דאָרטן וואו ס'האַנדלט זיך אין אַ ניט־באַקאַנט וואָרט, פּשוט ווײַל ביי אָט דעם אות איז מען אַלע צוגעוואוינט צום פּינטל, מ'איז צוגעוואוינט אַז דער ניט־מאַרקירטער פּ מאַכט: f. דער ערשטער וואָס האָט אונדז אויפֿגעוויזן אויפֿן פֿעלער, נאָך אין 1989, ביים לייענען די קאָרעקטור פֿון זײַן אַרבעט וואָס איז אַרײַן אין ערשטן באַנד אָקספֿאָרדער ייִדיש, איז געווען דער ירושלימער פּאָעט יוסף קערלער. איצט לערנט מען מיט אָנהייבער אין אָקספֿאָרד מיטן דגש אין פּא. די מאָדיפֿיצירטע סיסטעם זעט אויס אָט אַזוי אָ:

די מאָדיפֿיצירטע אָקספֿאָרדער סיסטעם

ב (בעטן)	בֿ (עבֿירה)
כ (כבוד)	כֿ (זאַכֿן)
פּ (פּוצן)	פֿ (פֿיס)
ת (תורה)	תֿ (שבתֿ)

די ייִוואָ סיסטעם איז ווײניקער אויסגעהאַלטן, ווי די אַנדערע, סטרוקטורעל גערעדט (ווײַבאַלד דאָ אַ פּינטל, דאָ אַ דעכעלע און אָט בײדע), אָבער זי דיפֿערענצירט קלאָר צווישן אַלע פֿיר עקספּלאָסיוון און ספּיראַנטן. זי נוצט דעם

דגש ביי כּ, פּ, און תּ, ניט ביי בּ; זי נוצט דעם רפה ביי בֿ און פֿ, ניט ביי כֿ און תֿ.

די סיסטעם פֿון דער ייִוואָ

ב (בעטן)	בֿ (עבֿירה)
כּ (כּבֿוד)	כ (זאַכן)
פּ (פּוצן)	פֿ (פֿיס)
תּ (תּורה)	ת (שבת)

נאָענט צו דער ייִוואָ סיסטעם איז די גראַפֿיק פֿון גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך, אויסגעאַרבעט פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון די ערשטע פֿיר בענד, יודאַ אַ. יאָפֿע און יודל מאַרק (יאָפֿע און מאַרק 1961ב; 1966; מאַרק 1971; 1980). זי נוצט אַ דגש אויך אין בּ, אַזוי אַרום: אין אַלע פֿיר עקספּלאָסיוון: בּ, כּ, פּ, תּ (און רפה בלויז ביי בֿ און פֿ).

די סיסטעם פֿון גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך

בּ (בּעטן)	בֿ (עבֿירה)
כּ (כּבֿוד)	כ (זאַכן)
פּ (פּוצן)	פֿ (פֿיס)
תּ (תּורה)	ת (שבת)

די סיסטעם גראַפֿיק פֿון סאָוועטישן ייִדיש איז וויזועל געגליכן צו דער אַמעריקאַנער פֿאַרשפּרייטער סיסטעם אין מערבֿ — די מינימאַלע — אַ פּינטל אין פּאַ און שוין. אין דער זעלביקער צייט איז דאָ אַ פֿולע דיפֿערענצירונג צווישן די פֿיר פּאָרלעך עקספּלאָסיוון און ספּיראַנטן. אָט דער קונץ

ווערט באַוויזן דורך דער פֿאָנעטיזירונג פֿון סעמיטישן קאָמפּאָנענט צוליב וועלכער ס׳איז בכלל נ י ט אָ קיין בֿ, כּ, תּ, תֿ.

די סאָוועטישע סיסטעם

ב (בעטן)	[וו (אַווירע)]
[ק (קאָוועד)]	כ (זאַכן)
פּ (פּוצן)	פ (פֿיס)
[ט (טוירע)]	[ס (שאַבעס)]

דער מחיצה⸗אלף

דער מחיצה⸗אלף קומט:

(א) אויסצומיידן דריי נאָכאַנאַנדיקע אותיות: וואו, וואוינען, פּרואוון, פּאַרטייאיש, שנייאיק.

(ב) אָפּצוטיילן צוויי נאָכאַנאַנדיקע וואָקאַלן וואָס זיינען עלול מ׳זאָל זיי פֿאַלש לייענען ווי איין דיפֿטאָנג: דערציאונג, העברעאיש, פּריאיק.

אַדאַנק דעם מחיצה⸗אלף דאַרף מען ניט אין ייִדיש ניט קיין גִ, ניט קיין זִ. אין די איבעריקע פֿאַלן וואו די סאָוועטישע סיסטעם און דער ייִוואָ אויסלייג נוצן דעם זִ איז ער אויך איבעריק. ווער ס׳קען ניט לייענען: יידיש, יינגל, פּריער, קיעוו וועט אים, אָדער איר, דער חיריק (ייִדיש, ייִנגל, פּריִער, קיִעוו) ניט העלפֿן. און ווער, פֿאַרקערט, עס קען זיי יאָ לייענען, אים אָדער איר טויג דאָס פּינטל אויף 777 כּפּרות.

עס גייט אַריין אין דער בחינה פון „אָדער ס׳העלפט ניט אָדער מ׳דאַרף ניט".

צונויפהעפטן ביי סובסטאַנטיוון

אין אָט דעם ענין קען אין דער איצטיקער סטאַדיע ניט זיין קיין קאַטעגאָרישקייט, איבער אַ פשוטן טעם: גראַדע אין דעם פרט האַלט זיך די שפּראַך איצט אין בייטן. מ׳גייט ביסלעכווייז אַוועק פונעם מקף. צוויי היסטאָרישע טענדענצן שפילן דאָ אַ ראָלע. ערשטנס, די נטיה פטור צו ווערן פון „איבערמקפירונג" אין אַ גאַנצער ריי מאָדערנע שפּראַכן; דעם מקף נעמט מען באַטראַכטן פאַר האַמעטנע, אַלטמאָדיש, איבעריק. און צווייטנס באַפרייט זיך די יידישע סיסטעם שרייבן וואָסאַמאָל מער פון די רגילותן פון דייטש, וואָס האָבן גענומען שטאַרק ווירקן אין איר, אָנהייבנדיק אין נײַנצנטן יאָרהונדערט. דער דייטשישער סטיל טאָלערירט ענדלאָזע קייטן סובסטאַנטיוואַלע צונויפהעפטן, וואָס ווערן אין דער דייטשישער שריפט: „איין לאַנג וואָרט". אַנדערש איז דער דין אין יידיש.

ערשטנס, טאָלערירט ניט דער יידישער סטיל צופיל צונויפהעפטן. אַז מ׳פאַרפלייצט אַ טעקסט מיט זיי האָט עס דעם טעם פון אַן איבערגעזעצטן דייטש אָדער (צומאָל) אַן איבערגעזעצטן ענגליש (זע אונטן, זז. 229-239, בפרט 233; 268-269).

והשנית: דער יידישער סטיל באַנעמט די טיילן פון אַ צונויפהעפט ווי צוויי באַזונדערע ווערטער וואָס שרייבן זיך

באַזונדער, אַחוץ דאָרטן וואו זיי זיינען ג ע ו ו א ָ ר ן אין דער שפּראַך איין וואָרט, דעמאָלט שרייבט מען צוזאַמען: בענטשליכט, יאָרמאַרק, יאָרצייט, עלטערזיידע, קינדערגאָרטן. דער מקף איז אויפגעקומען ווי אַ קאָמפּראָמיס מיט דייטש, ווייל די ממש דייטשישע פאָרמען זיינען זייער שווער צו לייענען אויף יידיש (וואַקספיגור, ליטעראַטורקריטיקער, שפּראַכקולטור). דער היסטאָרישער יידישער סטיל פאַרלאַנגט: צוויי באַזונדערע ווערטער (וואַקס פיגור, ליטעראַטור קריטיקער, שפּראַך קולטור); דער מקף בלייבט אָבער זייער פאַרשפּרייט ביי אַזעלכע צונויפהעפטן (וואַקס⸗פיגור, ליטעראַטור⸗קריטיקער, שפּראַך⸗קולטור). אַ משונהדיקער קאָמפּראָמיס טרעפט זיך אין די ייוואָ תקנות: ביז דריי טראַפּן שרייבט מען ווי איין וואָרט, צי אַזאַ צונויפהעפט איז באַקאַנט דעם עולם צי ניט, דעריבער: וואַקספיגור, שפּראַכקולטור. ביי די „פאָרשלאַגן" אויף נייע ווערטער וואָס מ׳טרעפט אין די אויסבויאיסטישע קרייזן (זע אונטן, זז. 229-239), שאַפן די אינאײנעמדיקע שרייבונגען אַ שריפט⸗בילד וואָס איז לחלוטין אומפאַרשטענדלעך (למשל טראַפּמוסטער, טרינקרער, שטאָטאויסצי, שלעפּאויטאָ, אין אוריאל ווײַנרייכס ווערטערבוך). אַזאַ קאָמפּראָמיס איז געווען פאַרשטענדלעך אין די דרייסיקער יאָרן. אינעם נוסח פון די ייוואָ תקנות פון 1935 רעדט זיך בפירוש וועגן אַ גאַנג וואָס איז „אויפגעבויט אויפן געדאַנק אויסצומיידן אי די אַנגליזירטע שרייבונג כאַראַקטער שטריכן, לייען מאַטעריאַל, קינדער זשורנאַל א.ד.ג., סיי די דייטשמערישע שרייבונג כאַראַקטערשטריכן, לייענמאַטעריאַל, קינדערזשורנאַל א.ד.ג." (ייוואָ 1935: 31). פּראַקטיש גערעדט הייסט דאָס, אַז אַ דייטשמערישע שרייבונג ווערט אָנגענומען ב י ז דריי

טראַפֿן. טעאָרעטיש גערעדט ווערט פֿאַרקוקט אַז דער גאַנצער גאַנג נ י ט שרייבן באַזונדער איז אַ פּועל יוצא פֿון אַ דײַטשישער שרייבונג, אַזאַ שרייבונג וואָס מאַכט שווער דאָס לייענען אויף ייִדיש. אַ דײַטשמערישע שרייבונג וואָס איז גראַדע אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין די ענגליש רייִדנדיקע לענדער, ווײַל ענגליש פֿירט זיך גראַדע אין דעם פּרט ווי דער פֿאַרהשׂכּלהדיקער ייִדיש.

מיר רעקאָמענדירן ניט הײַנט אָדער מאָרגן אַרויסצוואַרפֿן דעם מקף! אין אַ סך צונויפֿהעפֿטן האָט ער זיך שוין אײַנגעבירגערט. מיר רעקאָמענדירן יאָ אַז מ׳זאָל ניט זײַן פֿאַרשקלאַפֿט צום מקף און אַז אויף וויפֿל ס׳לאָזט זיך, זאָל מען נעמען שרייבן צוויי באַזונדערע ווערטער ווי: צוויי ווערטער (אוניווערסיטעט סטודענט); און צוויי ווערטער וואָס זײַנען געוואָרן איין וואָרט ווי: איין וואָרט (זייגערמאַכער). די ווײַטערדיקע פּונקטן זײַנען בלויז אַן ערשטער שטאַפּל. די צוקונפֿטיקע רגילותן וועלן אויסוואַקסן פֿונעם באַנוץ פֿון די נײַנציקער יאָרן און פֿון אָנהייב איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אַ צונויפֿהעפֿט דאַרף זיך פֿ אַ ר ד י נ ע ן מ׳זאָל אים שרייבן צוזאַמען. מ׳קען ניט סתם שרייבן צוזאַמען (מיט אַ מקף אָדער ווי איין וואָרט) און דערמיט נאַרן זיך אַז מ׳האָט געשאַפֿן אַ נײַ וואָרט: אויב ס׳איז ניטאָ אַזאַ וואָרט, האָט מען באַשאַפֿן מערניט אַ פֿאַרזעעניש וואָס שטעלט אָפּ דאָס לייענען אינמיטן זאַץ. אָט זײַנען צונויפֿהעפֿטן וואָס האָבן זיך שוין איינמאָל כּשר פֿאַרדינט מ׳זאָל זיי שרייבן אינאיינעם: אוראייניקל, הויזגעזינד, זומערפֿייגעלע, טאָגבוך, יאָרצײַט, עלטערבאָבע, פֿאָלקסשול, קאָפּדרייעניש, קאָפּווייטיק, שמאַלצגרוב, שרײַבמאַשינקע.

אין דער פּאָעזיע, מעג אָבער דער פּאָעט שאַפֿן פּאָעטישע קאָמבינאַציעס, און זיי שרייבן צוזאַמען: הימלקינד, וויגלאַנד, נאַכטלאַנד, פֿידלרויז. אָפֿטמאָל זײַנען דאָס איינמאָליקע פּאָעטישע שאַפֿונגען.

דעם מקף דאַרף מען אָנווענדן בײַ די טאָפּלטע ייִדישע פּרט⸗נעמען, ווי אַשטייגער אבא⸗לייזער, סימע⸗לאה, יאַנקל⸗דוד, שׂרה⸗בײַלע. ס׳איז וויכטיק אַז דער מערבדיקער לייענער וואָס קומט צו ייִדיש זאָל ניט מיינען אַז „סימע לאה גאָלדשטיין" איז טײַטש „סימע ל. גאָלדשטיין" עלעהיי אויף ענגליש. דער מקף, וואָס בײַ סימע⸗לאה, קומט דאָ צו הילף.

ס׳בעט זיך אַ מקף בײַ סעמיטיזמען וואָס באַשטייען פֿון צוויי ווערטער וואָס זײַנען אויף אַזויפֿל צונויפֿגעוואַקסן אַז זיי זײַנען געוואָרן אויף ייִדיש איין וואָרט (אַשטייגער: יום⸗טובֿ, יום⸗טובֿים; כּתבֿ⸗יד, קריאת⸗שמע). בײַ סעמיטיזמען סתּם וואָס באַשטייען פֿון צוויי ווערטער, דאַרף מען ניט קיין מקף: בבת אחת, בדרך כּלל, בשעת מעשׂה, דרך ארץ, חד גדיא, לאחר המעשׂה, נפֿקא מינה, קל וחומר. דאָ איז דאָס אייגענע: ווער ס׳קען ניט די ווערטער — וועט אָטאָ דעם מענטשן דער מקף קיין רפֿואה ניט זײַן! דאָס איבערמקפֿירן גיט נאָר צו צום שלעכטן וויזועלן זע⸗בילד פֿון צופֿיל פֿינטעלעך און פּאַסיקלעך.

אַ מקף נוצט מען בדרך כּלל בײַ צונויפֿהעפֿטן וואו דער ערשטער עלעמענט ענדיקט זיך מיט די סופֿיקסן ⸗ס אָדער ⸗ן: פֿאָלקס⸗אוניווערסיטעט, סטודענטן⸗פֿאַראיין, פֿרויען⸗אָרגאַניזאַציע (אַחוץ דאָרטן וואו דער צונויפֿהעפֿט איז געוואָרן איין וואָרט, אַשטייגער: פֿאָלקסמענטש). אַ מקף נוצט מען אויך בײַ צונויפֿהעפֿטן וואו דער ערשטער עלעמענט באַשטייט פֿון בלויזן שורש פֿון ווערב: זע⸗ווינקל,

בלאָז=מאַשין, ברען=שטאָף. אַז דער צונויפהעפט איז געוואָרן אײן וואָרט אין דער שפּראַך, דעמאָלט שרייבט מען אינאיינעם: זוכצעטל.

מיר רעקאָמענדירן וואו נאָר מעגלעך אַריבערגיין אויף שרייבן באַזונדער. אין דער זעלביקער צייט אָנערקענען מיר אַז דער מקף איז ביז גאָר פּאַרשפּרייט און בלויז די צייט וועט אָפּפּסקענען צי מיר האָבן ריכטיק אָנגעטאַפּט די טענדענץ פון דער שפּראַך אין אונדזער תקופה וואָס שייך אָט דעם פּרט. די דריי ברירות ווערן אויסגעשטעלט גראַפיש אין דער טאַבעלע אויף ז. 145.

לויטן דייטשישן מוסטער	פשרהדיק	לויטן יידישן שרייב=סטיל
(ווערט אויפגעהיט אינעם ייִוואָ אויסלייג אין ווערטער פון איין, צוויי און דריי טראָפן)	(סאַמע פּאָפּולערסטע שרייבונג)	(ווערט אויפגעהיט אין טראַדיציאָנעלע קרייזן; זעלטן אין דער מאָדערנער ליטעראַטור)
בוכפּראָיעקט	בוך=פּראָיעקט	בוך פּראָיעקט
גאַסטאַרטיסט	גאַסט=אַרטיסט	גאַסט אַרטיסט
געהילפפּראָפעסאָר	געהילף=פּראָפעסאָר	געהילף פּראָפעסאָר
יוריספּרודענצסטודענטן	יוריספּרודענץ=סטודענטן	יוריספּרודענץ סטודענטן
יוגנטוואָך	יוגנט=וואָך	יוגנט וואָך
ליטעראַטורגעשיכטע	ליטעראַטור=געשיכטע	ליטעראַטור געשיכטע
לעקציעטור	לעקציע=טור	לעקציע טור
קולטורגעשיכטע	קולטור=געשיכטע	קולטור געשיכטע
שולדגעפיל	שולד=געפיל	שולד געפיל
שפּראַכקולטור	שפּראַך=קולטור	שפּראַך קולטור

אַדווערבן

אַדווערבן וואָס זיינען געוואָרן אויף יידיש איינאײנציקע ווערטער דאַרף מען ווייטער שרייבן — ווי איין וואָרט (זע יאָפּע 1948: 50-61; 1950: 50-58). די אַדווערבן דיפֿערענ־צירן זיך אָפֿטמאָל פֿון קאָמבינאַציעס פֿון פּרעפּאָזיציע+אַדיעקטיוו און אַרטיקל+סובסטאַנטיוו און אַנדערע קאָמ־בינאַציעס). דוגמאות:

אָבעראַמאָל („ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל", אָבער: „אַמאָל קומט ער, אָבער אַמאָל ניט");
אַדאַנק („אַדאַנק אים בין איך דאָ היינט", אָבער: „אַ דאַנק!");
אַהערצו („מ'דאַרף קומען אַהערצו", אָבער: „זי איז געקומען אַהער צו גאַסט");
אויפֿסניי;
איבעראַיאָר („מיר וועלן זיך זען איבעראַיאָר", אָבער: „איבער אַ יאָר מעג מען זיך שפּאַרן, איבער אַ טאָג איז ניט כדאַי);
איבעראַכטאָג;
איבערהויפּט;
איבערמאָרגן;
איינמאָל („שוין איינמאָל אַוועק" אָבער: „איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל");
אינאײנעם („גיין אינאײנעם" אָבער: „אין איינעם אַ טאָג");
אינגאַנצן („אינגאַנצן ניט" אָבער: „אין גאַנצן צימער");
אינדערפֿרי;

אַזייגער („פֿיר אַזייגער" ,אָבער: „אַ זייגער וואָס גייט שלעכט");
אינדערוואָכן;
אינמיטן;
אַכּלל („אַכּלל, מ'דאַרף וואַרטן", אָבער: „אַ כּלל אַ שווערער");
אַלעמאָל;
אַמאָל („אַמאָל זאָגט מען אַז יאָ, אַמאָל אַז ניין", אָבער: „געווען דאָרטן אַ מאָל צען");
אַניט („אַניט טויג ניט" אָבער: „ער איז אַ ניט מיט אַ גאָרניט");
אַפּנים („אַפּנים קומען זיי היינט ניט", אָבער: „אַ פּנים פֿון אַ העלפֿאַנד");
אַפּשיטא;
אַקיצור („אַקיצור, מ'וועט זיך זען מאָרגן", אָבער: „אַ קיצור פֿון יעדן אַרטיקל");
אַשטייגער („אַשטייגער וואָס?", אָבער: „אַ שטייגער לעבן וואָס איז ניי");
באַצייטנס;
בייטאָג;
ביינאַכט;
וויאַמאָל („וויאַמאָל, אַמאָל יאָ, אַמאָל ניט", אָבער: „אויפֿפֿירן זיך ווי אַמאָל, ניט ווי היינטיקע צייטן", „אַרומפֿליען ווי אַ מאָל אַרום אַ לאָמפּ");
וויבאַלד;
ווידעראַמאָל;
וויפֿיל (וויפֿל);
מיטאַמאָל;

נאָכאַמאָל („מ׳וועט נאָכאַמאָל [׳ווידער׳] פרעגן”, אָבער: מ׳וועט נאָך אַמאָל [׳ווען ניט איז׳] פרעגן”);
פאַראַיאָרן;
פאַראַכטאָגן;
פאַרוואָס („פאַרוואָס קומסטו ניט” אָבער: „פאַר וואָס און פאַר ווען”);
פאַרטאָג;
פאַרנאַכט;
פאַרצייטן;
פונדעסטוועגן;
צוערשט;
צופיל;
צוריקגערעדט;
צוריקגעשמועסט;
צוריקוועגס;
קיינמאָל.

די סופיקסן ־קייט און ־הייט

אין טעקסטן וואו מ׳נוצט דעם פתח צוויי יודן (ײַ) דאַרף מען אים אויך נוצן ביי די סופיקסן ־הײַט און ־קײַט, וואו ביי דער גרעסטער מערהייט יידיש ריידנדיקע הערט זיך aj — סיי אין ליטווישן יידיש סיי אין פוילישן יידיש. די טענה, אַז פאַר פוילישע יידן איז סתם פתח צוויי יודן ā איז דאָ ניט שייך. דער וואָס רעדט פון דער היים פויליש יידיש וועט דאָך דאָ ניט אַריינפאַלן אין קיין טעות און לייענען ā. נאָר וואָס יאָ: די תלמידים וואָס קומען צו יידיש ווי אָנהייבער וועלן

לייענען ריכטיק, לויטן סטאַנדאַרדן אַרויסרייד: יידישקײַט = jídiškajt, פרײַהײַט = frájhajt. אמת, די אַרויסריידן מיט ej זיינען אין טיילן דרום־מזרח יידיש בנמצא, נאָר זיי זיינען אין מאָדערנעם יידיש געוואָרן אַ מיעוטא דמיעוטא. ווען דער תלמיד נוצט די ej פאָרמען נ י ט ריידנדיק קיין דרום־מזרח יידיש מאַכט עס אַ מאָדנעם איינדרוק. אַכלל: אמתדיקײַט, גרויסקײַט, יידישקײַט, פרײַהײַט, שיינהײַט. אַחוץ דעם, דיפערענצירט זיך — אין ליטעראַרישן אַרויסרייד — דער סופיקס הײַט ביי סובסטאַנטיוון פון סופיקס (ער)הייט ביי אַדווערבן: פרײַהײַט אָבער: פרײַערהייט.

מ׳, מען, מע

אַלע דריי פאָרמען זיינען באַרעכטיקט פאַרן ווערב: מ׳גייט, מען גייט, מע גייט. דער פאַרשפרייטסטער וואַריאַנט סיי ביי יידישע שרייבער סיי אין גערעדטן יידיש איז: מ׳. מ׳ איז אויך די גלייכסטע ברירה פון פילאָלאָגישן שטאַנדפונקט. ס׳ווערט אַרויסגערעדט פאָנאָלאָגיש ווי אַ פ אָ ר ט ר אַ ף צום ווערב, ניט ווי אַ וואָרט פאַר זיך. אַז מ׳זעט אַ באַזונדער וואָרט מע, לייענט דער תלמיד פאַלש: „מע” = mɛ — והקול קול הלעמעלע. אַלע איינטראַפיקע ווערטער אויף ־ע האָבן טאַקע דעם פולן ע קלאַנג, אַשטייגער: מענדעלעס בע; (איך) זע; דער ליטווישער יע; און טאַקע — דעם לעמעלעס מע. דער מע האָט אויך אַנדערע קלאַנגיקע פונקציעס אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַשטייגער ביי ל. שאַפּיראָ אין זיין יידישער מלוכה:

> פון אַ חולאת האָט זי פֿאַרלוירן דאָס לשון, און דאָס מויל האָט זיך ביי איר אויסגעקרימט, און אַז זי האָט עפּעס געוואָלט האָט זי געזאָגט „מע“.
> [שפּעטער אַ סך אין דער נאָוועלע]: די רכיצין האָט פֿאַרקרימט מיט די אויגן צו דער טיר און געזאָגט: „מע“. דערנאָך איז זי געשטאָרבן.
>
> (ל. שאַפּירא 1919: 8, 23)

וואָס שייך פֿאָנעטיק, הערט מען אַמאָל יאָ אַ שוואַקלאַנג, אַמאָל ניט: „אַז מ׳זאָגט זאָגט מען“ ווערט אַרויסגערעדט zɔktmın amızɔkt אָדער אָפטער נאָך: amzɔkt zɔktmın. דאָ איז אָבער פֿאָנעטיק לחלוטין ניט שייך, דאָ איז שייך די באַקוועמלעכקייט פֿון לייענען און שרייבן; אָט די באַקוועמלעכקייט איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער פֿאָנאָלאָגישער סטרוקטור פֿונעם וואָרט. דער מ׳ איז ביים ריידן תמיד אַ פּרעפֿיקס צום ווערב, ניט קיין וואָרט פֿאַר זיך. באָראָכאָוו איז דאָ אַריינגעפֿאַלן מיט זיין טענה אַז ס׳דאַרף זיין דווקא מע (באָראָכאָוו 1913א: 21). זיין פּרואוו אַרויסצוואַרפֿן דעם מ׳ (אַחוץ פֿאַר וואָקאַלן: מ׳איז) און נוצן נאָר מע, געהערט יענע פּאָר פּרטים וואו באָראָכאָווס פֿאָרשלאַגן האָבן גראַדע ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פֿון לעבן. אָבער צוליב עפּעס אַ סיבה האָבן די ייוואָ תקנות עס אָנגענומען און די אויסנאַבעם וואָס היטן שטרענג דעם ייוואָ אויסלייג דערלויבן נאָר מע און מען. אַ סך שרייבער ביי וועמען די שרייבונג מע איז עסטעטיש ניט אָנגענומען, נוצן נאָר מען אין מאַנוסקריפּטן וואָס ווערן געשיקט אין זשורנאַלן וואָס נוצן דעם ייוואָ אויסלייג, כדי די רעדאַקציעס זאָלן ניט „פֿאַרריכטן“ זייער מ׳ אויף מע. אַ שאָד.

וואָס שייך מען פֿאַרן ווערב: די פֿאָרמע איז אָפטער אַ סך

אין דער זשורנאַליסטישער, עסייאיסטישער און וויסנשאַפֿטלעכער פּראָזע איידער אין בעלעטריסטישן יידיש, וואו ס׳געוועלטיקט: מ׳. טשיקאַווע אַז מיט העכער אַכציק יאָר צוריק, האָט שוין די ווילנער רעדאַקציע פֿון לעבן און וויסנשאַפֿט (רעדאַגירט פֿון א. ליטווין) אין אַ הערה צו זאַמענהאָפֿס אַן אַרבעט, באַמערקט די פּרעפֿערענץ פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין דעם פּרט (לגבי זאַמענהאָפֿס שרייבונג מי):

> אין גאַליציאַנער ריידן זאָגט ניט דאָס פֿאָלק: „מי זאָגט“, „מי גייט“, „מי דאַרף“, נאָר: „מזאָגט“, „מגייט“, „מדאַרף“. דערביי האָט דער „מ“ אַ מין האַלבן קלאַנג, ענלעך צו אַ „שוואַ נע“ אין העברעאיש. די יידישע שריפֿטשטעלער טוען דעריבער גוט, ווען זיי שרייבן אָפֿט אָט די ווערטער צוזאַמען און טיילן אָפּ דעם „מ“ מיט אַן אַפּאָסטראָף (׳) [...]
>
> („אָנמערקונג פֿון דער רעדאַקציע“, זאַמענהאָף 1910: 110)

די אָרדינאַלע נומערן

אַ נטיה צו איבערפֿאָנעטיזירונג אין דער אָרטאָגראַפֿיע האָט גורם געווען אַז דער ייוואָ אויסלייג זאָל מבחין זיין צווישן טער\טן און סטער\סטן, געווענדט אָן דער פֿאָנעטיק ביי פֿאַרשידענע נומערן (8טן אָבער 30סטן). גלייכער איז די אַלגעמיין אָנגענומענע שרייבונג טער\טן ביי אַ ל ע ציפֿערן: 8טער\8טן, 13טער\13טן, 20טער\20טן, 141טער\141טן.

די ספעציאַליזירטע דיפטאָנגען

די ספעציאַליזירטע דיפטאָנגען זיינען אַזעלכע שריפטלעכע קאָמבינאַציעס וואָס קומען ניט פאָר אין דער געוויינלעכער סיסטעם פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע. זיי זיינען אַ מין פאָפולערע פאָנעטישע שריפט, ניט אָנקומענ־דיק צו קיין אַנדער אַלפאַבעט אָדער ספעציעלע סימבאָלן. זיי קומען צוניץ ביים אויסלייגן פרעמדע ווערטער אָדער אַפילו זעלטענע יידישע נעמען וואו מען קען אַריינפאַלן אין אַ טעות. די פאַרשפרייטסטע ספעציאַליזירטע דיפטאָנגען זיינען אַי (aj) און עי (ej), און מ׳טרעפט אויך אָי (ɔj), אַו (au), אָו (ou), אָה (ō, ōu). אָט די שרייבונגען „ציען אַרויס" אַ וואָרט פון דער אינטערדיאַלעקטישער שרייבונג, לויט וועלכער, אַשטייגער, אַ ליטוואַק קען לייענען יי ווי ej, אַ פוילישער ייד קען לייענען יי ווי aj א.א.וו. מיט אַי און עי מיידט מען אויס טעותן אַפילו אין תחום פון ליטעראַרישן אַרויסרייד גופא, מחמת די מערהייט נוצט ניט קיין פתח צוויי יודן.

ביי ווייניק באַקאַנטע געאָגראַפישע נעמען איז בפירוש כדאַי „אַרויסצוציען" די שרייבונגען פון דער אינטער־דיאַלעקטישער סיסטעם, כדי מ׳זאָל לייענען ריכטיק, אַשטייגער: „בעטוסעקאָיד" אָנשטאָט „בעטוסעקויד" אויפן וועלשישן שטעטעלע Betws y Coed. דער וואָוו יוד ווערט דאָך גלייענט אין פאַרשידענע דיאַלעקטן אַנדערש (ej, ou, ɔj און נאָך). דאָ איז אפשר אויפן אָרט צו דערמאָנען די לאָנדאָנער ציטונג דאָס יידישע פאָלק, רעדאַקטירט פון י. א.

ליסקי ז״ל, וואו דער אַדרעס פון דער רעדאַקציע, 13 Carysfort Road, איז אָנגעגעבן געוואָרן (ווי אין אַ סך אַמאָליקע לאָנדאָנער ציטונגען) מיט רויד אויפן ענגלישן Road. די שרייבונג שטיצט זיך אויף דער אָפטער עקוויוואַלענץ פון וואָוו יוד מיט ōu אין דעם רעדאַקטאָרס היימישן מזרח־גאַליציאַנער יידיש, ד.ה. רויד = Road (rōud), אויפן שטייגער למשל פון זיין מויד = mōud. אַנדערע, בתוכם די וואָס נוצן דעם ליטעראַרישן אַרויסרייד, וועלן דאָ לייענען rɔjd. אַכלל: בעסער איז דער „ספעציאַליזירטער דיפטאָנג" אָו: „ראָוד".

די ספעציאַליזירטע דיפטאָנגען האָבן אויך אַ נוץ ביי פרעמדע נעמען: באָלשאָי, טאָלסטאָי. דאָס אייגענע איז אגב אמת — און אפשר נאָך וויכטיקער — ביי זעלטענע יידישע דיאַלעקטישע נעמען וואו דער „אַלגעמיינער לייענער" קען לייענען פאַלש און ס׳קענען פאַרלאָרן גיין אַ וועלט מיט יידישע נעמען וואָס זיינען היינט „ניט אין דער מאָדע". דוגמאות פון ליטווישן יידיש: די מענערישע פרט־נעמען אַפראָימאָרע (פון אפרים־אהרן), יעיסקע (פון יוסף, און כשעת מעשה מיידט מען אויס דריי יודן), מעינקע, מעישקע; דער פרויאישער נאָמען מאָינע (זע למשל אין מעינקע קאַצעס ס׳האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאָינע = מ. קאַץ 1939). אַזוי אַרום וועט עמעצער, וואָס רעדט אויף אַ דרומדיקן דיאַלעקט, ניט לייענען mőunə.

עטלעכע טאָגטעגלעכע ווערטער שרייבן זיך מיט אַי און עי: דער חודש מאַי (אויך אַ נאָמען פון אַ קוסט); דער אויסרוף: העי! (≠ היי וואָס דער פערד עסט).

קיצורים און ראשי תיבות

(א) ביי ווערטער וואָס שטאַמען פֿון לשון קודש:

ביי אַ פֿאַרקירצונג פֿון אַן איינאיינציקן וואָרט, שטעלט מען אַן איינציק שטריכעלע נאָכן לעצטן אות: וכו׳ (וכולי), ה׳ (השם). ביי ראשי תיבות שטעלט מען צוויי שטריכעלעך (״) פֿאַרן לעצטן אות: ב״ה (ברוך השם), ז״ל (זכרונו לברכה), זצ״ל (זכר צדיק לברכה), נ״י (נרו יאיר), ע״ה (עליו השלום), ע״ש (עיקר שכחתי). ביי ראשי תיבות וואָס זיינען געוואָרן ווערטער פֿאַר זיך מעג מען אויסלאָזן די שטריכעלעך: ש״ס = שס, תנ״ך = תנך, נאָר ביי נעמען פֿון רבנים בלייבן די שטריכעלעך: דער רמ״א (ramó), דער גר״א (gró).

(ב) ביי אַלע אַנדערע ווערטער:

ביי קיצורים וואָס שטאַמען נ י ט פֿון לשון קודש איז גלייכער צו נוצן דעם פּונקט צום סוף פֿון אַ פֿאַרקירצונג פֿון אַן איינאיינציקן וואָרט: ב. (באַנד), ז. (זייט), נ. (נומער), פּראָפּ. (פּראָפֿעסאָר), פּגל. (פֿאַרגלייך), רעד. (רעדאַקטאָר). ביים טיטל דאָקטאָר האָט זיך פֿעסט איינגעשטעלט ד״ר אַלס פּאַראַלעלע פֿאָרמע צו דר. ביי פּלוראַלן פֿאַרדאָפּלט מען די פֿאַרקירצונג: בב. (בענד), זז. (זייטן), נג. (נומערן).

ביי ראשי תיבות שטעלט מען אַ פּונקט נאָך יעדן אות וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ באַזונדער וואָרט: א.א.וו. (און אַזוי ווייטער), נ.ב. (נאָכבאַמערקונג), נ.י. (ניו־יאָרק), פּ.ס. (פּאָסטסקריפּטום), צ.ב. (צום ביישפּיל).

אין די ייוואָ קרייזן נוצט מען שטריכעלעך ביי אַלע קיצורים, איין שטריכעלע ביי אַ פֿאַרקירצונג (ב׳, רעד׳), צוויי ביי ראשי תיבות (נ״י = נרו יאָיר, ניו־יאָרק). אַלס אויסנאַם ווערט אָבער ד״ר געשריבן מיט צוויי שטריכעלעך.

די גראַמאַטישע אַפּאָסטראָפֿן

מאָדערניסטן מיידן שוין אויס אַ שיינע פּאָר יאָר די „גראַמאַטישע אַפּאָסטראָפֿן״ סיי אויף פּאָסעסיוו סיי אויף די אָביעקטיווע בייגפֿאַלן ביי נעמען (סימעס בוך אויף סימע׳ס בוך, געזען דעבין אויף געזען דעבי׳ן). מ׳ווענדט זיי אָן בלויז ווען אָן דעם אַפּאָסטראָף איז לחלוטין ניט קלאָר, מערסטנס צוליב אַ פֿרעמדן נאָמען: קאָזאָ׳ס בוך ווייל קאָזאָ איז ניט קיין באַקאַנטער נאָמען און אָן דעם אַפּאָסטראָף דויערט לענגער זיך אָנצושטויסן; אַזוי אויך געזען קאָזאָ׳ן, ווייל די בייגונג פֿון פּרט־נעמען איז במילא ניט קיין מוז און אָנעם אַפּאָסטראָף איז ניט קלאָר צי הייסט דער מענטש קאָזאָ צי קאָזאָן.

וואו נאָר ס׳איז דאָ אַ ניט־קלאָרקייט (אַפֿילו אַ ניט־קלאָרקייט פֿאַרן אויג צוליב דעם וואָס אַ נאָמען ענדיקט זיך אויף אַ וואָקאַל), איז בעסער צו נוצן דעם אַפּאָסטראָף: גערעדט מיט פּעלישיאַ׳ן, סט. אַנטאָני׳ס קאָלעדזש (= St. Antony's ≠ St. Antonis), עלע׳ס ייִנגעלע, געקומען מיט בלומע׳ן (≠ געקומען מיט בלומען).

אין טראַדיציאָנעלע קרייזן (דער עיקר חסידישע), היט זיך אויף דער אַפּאָסטראָף ווי אַ פֿעסטע גראַמאַטישע קאַטעגאָריע סיי ביים פּאָסעסיוו סיי ביי די בייגפֿאַלן, ניט שייך

צי דער נאָמען איז באַקאַנט צי ניט (משה׳ס בוך, אַ שמועס מיט דבורה׳ן).

בײדע סיסטעמען גילטן הײַנט צו טאָג. גראַדע דאָ, איז דער טראַדיציאָנעלער באַנוץ אױסגעהאַלטן, און דער מאָדערן=ליטעראַרישער — צופעליק (געװענדט אין דעם שרײַבערס חוש װעגן דעם װאָס איז קלאָר אָדער ניט קלאָר).

סעמיטיזמען

אױסערן געװעזענעם סאָװעטן=פאַרבאַנד װערן װערטער, װאָס געהערן דעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש, געשריבן לױט זײער טראַדיציאָנעלער אָרטאָגראַפיע. אוריאל װײַנרײַך האָט געהאַלטן, אַז ס׳קען אַמאָל קומען אַ צײַט װען מ׳װעט די פאָנעטיזירונג פון סעמיטישן קאָמפּאָנענט שױן ניט פאַרבינדן מיטן קאָמוניזם און מ׳װעט װידער נעמען רײדן װעגן רעפאָרמען (א. װײַנרײַך 1959: 427).

אין תחום פון דער טראַדיציאָנעלער שרײַבונג גופא איז פאַראַן װאַריאַציע.

צו דער פראַגע חסר צי מלא בײַם יוד, שרײַבט מען פאַר אַ קאָנסאָנאַנט מלא: ביטול, חילול השם, כיבוד אב, מידה, בידה, קליפּה, שיטה. פאַר צװײ קאָנסאָנאַנטן איז גלײַכער שרײַבן אָן דעם יוד פּשוט דערפאַר, װאָס אַ פעסטע טראַדיציע שרײַבן חסר האָט זיך דאָ אײַנגעשטעלט, און דאָ שאַפט דער יוד אַ מאָדנע שריפט=בילד, און די מאָדנעקײט איז דוחה װעלכע ניט איז אײַנגערעדטע טײלװײַזע פאָנעטישקײט, װײַל פאָנעטישקײט איז געגליכן צו

שװאַנגערשאַפט, הײַנט װי בײַ די בײדע זאַכן איז עס יאָ צי נײן, ניטאָ קײן „טײלװײַז". װער ס׳קען ניט לײענען די װײטערדיקע װערטער װעט אים דער יוד שױן ניט העלפן: מדבר, מורה, מלחמה, מנחה, מסחר, נבזה, נמאס, נסתר, פנחס, פנקס, פרקי אבות, קנאה.

בײַם מלאפום פאַרקערט האָט זיך אײַנגעפעסטיקט די טראַדיציע אױף ייִדיש צו שרײַבן מלא אומעטום, ניט שײַך װיפל קאָנסאָנאַנטן ס׳קומען דערנאָך: חוש, נוסח, טומטום, יקום פורקן.

בײַם חולם שרײַבט מען אױך מלא: דוחק, חושך, לומדות, סוחר, עולם הבא, שוטה. נאָר בײַ די װערטער כה און מה איז געבליבן די װאַריאַציע כח = כוח און מח = מוח. דעם נאָמען נח און דאָס װאָרט כהן שרײַבט מען חסר.

אָנהײב װאָרט, דאָרטן װאו דאָס װאָרט הײבט זיך אָן מיט ji, איז בעסער האַלטן זיך בײַ דער טראַדיציע פון אײן יוד: יחוד, יחוס, יראת הכבוד, ישוב, ישראל. די װאַריאַנטן מיט „יי" (ייחוד, ייחוס א.א.װ.) זײַנען סײַ ניט די טראַדיציאָנעלע, צו װעלכע דאָס אױג איז צוגעװױנט, סײַ ניט קײן פאָנעטישע. ס׳איז פון יענע האַלבגעבאַקענע צופאַסנדיקע רעפאָרמען װאָס האָבן געשפילט יענע אידעאָלאָגישע פשרה=ראָלע, אַ ראָלע װאָס איז הײַנט: אױסגעשפילט.

און צום סוף אַ װאָרט װעגן קמץ=אלף און פתח=אלף: אין דער טראַדיציאָנעלער װעלט, און אױך אין דער מאָדערנער שײנער ליטעראַטור אונדזערער, איז דאָ אַ מנהג נ י ט צו שטעלן דעם קמץ מיטן פתח בײַ סעמיטיזמען (ניט שײַך צי אױף העברעאיש שטײט די נקודה אונטערן אלף צי אונטערן פריערדיקן קאָנסאָנאַנט), אַזױ אַרום: אבידה, אדם הראשון, אסור, אפיקורסות, גבאות, דוגמאות, רמאות א.א.װ. אַזױ װי

ביי אַ סך טראַדיציעס איז דאָ דאָ אַ פּראַקטישער נוצן וואָס מ׳קען אויפֿן ערשטן בליק פֿאַרקוקן: דאָס פֿעלן פֿון קמץ און פּתח איז אַ וויזועלער סיגנאַל דעם לייענער אַז דאָ איז אַ וואָרט אַ סעמיטיזם וואָס לייענט זיך ניט לויט דער פֿאָנעטישער סיסטעם. ער וועט זיך ניט נאַרן אַז דאָס וואָרט, טאָמער קען ער עס ניט, קען מען לייענען פֿאָנעטיש. די־אָ טראַדיציע איז ניט חל ביים אלף אָנהייב וואָרט ביי אַדווערבן, וואָס פֿונקציאָנירט ווי דער אומבאַטאָנטער אַדווערביאַלער פּרעפֿיקס אַ־ אין דער פֿאָנעטישער סיסטעם. דערפֿאַר איז דער דין: אַדרבא, אַוודאי, אַכלל, אַפּשיטא, אַפֿילו, אַקיצור.

ווערטער

די היסטאָרישע קאָמפּאָנענטן

אַז ס׳גייט די רייד וועגן אַ היסטאָרישן קאָמפּאָנענט פֿון אַ שפּראַך, האַנדלט זיך ניט אין אַ וואָרט, ניט אין עטלעכע ווערטער דאָ און דאָרטן, ס׳האַנדלט זיך אין גרויסע בלאָקן פֿונעם ווערטער־אוצר פֿון דער שפּראַך. די בלאָקן זיינען אויף אַזויפֿל פּאַרטראָטן, אַז אָן אָט אַזאַ און אַזאַ קאָמפּאָנענט וואָלט דאָס ניט געווען — די זעלביקע שפּראַך. די היסטאָרישע קאָמפּאָנענטן קען מען סדרן אויף פֿאַרשידענע אופֿנים לויט די פֿאַרשידענערליי נויטווענדיקייטן און כּוונות, למשל לויט זייער עלטער, זייער גייסטיק־פּסיכאָלאָגישן מעמד ביי פֿאַרשידענע גרופּעס, זייער השפּעה אויף תּחומען אויסער לעקסיק (אַשטייגער: די פֿאָנעטישע השפּעה פֿון סלאַווישן קאָמפּאָנענט), און נאָך. דאָ ווערן די פֿאָרגעשלאָגענע פיר קאָמפּאָנענטן געסדרט לויט זייער מעגלעכן לעקסישן פֿאַרנעם אין מערסטע סטילן פֿון דער היינטיקער שפּראַך, מיט אַ באַוואָרעניש, און אַפילו אַ זיכערקייט, אַז אַ צוקונפֿטיקע סטאַטיסטישע שטודיע וועט אַריינפֿירן אַ ריי תּיקונים און פֿאַרפֿיינערונגען אינעם כּמותדיקן סדר (כאָטש אַזאַ סטאַטיסטישע שטודיע קען אויך ניט זיין קיין וויסנשאַפֿטלעך־אָביעקטיווע: ס׳וועט זיך ווענדן ווי מ׳ציילט און וואָס מ׳רעכנט אין קאָן אַריין, און דאָס

ווידער, וועט זיין געווענדט אין אַ ריי איינשטעלונגען מצד דעם סטאַטיסטיקער).

דער אמת איז, אַז די וואַריאירלעכקייט פון דער רעלאַטיווער שטאַרקייט פון די היסטאָרישע קאָמפּאָנענטן איז אַ יסודותדיקער בוי־שטיין פון אונדזער הייַנטיקער סטיליסטיק. דער סעמיטישער קאָמפּאָנענט איז אַ סך שטאַרקער, סיי אין טראַדיציאָנעלן פרומען סטיל, סיי אין דער מאָדערנער עסייאיסטיק (אָפּטמאָל ניט די זעלביקע ווערטער!). דער סלאַווישער קאָמפּאָנענט איז אַמשטאַרקסטן אין סטיליזאַציעס פונעם אַמאָליקן שטעטלדיקן יידיש. אין אַזעלכע סטיליזאַציעס איז שוואַכער דער ניי־דייטשישער קאָמפּאָנענט, וועלכער איז אָבער שטאַרקער אין זשורנאַ־ליסטישן סטיל, א.א.וו. דער חומר אויף אַן אויסער־געוויינלעך וויכטיקער פאָרשונג ליגט גרייט אויפֿן טיש און וואַרט אויפֿן גואל.

(א) דער גערמאַנישער קאָמפּאָנענט: דער ספּעציפֿיש־יידישער קאָרפּוס עלעמענטן, וואָס שטאַמען פֿון פֿאַרשידענע שטאָטישע דיאַלעקטן פֿון מיטל־הויך־דייטש, און וואָס זיינען ברובם אין יידיש אַריין בעת איר סאַמע בראשית. דוגמאות: גייַן, זון, טיש, מיידל, מענטש, מויל, נעכטן.

(ב) דער סעמיטישער קאָמפּאָנענט: די נאָכתנכישע עלעמענטן פֿון העברעאיש און אַראַמיש, וואָס מערסטע זיינען אויך אַריין אין דער שפּראַך ביי איר סאַמע בראשית. דוגמאות: אַוודאי, אפשר, לבנה, מסתמא, פּנים, שבת, שטות.

(ג) דער ניי־דייטשישער קאָמפּאָנענט: די ניי־הויך־דייטשישע עלעמענטן וואָס זיינען צום גרעסטן טייל אַריין אין נייַנצנטן יאָרהונדערט, דער עיקר דורך דער פּרעסע און די

פֿאַרשידענע פּאָליטישע און קולטורעלע באַוועגונגען און דורך דער נייער יידישער ליטעראַטור. דוגמאות: באַוועגונג, דערפֿאָלג, ליטעראַטור, צייטונג, קולטור, צוקונפֿט, שפּראַך.

(ד) דער סלאַווישער קאָמפּאָנענט: די סלאַווישע עלעמענטן, וואָס זיינען אַריין אין משך פֿון די הונדערטער יאָרן אין וועלכע יידיש האָט זיך קאָנצענטרירט אין מזרח אייראָפּע. דוגמאות: אָזערע, באָבע, זיידע, זשאַלעווען, טאַקע, פּלימעניצע, קעשענע. נאָכן חורבן האָבן זיך די מערסטע סלאַוויזמען סטיליסטיש איבערגערוקט צום תחום פֿון עמאָטיווע ליטעראַרישע ווערטער (למשל: גריזשען, סומאַטאָכע, ריטשען).

פֿאַרגעדענקען דאַרף מען, אַז ניט אַלצדינג אין דער שפּראַך לאָזט זיך קלאַסיפֿיצירן לויט אָט אָ די פֿיר קאָמפּאָנענטן. פֿאַראַן פֿון גאָר אַלטע צייטן אַ ביסל ראָמאַנישע ווערטער (למשל: בענטשן, לייענען, דער נאָמען יענטל); פֿון נייע צייטן, ווערטער פֿון נייעם העברעאיש (סאַברע, עליה, קיבוץ) און אַ סך אינטערנאַציאָנאַליזמען (סאַטעליט, פֿאַקס, ראַדיאָ וכו').

די סטיליסטישע קאָמפּאָנענטן

דאָס אַלץ (און אָן אַ שיעור נאָך) געהערט אָבער צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער שפּראַך, צו דעם וואָס הייסט ביי לינגוויסטן: די דיאַכראָניע. די סטיליסטיק גיט זיך אָבער אָפּ מיט דער סינכראָניע, מיט דער שפּראַך אַלס סיסטעם, אומאָפּהענגיק פֿונעם אָפּשטאַם פֿון די

עלעמענטן. זי אינטערעסירט זיך מיט דעם ווי אַזוי דאָס אַלץ וואָס געפינט זיך אין דער שפּראַך פונקציאָנירט, אין אַוועלכער ניט איז איינאיינציקער תקופה. זי קוקט ניט אויף די יחוס בריוו פון די עלעמענטן, סיידן דאָרטן וואו דער יחוס בריוו איז שייך צום איצטיקן באַנוץ. די סטיליסטיק אינטערעסירט זיך ניט, בדרך כלל, מיט דעם וואָס לבנה שטאַמט היסטאָריש פון סעמיטיש און זון פון גערמאַניש, מחמת דעם וואָס די ביידע ווערטער זיינען אין יידיש סטיליסטיש „נייטראַל": מ'טרעפט זיי אין אַלע סטילן פון דער שפּראַך, זיי לאָזן זיך ניט אידענטיפיצירן מיט אַוועלכן ניט איז ספּעציפישן סטיל. זיי געפינען זיך אין די רייד פון אַ פאָלקסמענטש און אַ פּראָפעסאָר, פון אַ יינגעלע און אַ פּאָעט. פאַרשטייט זיך, אַז ביי איטלעכן שרייבער איז אויך איטלעך סטיליסטיש נייטראַל וואָרט מסוגל צו ווערן חומר ביד היוצר. פאַר זיך זיינען דאָס אָבער ניט מער און ניט ווייניקער, דאָס וואָס הייסט ביים עולם „פּשוטע ווערטער". ס'מאַכט גאָרניט אויס פון וואַנעט זיי שטאַמען, ניט אויף יידיש, ניט אויף פראַנצייזיש, ניט אויף טערקיש. דער סטיל בויט זיך פון אַ סך פאַקטאָרן, צווישן זיי: די אומצאָליקע שייכותן — אָפענע, סובטילע, מעגלעכע — צווישן די סטיליסטיש נייטראַלע עלעמענטן מיט די סטיליסטיש מאַרקירטע. דאָס „אַריינרוקן" אַן איינאיינציק מאַרקירט וואָרט שאַפט נאָך ניט קיין סטיל. דאָס אָנווענדן אַן אָנזעעוודיקן סכום ווערטער אַזעלכע, צעשפּרייט איבער אַ טעקסט, שאַפט שוין יאָ אַ סטיל. פאַרשטייט זיך אַז דער סטיל באַשטייט ניט נאָר פון ווערטער נאָר פון דעם ווי אַזוי מ'נוצט זיי.

אַוודאי, בוך, טיש, ים, נעכטן זיינען סטיליסטיש

נייטראַל. האַנדלונג, מעלדן, פאָרשריט, צוזאַמענהאַנג, שריפטשטעלער זיינען זשורנאַליסטיש, און כאַראַקטעריזירן יידישע קולטורעלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דערגרונטעוועט, יסודותדיק, ירושהדיקייט, קוצו של יוד, תכלית=הקיצורדיק געהערן דעם עסייאיסטישן סטיל. אָוונטיק, בייזאַכטיקייט, גליעדיק, מאַיאיק, ענד זיינען פּאָעטיש. גזירה שווה, געדרונגען, הערה, ראיה, סותר זיין זיינען לומדיש=אַקאַדעמיש. חליצה, יאָרצייט ליכט, מעביר זיין די סדרה, מאַכן אַ ברכה, נידה, געהערן דעם טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן. אונטערוויסיק, אַליינמאָרד, מיגלעך, פּרואוול, פּירלייגן זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן סטיל פון די ניו=יאָרקער אויסבויאיסטישע פּובליקאַציעס.

דערנאָך גייען די אַלע עלעמענטן וואָס געהערן אונדזערע דיאַלעקטן און וואָס זייער קאָנצענטרירטער באַנוץ גיט אַ טעקסט אַ דיאַלעקטיש=רעגיאָנאַלע באַפּאַרבונג, למשל: אַזאַן, געגאַן, ווע'מיר, פינעף, צוועלעף אויף צו באַפאַרבן אַ טעקסט דרום=דיאַלעקטיש; אַ פּולע, ביזל, די קאָפּ, נאַכער, צוואַנציק=צוויי אויף צו באַפאַרבן אַ טעקסט צפון=דיאַלעקטיש. רעגיאָנאַלע באַפאַרבונגען זיינען אויך בנמצא אין דער שפּראַך פון די היינטיקע גרויסע צענטערס: אָטשערעד ('ריי'), דעפּיציט ('מאַנגל'), צוויי אָן צען ('צען מינוט פאַר צוויי') ביי רוסישער באַפאַרבונג; אָלרייט, יעס, דזשענטלמען ביי אַמעריקאַנער באַפאַרבונג.

סטיליסטישע קאָמפּאָנענטן זיינען פלאַסטיש. די שענסטע פּאָעמע קען זיך באַנוצן מיט אַן איינאיינציק וואָרט וואָס איז גראַדע בדרך כלל כאַראַקטעריסטיש פאַרן זשורנאַליסטישן סטיל. דער סטיליסטישער מהות פון אַ וואָרט איז אויב אַזוי אין בעסטן פאַל אַ רעלאַטי=

וו ע ר. דער שרײַבער קען דאָ גובר זײַן, און סטיליסטיש מחדש זײַן, דורך נעמען אַ וואָרט פֿון אײן סטיליסטישן קאָמפּאָנענט און עס אָנווענדן בײַ אַ צווייטן. זע למשל שנײַדערס שטודיע וועגן דעם „מיסטישן דיאַלעקט" אין דער ייִדישער דראַמע, וואו ער באַווײַזט ווי אַזוי די „זשור־נאַליזמען" פֿילײַכט, וואונדערבאַר, אום (׳כּדי׳) זײַנען געוואָרן פּאָעטיש־מיסטישע ווערטער אין די הענט פֿון דוד פּינסקי (שנײַדער 1988: 115).

וואָס הײסט „דײַטשמעריש"?

דער קריזיס אין דער הײַנטיקער ייִדישער סטיליסטיק נעמט זיך פֿון דעם וואָס די אויסבויאיסטן פֿירן אַ קאַמפּאַניע אַרויסצואוואַרפֿן מאַסעס ייִדישע ווערטער וואָס זײ האַלטן פֿאַר „דײַטשמעריש". מיר האַלטן אַז די פּראָבלעם „דײַטש־מעריש" װאָלט „אין פּרינציפּ" ניט געדאַרפֿט שטײן אויפֿן סדר היום פֿון דער ייִדישער סטיליסטיק אויף דער שוועל פֿון אײן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. וואָס טויגן אָבער פּרינציפּן, אַז די פֿראַגע שפּילט נאָך די הויפּט־ראָלע אין אונדזער נײַער סטיליסטישער ליטעראַטור. מיט דעם אַלײן שטײט שוין דער ענין הויך אויפֿן סדר היום ווי „אַן ענין בײַ די סטיליסטן".

אײדער מ׳גײט פֿירן דעבאַטע, דאַרף מען אָבער זיך און יענעם געבן צו פֿאַרשטײן אין וואָס עס האַנדלט זיך. וואָס איז אַזוינס דײַטשמעריש? אַז מ׳זאָל פּרובירן דעפֿינירן דאָס וואָרט ווי ס׳ווערט הײַנט באַנוצט צווישן שרײַבער, לערער,

סטודענטן, ייִדישע לינגוויסטן, רעדאַקטאָרן, וועט דאָס אפֿשר זײַן „ווערטער פֿונעם מאָדערנעם דײַטש, וואָס מ׳האָט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט אַרײַנגעפֿירט אין ייִדיש, און וואָס טויגן הײַנט ניט צו אַ גוטן ייִדיש". די ווערטער פֿראַגע, קולטור, שפּראַך זײַנען טאַקע פֿון נײַעם דײַטש נאָר זײ ווערן בײַ אַלע אָנגענומען. פֿאַרקערט אַרצט (׳דאָקטער׳), מונד (׳מויל׳), שטראַסע (׳גאַס׳), וואָס פֿיגורירן פּראָמינענט אין דער פּרעסע און דער מאַסן־ליטעראַטור פֿון סוף נײַנצנטן אָנהײב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָבן זיך ניט אײַנגע־וואָרצלט. דאָס פּשוטע פֿאָלק האָט זײ ניט גענומען נוצן, אונדזערע קלאַסיקער און זײערע נאָכפֿאָלגער האָבן זײ ניט גענומען נוצן, און אַז ס׳איז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אויסגעוואַקסן די נײַע ייִדישע פֿילאָלאָגיע, האָט מען שוין במילא אָנגעוויזן, אַז די ווערטער טויגן ניט צו אַ גוטן ייִדיש. פֿאַרוואָס ניט? דער עיקר, וואָלטן מיר געזאָגט, ווײַל זײ האָבן זיך ניט אײַנגעוואָרצלט ניט בײַם פֿאָלקסמענטש, ניט בײַ שרײַבער, זײ זײַנען געבליבן פּאָסיליזירטע רעליקן פֿון דער אַמאָליקער פּאָליטישער פּרעסע, ווי אויך פֿון דער ביליקער ליטעראַטור. אַנדערע וואָלטן האַלטן אַנדערש, וואָלטן געקומען מיט אַ „לאָגישער" טענה, דהײַנו: אַז אָטאָ די ווערטער האָבן קײן זאַך ניט צוגעגעבן ייִדיש, זײ האָבן מערניט אַרויסגעשטופּט גוטע ייִדישע ווערטער. צי מען האַלט זיך בײַ דער היסטאָרישער טענה („זײ האָבן זיך ניט אָנגענומען און אַזוי איז עס"), צי בײַ דער לאָגישער („זײ גיבן קײן זאַך ניט צו") בלײַבט די אײגענע מסקנא: פֿאַראַן אַ דעת הכּלל, אַז זײ טויגן ניט. מיר האַלטן אַז דאָ ווי אומעטום אין דער שפּראַך געשיכטע האָט געווירקט דער עיקר דער היסטאָרישער פֿאַקטאָר (ווערטער האָבן אויך מזל און גורל),

און ניט דער לאָגישער; „לאָגיק" איז נאָר דאָ (אַמאָל) אינעם לינגוויסטס אַנאַליז לאחר המעשה.

דערנאָך איז דאָ די דריטע גרופּע: ווערטער וואָס סיי פֿאָלקסמענטשן, סיי אונדזערע בעסטע שרייבער נוצן זיי, נאָר טייל מיטגלידער פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע פֿון דער ווילנער ייוואָ — אונטער מאַקס ווײַנרײַכס השפּעה — האָבן זיי גענומען „פּסלען", אַפֿילו דאָרטן וואו ס'איז ניטאָ קיין גענויער פֿאַרבײַט מיט אַן אַלטן יחוס בריוו; דאָרטן האָט מען גענומען פֿאָרשלאָגן נעאָלאָגיזמען אָדער שעפּן פֿון דיאַלעקטיזמען און אַרכעאיזמען.

איז באַלד אויף אַן אָרט זעט מען, אַז דער פּאָפּולערער באַנוץ פֿון וואָרט דײַטשמעריש טויג ניט צו קיין וויסנשאַפֿטלעכער, סטיליסטישער דיסקוסיע, ערשטנס צוליב דער עמאָציאָנעלער אָנגעלאָדנקייט פֿון וואָרט, צווייטנס צוליב דער סוביעקטיווקייט אין זײַן באַנוץ: „די ווערטער, וואָס מיר געפֿעלן, זײַנען גוטע יידישע ווערטער, אַפֿילו אויב זיי זײַנען אַרײַן אין יידיש ערשט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט; די ווערטער וואָס מיר געפֿעלן ניט, זײַנען באַרבאַרישע דײַטשמעריזמען". אַפּשיטא, אַז מיט אַזאַ דעפֿיניציע, קען מען קיין שקלא וטריא ניט פֿירן. . .

עטלעכע מאָל האָב איך זיך באַמיט אָפּצוראַטעווען דעם טראַדיציאָנעלן טערמין דורך געבן אים אַ מער פּרעציזע דעפֿיניציע. איצטער בין איך זיך מודה ומתוודה, אַז ס'איז מיר ניט געלונגען. אין דער הקדמה צו דער נײַער אויפֿלאַגע פֿון האַרקאַווים דרײַשפּראַכיקן ווערטערבוך האָב איך פֿאָרגעשלאָגן אָט וואָס:

> [...] „דײַטשמעריש" אין גענדזנפֿיסלעך באַנוצט דאָ אין פּאָפּולערן און אין סאָציאָלאָגיש=סטיליסטישן זין: „ליי=ווערטער פֿונעם מאָדערנעם דײַטש וואָס די קלאַסיקער און זייערע נאָכפֿאָלגער נוצן ניט און האַלטן פֿאַר ניט=צוגעפּאַסט צו יידיש". אָן די גענדזנפֿיסלעך איז דײַטשמעריש אַ לינגוויסטישער וויסנשאַפֿטלעכער באַגריף וואָס מען קען אָביעקטיוו אָפּמעסטן: אַלע ליי=ווערטער פֿון דײַטש וואָס זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן ערשט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט. לויט אָט דער וויסנשאַפֿטלעכער דעפֿיניציע איז קלאָר אַז אַזעלכע ליי=ווערטער געפֿינען זיך אין אַלע סטילן יידיש.
>
> (ה.=ד. קאַץ 1988א: xxxiii)

אַ ברייטערע דעפֿיניציע, וואָס זאָל זיך לאָזן אויסשפּרייטן אויך איבער עלטערע תקופֿות פֿון דער שפּראַך, האָב איך פֿאָרגעשלאָגן אין אַן איבערבליק איבער דער געשיכטע פֿון דער יידישער לעקסיקאָגראַפֿיע:

> היינט צו טאָג האָט דאָס וואָרט דײַטשמעריש אַ סאָציאָלאָגישן פּשט, דהיינו 'ווערטער אין יידיש וואָס שטאַמען פֿונעם מאָדערנעם דײַטש און וואָס טויגן ניט צו אַ גוטן יידיש'. ניט אַזוי לאַנג צוריק, היסטאָריש גערעדט, סוף נײַנצנטן אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, בפֿרט אָבער לויט דער השגה פֿון אַ ריי רעדאַקטאָרן און שרײַבער, זײַנען דאָס געווען ווערטער וואָס מען דאַרף גאָר אַרײַנפֿירן אין יידיש. אַזוי צי אַזוי איז די מאָס אַ סוביעקטיווע. פֿאַרן סאָציאָלאָג זײַנען אָט די אַלע מיינונגען העכסט אינטערעסאַנט ווי רויוואַרג אויף וועלכן ס'בעט זיך אַן אַנאַליז. פֿאַרן לינגוויסט מוז אָבער זײַן אַן אָביעקטיווער טײַטש וואָס שפּיגלט אָפּ געוויסע עמפּירישע פֿאַרהעלטענישן וואָס לאָזן זיך באַשײַמפּערלעך דערווײַזן. אָט אַזאַ מין טײַטש קען מען טענטאַטיוו פֿאָרלייגן: דײַטשמעריש זײַנען די אַלע פֿאָרמען וואָס זײַנען אין וועלכן ניט איז נוסח יידיש אַרײַנגענומען געוואָרן פֿונעם קאָנטעמפּאָראַלן דײַטש, להיפּוך צום גערמאַנישן חלק אין יידיש וואָס איז פֿון

> דור⸗דורות איבערגעגעבן געוואָרן בירושה פון דער קדמון⸗יידישער תקופה. [...] אַזוי אַרום קען דער לינגוויסט קלאַסיפיצירן אַ ווערטערבוך פון דייטשמעריש ניט געקוקט אויף דעם צי דאָס איז אַ רשימה פסולס צונויפגעשטעלט פון אַ יידישן שפּראַך⸗פּוריסט צי אַ רשימה רעקאָמענדירטע ווערטער וואָס אַ משכיל האָט מיט קאַרגע צוויי הונדערט יאָר צוריק אַרויסגעגעבן.
>
> (ה.⸗ד. קאַן 1990: 203‑204)

איך האָב אַפּילו אַריינגעפירט דאָס וואָרט אויף ענגליש, ווי אַ טערמין אויף צו באַצייכענען יענע אַלע אַלט⸗יידישע טעקסטן וואָס טאַנצן נאָך דעם דעמאָלטיקן דייטש אָנשטאָט אָפּצושפּיגלען די דעמאָלטיקע גערעדטע יידישע שפּראַך (זע ה.⸗ד. קאַן 1987ב: 47‑48).

כאָטש איך האַלט היינט אַז מען ק ע ן דעפינירן דאָס וואָרט דייטשמעריש ווינסשאַפטלעך, זע איך איצטער איין אַז ס'האָט ניט קיין זין: מיט גענדזנפיסלעך, אָן גענדזנפיסלעך, מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל: אַז אַ וואָרט ווערט פּאָפּולער באַנוצט אין אַ געווסן זין, האָט דער לינגוויסט אַ קנאַפּע רעכט צו קומען מיט „בעסערס": ער וויל ריידן וועגן עפּעס ווינסשאַפטלעך, טאָ זאָל ער ריידן און נוצן דערביי ווינסשאַפטלעכע ווערטער. ווינסשאַפטלעכע טערמינען זיינען ביסודם — איינטייטשיק און ניט⸗עמאָציאָנעל.

די ווערטער וואָס זיינען אַריין פון ניי⸗הויך⸗דייטש רוף איך אָן, אינאיינעם גענומען: דער ניי⸗דייטשישער קאָמפּאָנענט אין יידיש. אים געהערן, ווי מיר האָבן געזען, אַ גרויסע צאָל ווערטער וואָס ווערן גענוצט אין אַלע סטילן יידיש. נאָר אַ משוגענער ממש וואָלט וועלן „אויסרייניקן" יידיש פונעם ניי⸗דייטשישן קאָמפּאָנענט זיינעם. דאָ גייט ניט

אין דעם צי מיר (צי אַנדערע) זיינען „צופרידן" וואָס יידיש האָט זיך מאָדערניזירט אין ניינצנטן יאָרהונדערט אָנקומענדיק צו דייטש און ניט צו קיין אַנדער שפּראַך. דעם פאָרשערס געפילן שפּילן דאָ אַ קנאַפּע ראָלע. אין יידיש זיינען דאָס יידישע ווערטער פּונקט ווי אַלע אַנדערע. אַז מ'קעמפט קעגן זיי היינט קעמפט מען ניט קעגן דייטשישער השפעה אויף יידיש, מ'קעמפט קעגן אַן אָנזעעוודיקן טייל פון מאָדערנעם י י ד י ש.

נאָר וואָס, אַחוץ די טויזנטער יידישע ווערטער פון ניי⸗דייטשישן קאָמפּאָנענט, זיינען פאַראַן אַ שלל וואָס געהערן דער קאַטעגאָריע אַרכעאיזמען, טאַקע ווי אַרצט, מונד און שטראַסע, וואָס זיינען היינט נאָר אינטערעסאַנט פאַרן היסטאָריקער פונעם מאָדערנעם יידיש, און וויכטיק — פאַר די וואָס שטודירן די פּאָליטישע פּרעסע פון יענער צייט, פאַרן ליטעראַטור היסטאָריקער וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער ביליקער ליטעראַטור פון יענער צייט, פאַרן לינגוויסט וואָס שטודירט אַלע סטילן וואָס זיינען געווען.

די מלחמה קעגן יענעם טייל פונעם ניי⸗דייטשישן קאָמפּאָנענט וואָס ד אָ ס פ אָ ל ק האָט גענומען רופן דייטשמעריש, האָבן ברמיזא געפירט די קלאַסיקער און בהדיא די פילאָלאָגן. שלום עליכם האָט אַראָפּגעריסן שמר'ס „מהיכא תיתי דייטש" (1888ב: 82). דער אמתער קאַמף קעגן דייטשמעריש אין אַלע שפּראַכיקע תחומען — אויסלייג, ווערטער⸗אוצר, מאָרפאָלאָגיע, סינטאַקס — איז אָבער אָנגעפירט געוואָרן אין די יאָרן באַלד נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, אין אַ גרויסער מאָס אויף די שפּאַלטן פון ליטווינס ווילנער זשורנאַל לעבען און ווינסענשאַפט (זע אַשטייגער זאַמענהאָף 1909, 1910;

פּרילוצקי 1909; י. ט. 1910; ניגער 1912). ניגער האָט אין 1912 אַנאַליזירט דעם שפּראַך־פּסיכאָלאָגישן מקור פֿון דייטשמעריש: אַן „אויסדרוק פֿון קליינשטעטלדיקער פֿאַראַכטונג צו ייִדיש און דער נאָכמער קליינשטעטלדיקער דרך ארץ פֿאַר דייטש" (ניגער 1912). וועגן דעם לכתחילהדיקן אַריינשטראָם פֿון דעם ניי־דייטשישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש האָט מען שוין געשריבן ניט איין מאָל (זע אַשטייגער שלאָסבערג 1937; ראָסקעס 1974; ד.־ב. קערלער 1988). אין זיין עסיי, „דער שורש פֿון דייטשמעריש" האָט זעליק קלמנאָוויטש פּרובירט דיפֿערענצירן אַ שפּראַך־פּסיכאָלאָגישן מאָטיוו ביי די ניי־דייטשישע ווערטער, וואָס טראָגן אַריין נייע באַגריפֿן („גוטע דייטשמעריזמען") און אַזעלכע, וואָס שטופּן אַרויס גוטע ייִדישע ווערטער („שלעכטע דייטשמעריזמען"). ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער צווייטער קאַטעגאָריע און טענהט אַז די דייטשמערישע פֿאַרפּלייצונג איז בעצם געוואַקסן פֿון אַ ביטולדיקער באַציאונג צו ייִדיש, אַ געפֿיל, אַז דייטש איז עפּעס „העכער" (קלמנאָוויטש 1938).

צו דער פֿראַגע וועגן דעם אורשפּרונג פֿון עלעמענטן וואָס זיינען אַריין אין ייִדיש פֿונעם דייטש פֿון אַוועלכער ניט איז שפּעטערער תקופֿה (ד.ה. זיי זיינען ניט די אוראַלטע געירשנטע ווערטער פֿונעם גערמאַנישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש), האָט קלמנאָוויטש רעכט בנוגע דער עלטערער צייט — ביזן ניינצנטן יאָרהונדערט. אין דער מאָדערנער תקופֿה זיינען אָבער געווען אַלערלייאיקע מאָטיוון (בתוכם: פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס, סאָציאַלע מאָדערניזאַציע, קולטורעלע אויפֿבליאונג, וויסנשאַפֿטלעכע טערמינאָלאָגיע און נאָך). צו דער עלטערער צייט איז גענוג

צו דערמאָנען, אַז די קריסטלעכע געלערנטע וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ייִדיש האָבן די נטיה באַמערקט. דער גרויסער אָריענטאַליסט בוקסטאָרף האָט געשריבן אָנהייב זיבעצנטן יאָרהונדערט, אַז די ייִדן מיט אַ ביסל מער בילדונג באַמיען זיך צוצופּאַסן צו דער דייטשישער שפּראַך (בוקסטאָרף 1609: 652). וואַגענזייל, דער היסטאָריקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט צום סוף פֿון יענעם יאָרהונדערט אָנגעוויזן אַז אין „נייערע ביכער" טרעפֿט זיך דער פּרעפֿיקס ער־ אָנשטאָט דער־ (וואַגענזייל 1699: 87).

ביים אויפֿקום פֿון דער נייער ייִדישער פֿילאָלאָגיע, און טאַקע באַלד ביי איר אויפֿקום, איז דער ענין דייטשמעריש געשטאַנען אויפֿן סדר היום. אָט שרייבט באָראָכאָוו:

> אַזוי ווי די דריי עלעמענטן, דייטש, העברעאיש־אַראַמעאיש און סלאַוויש, דערפֿילן פֿאַרשיידענע פֿונקציעס אין דער שפּראַך, דעריבער שטערט ניט די געמישטקייט פֿון ייִדיש צו זיין אַנטוויקלונג: פֿאַרקערט, דורך דעם ווערט אונדזער שפּראַך נאָר רייכער אין ווערטער און אויסדרוק מעגלעכקייטן. ס'געפֿינט זיך אָבער אין אונדזער שפּראַך אויך אַ פֿערטער, אינטעליגענטישער עלעמענט, דער ייִנגסטער פֿון אַלע, וואָס איז סותר דעם בוי פֿון די אַנדערע עלעמענטן און קאָן זיי כמעט ניט דערגאַנצן. דער עלעמענט רופֿט זיך אָן „דייטשמעריש", ער מאַכט קאַליע אונדזער שפּראַך און קאָן זי טאַקע ברענגען צו דער מדרגה פֿון אַ מיאוסן זשאַרגאָן.
>
> (באָראָכאָוו 1913א: 11)

באָראָכאָוו איז ממשיך און רעכנט אויס אַ ריי פֿאָרמען וואָס מ'דאַרף פֿון זיי פּטור ווערן, צווישן זיי די פּרעפֿיקסן ענט־, ער־ אויף די עכט ייִדישע אַנט־, דער־, דאָס ניט איבערדרייען קאָנווערבן („זי איבערזעצט" אָנשטאָט „זי

זעצט איבער") און נאָך און נאָך.

באַראָכאָוו האָט אָבער גוט פֿאַרשטאַנען, אַז ניט אַלץ וואָס דער ניי־דייטשישער קאָמפּאָנענט האָט אין יידיש אַריינגעטראָגן איז שלעכט, אַז ניט פֿון אַלץ דאַרף מען פּטור ווערן. פֿאַרקערט, ער האָט אויפֿגעוויזן מיט קלאָרע ביישפּילן ווי אַזוי אָט דער עלעמענט האָט יידיש ב אַ ר י י כ ע ר ט. זיין מסקנא:

> פֿאַרשטיין די מעלות און הסרונות פֿון די אינטעליגענטישע שפּראַך עלעמענטן איז דערפֿאַר באַזונדערס וויכטיק פֿאַר דער יידישער פֿילאָלאָגיע [...]

(באָראָכאָוו, דאָרטן: 14)

באָראָכאָוו האָט אויך אָנגעוויזן וואָס פֿאַר אַן עשירות איז צו יידיש צוגעקומען, פֿאַרגלייכנדיק די אַלטע קונץ, קונציק, בווידעם, האַר, מיט קונסט, קינסטלעך, באָדן, הער, וואָס זיינען אַריין פֿון נייעם דייטש ערשט אין נייַנצנטן יאָרהונדערט. ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער:

> פּונקט אַזוי ווי ביי אַנדערע פֿעלקער, וועט אויך ביי אונדז די רעפֿאָרם מוזן זיין, אויב אונדזער אינטעליגענץ וועט נאָר האָבן דעם מוט אַוועקצוואַרפֿן די שלעכטע שפּראַך געוואוינהייטן, אויסצוראַמען מיט אַ ברייטן בעזעם אַלע יענע „דייטשמערישע" עלעמענטן, וואָס פּאַסן ניט צו דער יידישער שפּראַך און באַרייכערן זי ניט. אַריינטראָגן אין אונדזער שפּראַך נייע דייטשע ווערטער — מהיכא תיתי! אָבער זיי מוזן ווערן פֿאַריידישט, צוגעפּאַסט צו די פֿאָנעטישע און גראַמאַטישע פֿאָרמען פֿון אונדזער פֿאָלקס־לשון. [...]

(באָראָכאָוו, דאָרטן: 15)

אין דער צווישן־מלחמהדיקער מזרח אייראָפּע, ווען מ'האָט געקוקט אויף דער יידישער פֿילאָלאָגיע ווי אויף אַ לעבעדיקן גליד פֿון דער נייער יידישער קולטור — הלוואַי וואָלט מען אַזוי היינט אויף דער זאַך געקוקט — האָט מען געהאָפֿט, אַז די וויסנשאַפֿטלעכע שטודיעס וועלן האָבן אַ השפּעה אויף דער פּרעסע שפּראַך, וואו „אַזעלכע עלעמענטן" האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן מער ווי אומעטום.

דעם קאַמף קעגן דעם ניט־אָנגענומענעם טייל פֿון ניי־דייטשישן קאָמפּאָנענט האָבן געפֿירט אַנדערע יידישע פֿילאָלאָגן אַזש ביז דער שוועל פֿון דער צווייטער וועלט מלחמה. נאָך דעמאָלט האָט נח פּרילוצקי, אַרויסלאָזנדיק דעם ערשטן באַנד יידיש פֿאַר אַלע אין 1938, אַרויסגערופֿן ניט מער און ניט ווייניקער צו: „אַ הייליקן קריג קעגן דעם דאָזיקן פֿאַרוואָרלאָזטקייט, שעדיקעריי און וואַנדאַליזם" (פּרילוצקי 1938א: 8). גערעדט האָט ער וועגן דער דעמאָלטיקער פּרעסע.

אַ טשיקאַווער קאַפּיטל זכרונות וועגן דער פֿראַגע, אין דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע, איז לעצטנס דערשינען אין ניו־יאָרקער דאָס אידישע וואָרט:

> דער גערער רבי האָט פֿאַרבעטן די שרייבער פֿון טאָגבלאַט אויף אַ געמיטלעכן שמועס, און איינע פֿון די שאלות, וואָס ער האָט זיי געהאַט צו שטעלן, איז געווען:
> — הלמאַי זענען די מאמרים פֿול מיט פֿרעמדע ווערטער?
> — אַז איך בין עס נישט תופֿס — האָט דער רבי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל — איז דאָך במציאות, אַז נאָך אַנדערע יידן פֿאַרשטייען עס נישט?
> — דער תירוץ איז אַ גאַנץ פּשוטער — האָט איינער פֿון די שרייבער זיך געכאַפּט מניה־וביה אויף אַ קלוגן ענטפֿער — מיר אַליין קענען נאָך נישט ריכטיק די מלאכה פֿון שרייבן און

אַז מיר׳ן, אם ירצה השם, זיך אויסלערנען װעט מען טאַקע װיסן װי אַזױ צו שרײַבן גאָר פּשוט!...

די פֿראַגע „װי אַזױ צו שרײַבן" איז גרײַלעך געװען אַ היפּש קאָמפּליצירטע פֿאַר דער יונגער, אַמביציעזער און זעלבסט־אויסקומערישער אָרטאָדאָקסישער צײַטונג. די שװעריקײטן זענען נישט געװען בלויז אויף דעם אײנעם פּונקט, פֿון געברויכן ניי־מאָדישע פֿרעמדװערטער. דער גאַנצער עסק מיט אַ פּרוס־אָפּגעהיטענער צײַטונג האָט שיער נישט באַדײַט אַ „דבר בהיפּוכו", אַ שפּיל פֿון קאָנטראַסטן. זײער אָפֿט האָט עס בפּועל ממש געמײנט אָנכאַפּן דעם שטעקן בײַ בײדע עקן, שפּילן זיך מיט פֿײַער און נישט אָפּבריען די פֿינגער.

(פּראַגער 1992: 69)

לײענענדיק צװישן די שורות, װערט קלאָר אַז די „פֿרעמדע װערטער" זײַנען די אַלע װאָס װערן אין פֿאָלקס־באַװאוסטזײַן, סײַ בײַ פֿרומע סײַ בײַ פֿרײַע, אויפֿגענומען װי יענע װאָס כאַראַקטעריזירן דעם שיכט פֿון דער שפּראַך װאָס שטעלט מיך זיך פֿאָר די נײַע װעלטלעכע קולטור פֿון נײַנצנטן און צװאַנציקסטן יאָרהונדערט.

דאָ גײט די רײד, פֿאַרשטײט זיך, װעגן יענע טײלן פֿון ניי־דײַטשישן קאָמפּאָנענט װאָס זײַנען געװאָרן כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן פּרעסע סטיל און די פּאָליטישע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס (בתוכם — די ייִדישיסטישע). װעגן דעם אַז טײל פֿון אָרטאָדאָקסישן סעקטאָר האָט בײַ די סעקולאַריסטן איבערגענומען די „פּרעסע שפּראַך", איז געגאַנגען די רײד בײַ באַשעװיסן אין זײַן בעל תשובֿה:

נײן. דאָס איז נישט געװען דער סאָרט רבי, װאָס מאָדערנע אָרטאָדאָקסן קאָנען פֿירן אויף קאָנפֿערענצן, נעמען פֿון אים פּיקטשורס און לאָזן אים האַלטן רעדעס אויף באַנקעטן, װאו

מען גרײט צו הױכע בודזשעטן. דאָס איז געװען אַ ייִד פֿון אַלטן שניט. ער האָט גאָרנישט געברױכט אַחוץ אַ גלאָז טײ, אַ ביסל האָבערגריץ, אַ פּאָר אַלטע ספֿרים און אַ מנין. ער האָט נישט געװאָלט פֿאַרזאָרגן די װעלט אָדער אַפֿילו דעם כּלל ישׂראל מיט פֿרומקײט. ער האָט נישט געלײענט קײן צײַטונגען. ער האָט נישט געקאָנט דעם ייִדיש, װאָס די מאָדערנע אָרטאָדאָקסן האָבן איבערגענומען פֿון די אפּיקורסים.

(באַשעװיס 1974: 58)

אַלץ איז געװענדט אין מאָס, אַלץ איז רעלאַטיװ. אין דער קאָנפֿיגוראַציע פֿון אונדזערע גדולים װײַזט זיך גאָר אַרױס, אַז באָראָכאָװ, רײזען און פּרילוצקי זײַנען געװען די מ ע ס י ק ע: זײ האָבן געקעמפֿט קעגן װערטער װאָס האָבן זיך בײַם פֿאָלק און אין דער שײנער ליטעראַטור נ י ט אָנגענומען און װאָס זײַנען געבליבן אין דער ביליקער פּרעסע. אַ סך װײַטער זײַנען געגאַנגען יענע פֿילאָלאָגן װאָס האָבן זיך אויפֿגעהאָדעװעט אין דײַטש רײדנדיקע סבֿיבֿות, אָדער זײער העכערע בילדונג באַקומען אין דײַטש רײדנדיקע אוניװערסיטעטן (אין די מערסטע פֿאַלן — די בײדע זאַכן). בײַ זײ איז דער ענין געװאָרן אַ פּערזענלעכער קאָמפּלעקס. עס פֿאַרמינערט אויף קײן האָר ניט זײערע װיסנשאַפֿטלעכע אויפֿטוען, דאָס װאָס אויפֿן סטיליסטישן פֿראָנט האָבן זײ געליטן פֿון אַ מין געפֿיל אַז מ׳דאַרף כּסדר פֿירן מלחמות קעגן דעם ניי־דײַטשישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש. די מער עקסטרעמע דאָ זײַנען גראַדע געװען שלמה בירנבױם און מאַקס װײַנרײַך. בײַ בירנבױמען איז די קעגנערשאַפֿט צום ניי־דײַטשישן קאָמפּאָנענט װאָס אין ייִדיש געװען ניט אָפּצוטײלן פֿון זײַן ליבשאַפֿט צום טראַדיציאָנעלן ייִדישן

פֿאַר־משכּילישן רעליגיעזן לעבן, זיין גלויבן, אַז די מאָדערנע ציוויליזאַציע האָט קאַליע געמאַכט דאָס לעבן מיט דער שפּראַך אינאיינעם (זע בירנבוים 1979: 79–81). זיינע טעאָרעטישע יסודות האָט ווײַנרײַך אַוועקגעשטעלט אין זיין עסיי „דײַטשמעריש טויג ניט" (מ. ווײַנרײַך 1938ב). קודם כּל, זיין דעפֿיניציע פֿון „דײַטשמעריש":

> „דײַטשמעריש איז שעטנז; דאָס זײַנען אַזוינע שפּראַכיקע עלעמענטן וואָס קומען פֿון דײַטש און ווילן מאַכן דעם אָנשטעל פֿון ייִדיש; עלעמענטן, וואָס אין דער אמתן זײַנען זיי ניט קיין ייִדיש און ניט קיין דײַטש.
>
> (מ. ווײַנרײַך 1938ב: 98)

אין יענער אַרבעט באַווײַזט דער גאון ווײַנרײַך אַ — רדיפֿה מענטאַליטעט. ער איז מודה אַז דאָס וואָרט „פֿאָלקסטימלעך" קען מען ניט אַרויסטרײַבן „דערווײַל": הייסט דאָס אַז דאָס איז אַ מין אויפֿגאַבע אויף „שפּעטער". ווײַנרײַכס קאָמפּלעקס וועגן דײַטש האָט ער אויסגעדריקט בזה הלשון:

> כּל זמן ייִדיש איז געגאַנגען ווי עס גייט זיך, כּל זמן עס איז ניט געווען בײַ ייִדן קיין תּשוקה צו אַ קולטורווירטער כּלל־שפּראַך, איז קיינמאָל קיין שאַרפֿע מחיצה צווישן די בײדע שפּראַכן ניט געווען. עס איז געווען ניכער אַ דעמאַרק־ליניע ווי אַ גרענעץ. וויבאַלד מיר ווילן אויף אַן אמת פֿירן אַן אייגענע שפּראַכיקע באַלעבאַטישקייט, איז איצט געקומען די צײַט אײַנצושטעלן אַ פֿעסטן גרענעץ מיט אַלע סימנים פֿון אַ גרענעץ, און דער עיקר: מיט אַ שאַרפֿן גרענעץ קאָנטראָל.
>
> (מ. ווײַנרײַך, דאָרטן: 100)

אַזאַ צוגאַנג צו ייִדיש איז אומגלייבלעך בײַ דעם מעמד פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור ערבֿ דער צווייטער וועלט מלחמה. דאָ רעדט ניט ווײַנרײַך דער געניאַלער שפּראַך היסטאָריקער פֿון ייִדיש, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען בעסער ווי אַלע ווי אַנדערש ייִדיש איז געווען פֿון דײַטש פֿון דער סאַמע ערשטער רגע ווען ייִדן זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין שטח וואָס האָט זיך גענומען רופֿן אַשכּנז (זע למשל מ. ווײַנרײַך 1954). דאָ רעדט ווײַנרײַך דער שפּראַך פּוריסט וואָס רעאַגירט פּסיכאָלאָגיש אויף זיין דײַטש־שפּראַכיקער קינדהייט (פֿגל. מ. ווײַנרײַך 1923: 199), אַ ראיה דערויף ווי מ'טאָר ניט פֿלאָנטערן די גאונות פֿונעם היסטאָריקער פֿון ייִדיש מיט דער טענדענציעזקייט פֿון זיין סטיליסטישער אײַנשטעלונג. דאָס זײַנען צוויי גאָר באַזונדערע געביטן.

מאַקס ווײַנרײַך האָט פֿאָרגעשלאָגן אַ כּלל אַז „ענגע דיאַלעקט ווערטער וואָס זײַנען אין דער זעלבער פֿאָרם פֿאַראַן אין דער נײַ־הויך־דײַטשער שרײַבשפּראַך מוזן אויסן בלײַבן פֿון דער ייִדישער כּלל־שפּראַך" (1938ב: 101). די בײַשפּילן וואָס ווײַנרײַך ברענגט (בעהערדע, מאַגער און נאָך) זײַנען טאַקע ענגע דיאַלעקט ווערטער, און דערפֿאַר טויגן זיי ניט צו דער סטאַנדאַרדער שפּראַך. פֿאַר ווײַנרײַכן טויגן זיי ניט ווײַל זיי געפֿינען זיך אויך אויף דײַטש. צוויי גאָר באַזונדערע טעמים פֿאַרן ניט אָננעמען אַ וואָרט אין דער ליטעראַרישער שפּראַך.

אָט דאָ ליגט דער סלע המחלוקת. ווײַנרײַך פֿירט אַרײַן דײַטש ווי אַ קריטעריע פֿאַר ייִדיש! סטײַטש! בײַם אָפּשאַצן אַ וואָרט, איז עס להלוטין ניט שייך צי אַן ענלעך וואָרט טרעפֿט מען אויך אויף דײַטש (צי אויף טאָטעריש)! וועמען אַרט עס? וואָס קען זיין מער טעותדיק

פּאַר אַ שפּראַך ווי פּסקענען אירע שאלות אויפֿן סמך פֿון — אַן אַנדערער שפּראַך. ס׳האָט געגנוי אַזאַ טעם, ווי אַ רב זאָל פּסקענען איבער אַ טאָפּ צי איז ער מותר, אויפֿן סמך פֿונעם — קאָראַן.

נח פּרילוצקי האָט וויינרייכן געענטפֿערט מיט זיין „מעטאָדאָלאָגישע באַמערקונגען צום פּראָבלעם דייטשמעריש" (פּרילוצקי 1938ד). פֿון אויבן געבראַכטן ציטאַט איז קלאָר, אַז פּרילוצקי איז ניט קיין „דייטשמעריסט". ער האָט אָבער קלאָר געזען אַז דער עקסטרעמער פּוריזם וואָס שאַצט אָפּ יידיש לויט דעם וואָס עס איז פֿאַראַן אין דייטש טויג ניט:

> איך האַלט נישט פֿון לאָזן זיך פֿירן דורך אויסנווייניקסטע קריטעריזמס (איוואַן טראָגט געפּוצטע שטיוול און אַ האַלדזטיכל, טאָר איך נישט...). איך זוך תּמיד אָנווייזונגען רק אינעם אינגעווייד פֿון דער שפּראַך גופֿא.
>
> (פּרילוצקי 1938ד: 207)

פּרילוצקי האָט אונדז אָבער פּאָרט מזכּה געווען מיט זיין דעפֿיניציע פֿון „דייטשמעריש":

> דייטשמעריש — פֿאַר דעם וואָרט⸗אוצר פֿון דער נייער יידישער שריפֿטשפּראַך — זענען יענע עלעמענטן, וואָס ס׳לאָזט זיך וועגן זיי פֿעסטשטעלן מיט באַשטימטקייט, אַז זיי זענען אַריינגעדרונגען צו אונדז פֿון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט אָן, אָדער דרינגען ווייטער אַריין — אין קאָרעקטן געשטאַלט צי אין פֿאַרקריפּלטן — פֿון דער ניי⸗הויך⸗דייטשער שריפֿטשפּראַך.
>
> (פּרילוצקי, דאָרטן: 209)

ווי אומבאַהאָלפֿן עס איז אויך די דעפֿיניציע, איז צו

זען פֿון די ווערטער אין אָט דעם זאַץ גופֿא, וואָס וואָלטן ניט געווען אין יידיש ווען ניט יענער „אַריינדרונג" פֿון נייַנצנטן יאָרהונדערט: שריפֿטשפּראַך, עלעמענט, אַריינדרינגען (≠ דרינגען ׳אָפּלערנען׳) יאָרהונדערט, קאָרעקט, געשטאַלט, ניי⸗הויך⸗דייטש. אַז מ׳זאָל אַריינציען אין קאָן קאַלקעס און סינטאַקטישע השפּעות, איז דאָך פּרילוצקיס אַנטי־דייטשמערישער זאַץ אַ מוסטער פֿון דייטשמעריש לויט זיין אייגענער דעפֿיניציע! איבערשרייבן אָן אַזעלכע השפּעות קען מען זיכער, נאָר דעמאָלט וואָלט עס געווען געשריבן אין אַ פֿאָלקסטימלעכן, ניט אין קיין וויסנשאַפֿטלעכן סטיל, למשל:

> וואָס איז שייך אָט אָ די ווערטער, וואָס מ׳באַנוצט זיך מיט זיי אַז מ׳גייט שרייבן יידיש, קען מען אָנרופֿן מיטן וואָרט „דייטשמעריש" אָט אַזעלכענע, וואָס מ׳קען ברענגען ראיות אויף געוויס, אַז זיי זיינען צו אונדז אַריבער ערשט פֿון בערך שנת תּק״ם און ווייטער, צי ריכטיקערהייט, צי סקעלעטשעטערהייט, פֿון דעם ווי אַזוי מ׳האָט גראָד יעמאָלט געשריבן אַז מ׳האָט געשריבן דייטש.

שוין נאָך דער מלחמה האָט געענטפֿערט די טענה א. גאָלדסטיק מיט אַ געלונגענער פֿראַגע:

> איך וואָלט וועלן זיין אַ בעלן צו וויסן, וואָס פֿאַראַ פּנים אונדזער יידיש וואָלט האָבן, אַז מיר זאָלן טאַקע ממש אַרויסוואַרפֿן פֿון אונדזער לעקסיק אַלע דייטשע ווערטער וואָס מיר האָבן אַריינגענומען זינט 1800.
>
> (גאָלדסטיק 1946: 15)

פֿון די טיפֿסטע — און פּשוטסטע — אָבזערוואַציעס איז בירנבוימס:

> קען די וויסנשאַפט זײַן אַ פּוסק בײַ דער ייִדישער לשון־פּאָליטיק? ניין. וויסנשאַפט פֿאַרנעמט זיך מיט פֿאַקטן. למשל: די נײַ־הויך־דײַטשע השפּעה איז אַ פֿאַקט. אָבער צי מע האַלט זיך בײַם משכּילישן וואָרט שפּראַך, אָדער צי מע קערט זיך אום צום ייִדישן וואָרט לשון, דאָס איז שוין מחוץ דעם גדר פֿון וויסנשאַפֿט.
>
> (בירנבוים 1938: 245)

בירנבוימס זאָג (אַרײַנזאָג?) איז מיט אַ כּיוון צווייטײַטשיק. ערשטנס, דער פּשט פֿון זײַנע רייד: די „וועלטלעכע ייִדישיסטן" נאַרן זיך אַז זיי מיינען, אַז זיי זײַנען פֿעאיק צו פֿאַרוואַנדלען סטיליסטיק און שפּראַך פּאָליטיק אין „וויסנשאַפֿט". דער רמז אין זײַנע רייד: זיי אַליין נוצן אָן אַ שיעור ווערטער וואָס שטאַמען פֿון נײַ־הויך־דײַטש, נאָר דאָס וואָס געפֿעלט זיי (אָדער דאָס וואָס זיי ווייסן, אַז מ׳קען פֿון דעם ניט פּטור ווערן אין זייער סביבֿה) איז כּשר וישר, דאָס וואָס געפֿעלט זיי ניט, ווערט געשטעמפּלט: דײַטש־מעריש. והא ראיה: צווישן זייערע באַליבטסטע ווערטער איז דאָך דאָס וואָרט שפּראַך וואָס שטאַמט דאָך פֿון נײַ־הויך־דײַטש: דאָס אַלטע ייִדישע וואָרט איז דאָך לשון. אגבֿ: צי איז ניט פֿאַראַן אַ שמץ סאַטירע אין בירנבוימס קאָנסטרוקציע לשון־פּאָליטיק?

אין סך־הכּל קען מען די דיסקוסיעס אַרום דעם ענין דײַטשמעריש אין די דרײַסיקער יאָרן אויפֿנעמען ווי אַ פֿאַרשטענדלעכן קאָמפּאָנענט פֿונעם דעמאָלטיקן דראַנג צו איבערנאָרמירטקייט. אָט אַזוי האָט זיך מאַקס ווײַנרײַך אָפּן אַרויסגעזאָגט:

> [...] דאָס געבאָט פֿון דער צײַט איז אַ נאָרמירטע

> כּלל־שפּראַך. ניט קיין אײַנגעשנורעוועטע אין אַ שנירלײַבל פֿון פֿישבייניערנע חוקים — מיר זאָלן אַפֿילו וועלן, קענען מיר בײַ אונדזער סיטואַציע ניט דערגיין דערצו אַפֿילו אין הונדערט יאָר — אָבער אויך ניט קיין הפֿקר־לשון, וואו יעדער איינער איז אַ מושל בכּיפּה. [...] דאָס וויכטיקסטע פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך איז איצטער צו דערשלאָגן זיך צו אַ געוויסן מינימום נאָרמעס. דאָס איז אַ פֿראַגע פֿון איר ס אָ צ י אַ ל ן פּ ר ע ס ט י ז ש, ממילא אַ פֿראַגע פֿון איר קיום ממש.
>
> (מ. ווײַנרײַך 1938ג: 286)

ווי מ׳זאָל ניט האַלטן הײַנט וועגן אַזאַ און אַזאַ וואָרט, איז קלאָר אַז ווײַנרײַכס מאָטיווירונג גיט אונדז צו פֿאַרשטיין די אינטעלעקטועלע סבֿיבֿה אין די דרײַסיקער יאָרן וואָס האָט געפֿירט צום פּוריזם. טעפּער האָט געהאַלטן אַז שלאָסבערגס אַספּיראַנטור אַרבעט „קען ברענגען אַ גרויסן נוץ דער ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און בפֿרט דער ייִדישער פּרעסע" (טעפּער 1936: 824). שלאָסבערג האָט אַליין אויך געהאָפֿט צו קענען אָפּלערנען פֿון שפּראַך געשיכטע אויף סטיליסטיק. זײַן סך־הכּל איז אָבער געווען אַן ערלעכער:

> דער אידעאַל איז צו קענען געבן דורך אַנאַליזירן די שפּראַך פֿון אַ געוויסער צאָל שרײַבער פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט אַ קלאָרע און פּשוטע דעפֿיניציע, וואָס איז אַזוינס אַ דײַטשמעריזם און ווי אַזוי מען קען אים דערקענען, כּדי מען זאָל וויסן, וועלכע דײַטשמעריזמען וואָס זײַנען שוין אַרײַן אין אונדזער שפּראַך קענען אָדער מוזן אין איר בלײַבן און וועלכע מען דאַרף זיך באַמיען אויסצואוואָרצלען. [...] דאָ מוז זיך דערוועקן אַ פֿראַגע: ווײַבאַלד די אַרבעט דאַרף ערשט פּרוּוון אַרויסברענגען וואָס איז אַזוינס אַ דײַטשמעריזם, ווי אַזוי זשע האָב איך געקענט אויסזוכן דײַטשמעריזמען, איידער

איך האָב געהאַט דעם קריטעריום, ווי זיי צו דערקענען? דער אמת איז טאַקע, אַז קיין אָביעקטיוון קריטעריום ווי אַזוי זיי צו דערקענען האָב איך ניט געהאַט, איך האָב זיי געמוזט אָפּקלייבן ווערליק מיין אייגענעם איינזען, ווערליק מיין סוביעקטיוון שפּראַך געפיל. פונדעסטוועגן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כמעט אַלע ווערטער, פאָרמען און קאָנסטרוקציעס, וואָס איך האָב אויסגענאָטירט ווי דייטשמערישע, קומען אויס דייטשמעריש פאַרן געשמאַק פון מענטשן מיט אַן אויסגעשאַרפטן שפּראַך געפיל.
(שלאָסבערג 1937: 65)

ביי די היינטיקע אויסבויאיסטן איז די דעפיניציע פון דייטשמעריש אַוועק אויף נייע עמאָציאָנעלע דרכים. אין שעכטערס גלאָסאַר א.נ. „טעכנישע טערמינען אין דעם באַנד" (צו זיין לייטיש מאַמע־לשון), וואו מערסטע טערמינען ווערן דעפינירט מיט פּרעציזער וויסנשאַפטלעכער קלאָרקייט, ווערט דייטשמעריש באַנומען ווי אַ מאָנסטער־האַפּט ווען:

דייטשמעריזם, דייטשמעריש — וואָרט צי פאָרמע וואָס מע האָט געברענגט פון ניי־הויך־דייטש („ליעבענדעם הערץ"), כאָטש אָדער מיר פאַרמאָגן דערפאַר אייגן שפּראַכוואַרג, אָדער ס'איז גלאַט איבעריק (למשל: קריסטלעכע אָדער אַפילו אַנטיסעמיטיש־אינספּירירטע ווערטער אין אייבעלסאָנס ווערטערבוך: „יודען־אויער"!).
(שעכטער 1986א: 336)

און וואָס בלייבט אונדז מכח דער פראַגע: וואָס איז אַזוינס דייטשמעריש? היות ווי אונדזערע פּוריסטן, און אַפילו די עקסטרעמסטע צווישן זיי — די אויסבויאיסטן — נוצן עמערם מיט יידישע ווערטער וואָס שטאַמען פון

ניי־הויך־דייטש (ליטעראַטור, צייטונג, קולטור, שפּראַך וכו'), בלייבט נאָר איין דעפיניציע פונעם וואָרט ווי עס ווערט ביי ז י י באַנוצט: יענע ווערטער פון ניי־דייטשישן קאָמפּאָנענט אין יידיש, וואָס אַ פּיצינקער קרייז נאָרמאַטיוויסטן וואָס שטרעבן צו „מאַכט" איבער דער שפּראַך, האָבן מיט זייער חכמה און איינזען באַשלאָסן צו „פּסלען". שווער זיך פאָרצושטעלן אַז אַ שרייבער זאָל וועלן אויף אַלע אַנדערע שרייבער אַרויפצווינגען ז י י ן סטיל, זיינע פאָראורטיילן לגבי ווערטער. על אחת כמה וכמה איז ניטאָ די קלענסטע באַרעכטיקונג, אַ גרופּע נאָרמאַטיוויסטן זאָל זייער תורה פּרובירן אַרויפצווינגען אויף דער יידישער ליטעראַטור.

די ווערטער אין חרם

די „ווערטער אין חרם" זיינען די אַלע ווערטער וואָס מ'טרעפט אויף טריט און אויף שריט סיי אין גערעדטן יידיש, סיי אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר וואָס אוריאל ווײַנרייכס מאָדערן ענגליש־יידיש יידיש־ענגליש ווערטערבוך האָט זיי אַריינגעלייגט אין „חרם" מיט איינעם פון די סימנים פון „פּגם": ● אויף „אַ ספק צי דערלאָזלעך אין דער כלל־שפּראַך" און רחמנא לצלן, ▼ אויף „ניט־דערלאָזלעך אין דער כלל־שפּראַך" (א. ווײַנרייך 1968: xl).

להיפּוך צו אַזעלכע עקספּערימענטאַלע זשורנאַלן ווי יידישע שפּראַך און אויפן שוועל, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַן עקסטרעם פּוריסטישע שיטה וואָס איז דעם לייענער גוט באַקאַנט, איז אַ ווערטערבוך אַ ווערק פאַרן כ ל ל, און

דערמיט אַליין איז דער צוגאַנג אין אַ ווערטערבוך פּרינציפּיעל אַנדערש. אוריאל ווײַנרײַכס ווערטערבוך איז אַ גרויס וויסנשאַפטלעך ווערק, וואָס האָט אויפגעטאָן אַ וועלט מיט גוטס פֿאַרן לימוד פֿון ייִדיש. אינעם ווערטערבוך קומט צום אויסדרוק אוריאל ווײַנרײַכס גאונות אויך ווי אַ טעאָרעטישער לינגוויסט. ס'איז צו זען אין דער סעמאַנטיק, אין דער סטרוקטור און אין דער מאָס גראַמאַטישע אינפֿאָרמאַציע, וואָס ליגט אַרײַנגעפּרעסט צווישן זײַנע טאָוולען. מ'מעג אָננעמען דעם ווערטערבוך פֿאַר איינעם פֿון די גרעסטע אויפֿטוען פֿון דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און בשעת מעשה זײַן מוחלק מיט דער סטיליסטישער אײַנשטעלונג פֿונעם ווערטערבוך (פֿגל. ה.=ד. קאַץ 1991ב).

דער ענין „פּסלען ווערטער" אין ווערטערבוך איז אָבער אַ היפּשער פּגם. נאָך פֿאַרן צוקומען צו די ווערטער גופֿא דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויפֿן גרויסן חידוש, אַזאַ גאון ווי אוריאל ווײַנרײַך זאָל פּסלען אמתע ווערטער וואָס זײַנען אַזוי אָנגענומען סײַ אין גערעדטן ייִדיש, סײַ אין דער ליטעראַרישער שפּראַך. די מיסטעריע ווערט נאָך גרעסער אַז מ'נעמט אין באַטראַכט אַז אוריאל ווײַנרײַך אַליין האָט אַ גאַנץ לעבן בכלל ניט געשריבן „יענעם ייִדיש" וואָס אין ווערטערבוך. אַז ער האָט גערעדט וועגן אַ 'שטאַנדפּונקט' האָט ער עס אָנגערופֿן: שטאַנדפּונקט (א. ווײַנרײַך 1960א: 50, 53). און אַז ער האָט געוואָלט אויסדריקן דעם באַגריף 'דאַנקבאַר' האָט ער געשריבן: דאַנקבאַר (1960ב: 86). וואָס נאָך דאַרף מען אַז אין זײַן אייגענעם „אַ וואָרט פֿריער" אין ווערטערבוך *גופֿא* נוצט ער אויפֿריכטיק (ז. ט), וואָס ווערט אין ווערטערבוך באַצייכנט מיט אַ גרויסן שוואַרצן ●.

נמצא אַז אוריאל ווײַנרײַך האָט אָנגענומען די קריטיק וואָס שעכטער האָט אויסגעדריקט אין פֿריערדיקע יאָרן צו זײַן, ווײַנרײַכס, ייִדיש. אַז אוריאל ווײַנרײַך האָט צוגעגרייט דעם ייִדישן חלק פֿון ווערטערבוך פֿון די זיבן וועלט שפּראַכן פֿאַר דער ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ, האָט אים שעכטער אַטאַקירט אַלמאַי ער האָט דעמאָלט, סוף פֿופֿציקער יאָרן, אַרײַנגענומען אַזעלכע „דײַטשמעריזמען" ווי אָנשליסן זיך, באַזיגן, באַהערשן, בײַשפּיל, ענלעך, צאָלרײַך, צופֿאַל, קינדהייט (שעכטער 1959: 104). שעכטער האָט אים נאָך אויסגעזידלט אַלמאַי ס'איז דאָ אין ווערטערבוך צײַט=פֿאַרטרײַב:

> איי, די דײַטשן נוצן Zeitvertreib ? ווילן מיר דאָך טאַקע רעדן ייִדיש און ניט דײַטשיש!

(שעכטער 1959: 104-105)

בײַם סאַמע סוף פֿון זײַן לעבן, אינעם ענגליש=ייִדישן ייִדיש=ענגלישן ווערטערבוך, האָט אוריאל ווײַנרײַך אָבער אַפֿנים גאָר אָנגענומען שעכטערס שפּראַך חוש, און אינעם „וואָרט פֿריער" האָט ער באַמערקט אַז „מער ווי וועלכער עס איז אַנדער פֿאַקטאָר האָט די מוסר=נפֿשדיקע, בקיאותדיקע מיטהילף פֿון פּראָפֿעסאָר מרדכי שעכטערן פֿאַרזיכערט, אַז אין ווערטערבוך זאָל זיך אָפּשפּיגלען דער בעסטער מאָדערנער באַנוץ" (א. ווײַנרײַך 1968: י). נעמענדיק אין באַטראַכט: ערשטנס, אַז אוריאל ווײַנרײַך אַליין האָט זײַן גאַנץ לעבן *ניט* געהערט צו דער עקסטרעמער „וואָס ווײַטער פֿון דײַטש" שיטה; צווייטנס, אַז ער איז געווען שווער קראַנק בײַם סוף פֿון זײַן לעבן; און דריטנס, אַז דער ווערטערבוך איז אַרויס נאָך זײַן טויט,

בלייבן בײַ דער גאַנצער פֿראַגע פֿון אוריאלס „תשובה טאָן" אַ ריי פֿראַגע⸗צייכנס. ס'וואָלט געווען אַ ריזיקער בייטראָג צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער סטיליסטיק אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ווען סײַ בינה ווײַנרײַך סײַ מרדכי שעכטער זאָלן אָנשרײַבן אַ קאַפּיטל זכרונות וועגן דעם גאַנצן ענין, עם אויפֿצוקלערן פֿאַר דער געשיכטע.

אָט איז אַ רשימה פֿון ווערטער, וואָס ווערן „געפּסלט" אין אוריאל ווײַנרײַכס ווערטערבוך, אָדער מיט ● אָדער מיט אַ ▼. מיר האַלטן זיי פֿאַר גוטע יידישע ווערטער, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע יידישע ווערטער; פּונקט ווי בײַ אַנדערע ווערטער, זײַנען דאָ אַזעלכע וואָס פּאַסן זיך בעסער צו געוויסע סטילן.

אָבערגלויבן. אויגנבליק. אויסברוך. אויסבילדונג. אויסדריקן. אויסוואַל. אויסווײַלן. אויסזיכט. אויסנאַם. אויסער. אויסער דעם. אויסערלעך. אויסערן⸗. אויספּירלעך. אויסשפּראַך. אויפֿגאַבע. אויפֿגעבן. אויפֿגערעגט. אויפֿמערקזאַם. אויפֿמערקזאַמקייט. אויפֿריכטיק. אויפֿריכטיקייט. אויפֿרעגונג. אויפֿרעגן זיך. אומבאַדינגט. אומבאַזיגלעך. אומגאַנג⸗שפּראַך. אומגליק⸗פֿאַל. אומגעפֿער. אומגערן. אומדאַנקבאַר. אומדערהערט. אומזין. אומענדלעך. אומענדלעכקייט. אומפּאַראַנטוואָרטלעך. אומפֿאַרשטענדלעך. אומשטערבלעך. אומשטערבלעכקייט. אונטערבאַוואוסטזיין. אונטערבאַוואוסטזיניק. אונטערדריקונג. אונטערדריקן. אונטערדריקער. אונטערזוכונג. אונטערזוכן. אור⸗. אוראַלט. איבונגען. איבעראַל. איבערראַשונג. איבערראַשן. אויבערפֿלעכלעך. אײַנאַרטיק. אײַננטלעך. אײַנשאַפֿט. אײַנגיין (‘נאָכגעבן'). אײַנגעשלאָסן. אײַנדרוק. אײַנזאַם. אײַנזאַמקייט. אײַניקע. אײַנלאַדונג. אײַנלאַדן. אײַנפֿאַך. אײַנפֿלוס. אײַנפֿלוסרײַך.

אײַנקלאַנג. אין אַלגעמיין. אינערלעך. אַלזאָ. אַלטערטום. אַלס. אַם. אָנגעהעריקייט. אַנונג. אַנטדעקונג. אַנטדעקן. אַנטציקן. אַנטמוטיקן. אַנטשולדיקן (זיך). אָנשטענדיק. אָנשטענדיקייט. אָנשליסן זיך. אַרבעטזאַם. אַרויפֿצווינגען. אַרט.

באַאײַנפֿלוסן. באַגיין. באַגרײַפֿן. באַדײַטונג. באַדײַטן. באַדינגונג. באַהערשן. באַזוך. באַזוכן. באַזוכער. באַזיגן. באַזיץ. באַזיצן. באַזיצער. באַטאָנען. באַלאַנגען. באַערן. באַצווינגען. באַרירן. באַשטאַנדטייל. באַשלוס. ביטע. בײַלאַגע. בײַשפּיל. בילדן. בינע. בירגער⸗קריג. בלײַפֿענדל. בלײַפֿעדער. ברויכן. ברוכטייל. ברוכצאָל.

גאָטלאָז. גוטהייסן. גיפֿט. גיפֿטיק. גלאָררײַך. גלײַכבאַרעכטיקט. גלײַכגעוויכט. גלײַכצײַטיק. געבורטסטאָג. געביט. געבער⸗מוטער. געברויך. געברויכן. געהאַלט. געהיים. געוואַגט. געוואויִנהייט. געלונגען. געפֿאַר. געריכטלעך. גערן. גראַדע. גרויזאַם. גרינדונג. גרינדן. גרינדער. גרינטלעך.

דאַן. דאַנקבאַר. דאַנבאַרקייט. דאָפּלט. דורכזיכטיק. דורשט. דיכטונג. דערוואַרטונג. דערוואַרטן. דערווײַלן. דערלײַדיקן. דערמאָרדונג. דערמאָרדן. דערמוטיקונג. דערמוטיקן. דערמעגלעכן. דערנידעריקונג. דערנידעריקן. דערנערונג. דערנערן. דערפֿאָלג. דערפֿאַרונג. דערפֿאַרן. דערפֿינדונג. דערשטוינונג. דערשטוינט. דערשטוינען. דערשיטערונג. דערשיטערן. דערשײַנונג. דערשײַנען. דרוקפֿעלער.

האַנדלונג. האַנדלען (‘אויפֿפֿירן זיך'). האַנדלען זיך. האַנטשריפֿט. האַס. האַסן. האַפֿן. האָפֿענונגסלאָז. היימלאָז. הײַנט צו טאָג. הילפֿלאָז. הילפֿס⸗. הערכסט (‘זייער'). העפֿלעך. העפֿלעך. העפֿלעכקייט. הערשאַפֿט. הערשן.

וואַגן. וואַרע. וואונטש. ווידמונג. ווידמען. ווידערדערווײַלונג. ווידערשטאַנד. ווײַטזיכטיק. ווירקלעכקייט. וועכנטלעך. ווערטפֿול.

זאָרגלאָז. זיג. זינרייך. זיגן. זיגער. זילב. זין (׳זינען׳). זעלבסטמאָרד. זעלבסטמערדער. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך.

טאָפּלפּונקט. טויפונג. טויפן. טעטיק. טעטיקייט.

יידנטום. יעדנפֿאַלס.

לאַגע. =לאָז. לאַנדווירטשאַפֿט. לאַסט=אויטאָ. לויערן. לייד טאָן. לייזונג. לייזן. לייכטזיניק. לייכטזיניקייט. לעכערלעך.

מאַן (׳מאַנסביל׳). מאַסשטאַב. מאָרדן. מוט. מוטיק. מיטלמעסיק. מיספֿאַרשטענדעניש (עס שטייט נאָר: מיספֿאַרשטייעניש). מעסיק. מעסיקייט. מערהייט. מערץ.

נאָכפֿאָלגן. נאָכפֿאָלגער. נאָכפֿאָלגערשאַפֿט. נידערטרעכטיק. נייגונג. ניצלעך.

עגיפּטיש. עגיפּטן. עטוואָס. ענד. ענדגילטיק. ענדערונג. ענדערן. עקל. עקלהאַפֿט (עס שטייט: עקלדיק). עקלען.

פּרעכטיק.

פֿאָלקסטימלעך. פֿאָלקסטימלעכקייט. פֿאַראַכטונג. פֿאַראַכטן. פֿאַראַנטוואָרטלעך. פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. פֿאַרבאָט. פֿאַרבאָטן. פֿאַרגאַנגענהייט. פֿאָרגייער. פֿאַרגיפֿטונג. פֿאַרדאַכט. פֿאַרדאַמען. פֿאַרדעכטיק. פֿאַרהעלטעניש. פֿאָרוואָרט. פֿאַרוואונדן. פֿאָרוואָרף. פֿאַרוויסטונג. פֿאַרוויסטן. פֿאַרווירקלעכן. פֿאָרזיכטיק. פֿאַרלויף. פֿאַרלוסט. פֿאָרם. פֿאַרנאַכלעסיקן. פֿאַרניכטן. פֿאַרענדערונג. פֿאַרענדערן. פֿאַרעפֿנטלעכן. פֿאַרפֿאָלגונג. פֿאַרפֿאָלגן. פֿאַרפֿליכטונג. פֿאַרפֿליכטן. פֿאָרקומען. פֿאַרראַטן. פֿאַררעטער. פֿאַררעטעריש. פֿאַרשווינדן. פֿאָרשלאָגן. פֿייערן. פֿלאַנץ. פֿלאַנצן. פֿליכט. פֿליסן. פּריצייטיק.

צאָלרייך. צווייטיק. צווייפֿל. צווייפֿלען. צוועקמעסיק. צוזאַמענהאַנג. צויבער. צוקונפֿט. צוקונפֿטיק. צוריקגעהאַלטן. צוריקגעהאַלטנקייט. צושטאַנד. ציגאַרעט. צייטווייליק.

קונד. קורצזיכטיק. קייסערלעך. קין. קינדהייט. קירך.

קירכלעך. קלעטערן. קעגנזאַין. קעגנזייטיק. קעגנזייטיקייט. קעלנער. קריין. קרייצונג. קרייצצוג. קריסטנטום. קרעפֿטיק.

רוים. רונד. רייזע. רייף. רעדאַגירן. רעטונג. רעטער.

שאַנדע. שוואַנגערן. שוואַנגערשאַפֿט. שוואונג. שוישפּיל. שוישפּילער. שול=וועזן. שוץ. שטאַנדפּונקט. שטאָק. שטוינונג. שטוינען. שטוינענדיק. שטייגן. שטילשטאַנד. שילדערונג. שילדערן. שילער. שלאָפֿלאָז. שלאָפֿלאָזיקייט. שראַנק. שריט. שריפֿטשטעלער.

אַנדערע „געפֿסלטע ווערטער״ זיינען היינט אַרכעאיש געוואָרן און וואָלטן געדאַרפֿט סטיליסטיש באַצייכנט ווערן אַלס ווערטער וואָס זיינען געווען פּאָפּולער אין דער פּרעסע און אין די פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס (גענאָסע, ווידערהאָלן, פֿילייכט). נאָך אַ גרופּע טרעפֿט מען אין ניט=ליטעראַרישן יידיש (דענקען ׳מיינען׳, טאַנטע, שטונדע). אַכלל: די „געפֿסלטע ווערטער״, פּונקט ווי אַלע יידישע ווערטער, שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ גאַנצע ריי סטילן. אָנווייזן אויף סטיליסטישע אייגנשאַפֿטן, מהיכא תיתי. נעמען און פֿסלען סתם צוליב היסטאָרישן יחוס איז אָבער קיין גאַנג ניט.

ס׳האָבן דאָס וואָרט די שרייבער

וויל מען זיך דערגרונטעווען צו אַ פּערספּעקטיוו, דאַרף מען שטעלן אָט וועלכע קשיא: וואָס פֿאַראַ פּנים וואָלט עס האָבן ווען העברעאישע פּוריסטן, אַשטייגער, וואָלטן וועלן

אַרויסוואַרפֿן פֿון דער ליטעראַרישער העברעאישער שפּראַך ווערטער וואָס זײַנען באַליבט בײַ ביאַליק און עגנון, און פֿאַרבאָטן יונגע שרײַבער זיי צו נוצן? אָדער, לאָמיר אָנכאַפּן, אַז אַ גרופּע ענגלישע נאָרמאַטיוויסטן וואָלטן געקעמפֿט קעגן די ווערטער פֿון העמינגווײ און אָרוועל? אין סאַמע בעסטן פֿאַל, וואָלט דאָס געווען אַ גרופּע נישקשהדיקע עקסצענטריקער, וואָס קהל איז צופֿרידן וואָס דעם ירגזון מיט די מאַכט־קאָמפּלעקסן לאָזט מען גאָט־צו־דאַנקען אויס צו די ווערטער — על העצים ועל האבנים — און ניט צו די בני עיר.

און בײַ אונדז? אונדזערע פּוריסטן האָבן אויפֿגעבויט מעכטיקע קאַרטאָטעקן מיט וועלכע זיי באַווײַזן אַז די ווערטער וואָס זײַנען בײַ זיי באַליבט (נעאָלאָגיזמען, דיאַלעקטיזמען, אַרכעאיזמען) האָט עמעצער שוין גענוצט, זאָל זײַן — אין טייל פֿאַלן — זיי אַליין אָדער שרײַבער אויף וועלכע זיי האָבן געדריקט מיט בריוו, קאָמיסיעס, קאָמיטעטן, ליגעס און כיבודים (פֿגל. סדן 1979ב: 257). היות ווי קיינער לייקנט ניט אַז מ׳קען ערגעץ געפֿינען אויך יענע ווערטער, האָט מען דערמיט באַוויזן אַז: וואַסער איז נאַס. קאַרטאָטעקן ווערן אַ וויסנשאַפֿטלעכער מכשיר בלויז דעמאָלט ווען זיי ווערן באַנוצט אָביעקטיוו, ד.ה. אויף צו ווײַזן ביידע זײַטן פֿון אַ מטבע, ניט ווי פּראָפּאַגאַנדע מיטלען אויף פּוריסטישער טענדענציעזקייט.

די פֿראַגע דאַרף מען שטעלן פֿאַרקערט: פֿאַרוואָס זשע דערציילן אונדז ניט די קאַרטאָטעקן וועגן דעם אַלעמען וואָס מען „פּסלט"? צי ווערן די „דײַטשמעריזמען" באַנוצט אָדער ניט באַנוצט דורך די גרויסע ייִדישע שרײַבער פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט? בײַ אַ פֿראַגע איבער אַ וואָרט,

צי איז עס אַ ליטעראַריש וואָרט, ד. ה. אַ וואָרט וואָס איז צוגעפּאַסט צו אונדזער ליטעראַרישער שפּראַך, האָט ניט קיין שום שייכות אויפֿצואווײַזן אַז אַנדערע ווערטער זײַנען אויך בנמצא. ס׳האָט אויך ווייניק שייכות מיט סטאַטיס־טיק. סטאַטיסטיק איז אויפֿן אָרט בײַ אַ שטודיע וועגן דער פֿאַלנדיקער אָדער דער שטײַגנדיקער פּאָפּולערקייט פֿון אַזאַ און אַזאַ וואָרט, ניט בײַ דער פֿראַגע, צי מעג מען אַ וואָרט נוצן אין אונדזער ליטעראַטור שפּראַך, צי ניט. בײַ ענינים פֿון מותר און אסור, קען אַ פּסק נאָר אָננעמען צוויי פּנימער: כשר און טרייף.

וואו נאָר מ׳עפֿנט אַ בוך פֿון די מייסטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, געפֿינט מען בארבע כנפות הדף — די „ווערטער אין חרם".

אָפּאַטאָשו: „נישט געוואָלט אויף זיך ציען די אויפֿמערקזאַמקייט"; „איר פֿאַרגאַנגענהייט וויקלט זיך פֿאַנאַנדער" (1927: 81, 95).

באָריישאָ: „שונא מײַנער, פֿײַניקער, פֿאַררעטער — וואָרט. \ העלפֿער מײַנער, אויסלייזער און רעטער — וואָרט" (1929: 380).

באַשעוויס: „וואָס רופֿט אַרויס דעם נאָגנדיקן טרויער, דעם פֿאַרלאַנג צו זעלבסטמאָרד, די לאַנגווײַל, די גלײַכגילטיקייט צו דער משפּחה, די כראָנישע קריגערייען מיט הדסהן, וואָס נעמען אָן דעם כאַראַקטער פֿון אַ משוגעת?"; „כ׳בין דער גרינדער פֿון אַ געזעלשאַפֿט צו פֿאָרשן מעטאַפֿיזישע דערשײַנונגען" (1950: II, 643, 629).

בערגעלסאָן: „זי האָט באַדאַרפֿט עפּעס טאָן, כדי צו באַפֿרײַען זיך פֿון איר איצטיקער לאַגע, און האָט נישט

געוואוסט וואָס"; „אין משך פֿון דער גאַנצער אַכצן־שעהדיקער באַן־רייזע האָט זי זיך געפֿילט אַזוי גרינג און פֿריש, גלייך ווי פֿיל פֿון אירע אַמאָליקע און איצטיקע האָפֿענונגען הענגען אָפּ דווקא אָן דער נסיעה, און גלייך ווי פֿון איצט אָן הייבט זי אָן צו לעבן פֿונסנײַ, לחלוטין פֿונסנײַ". (1923: 19, 73).

גלאַטשטיין: „אַן אַלטער, דאַרער בוים, אַן איינזאַמער, / אויף מיילן און מיילן, / שטייט איבערן קוואַלכל געבויגן / און ווײַנט זײַנע בלעטער אין שוואַרצן קוואַלכעל אַרײַן"; „דער אייבער־האַר האָט מיט דעם הימל־בלוי / די גאַנצע ערד אַרומגערינגלט / און ניטאָ קיין רעטונג" (1920: 51, 61).

גראַדע: „בית־יוסף האָט זיך ברייט ביים רב אין שטוב צעלייגט, / ווי די לװיים רונד אַרום דעם אוהל מועד"; „ס'פֿאַרמאָגט דער יצר־הרע שמד־שטיק די והותר. / אַ ביסל גאווה, זאָגט ער, איז ניט קיין געפֿאַר, / ביז ס'ווערט פֿון קליינעם שד אַן אַשמדאַי אַ גרויסער" (1977: 6, 7).

גרינשפּאַן: „עס שפּרייטן פֿעלדער זייער אויפֿגע־פֿראַלטע רייפֿקייט / קעגן פֿרילינגדיקער זון / און בענקען נאָך פֿאַרזייאונג"; „איצט — / אויף אַ נאַקעטן פֿעלז / ווי אויף אַ גיגאַנטישן צאָן / פֿון אַ פֿאַנטאַסטישער, גרויזאַמער חיה, / וואָס שפּיצט זיך מיט רוגזא אַרויף צו דער זון, / וואָס איז שטעקן געבליבן אינמיטן צעפֿריעטן הימל" (1931: 11, 34).

דילאָן: „דאָך ווערסטו געלײַטערט און ס'לויכט דײַן געזיכט, / ווײַל אין דיר זינגט די ווײַט און רופֿט ווי אַ פֿלייט. / נאָר דו וועסט ניט וויסן, ווי ווײַט זי פֿאַרגייט, / און אַלץ אין דער ווײַט פֿאַרשווינדט און צעקריכט"; „נאָר עס ווײַט

אַזויפֿיל פֿרייד פֿון יעדן פֿלאַנץ און בלימל, / און פֿון יעדן ווערעמל, וואָס אָטעמט קוים, / עס איז ברייט די ערד, אומענדלעך איז דער הימל, / נאָר איך בין נאָך אומענדלעכער מיט מײַן וואונדער, מיט מײַן טרוים" [נ.ב. דער לעצטער ציטאַט איז פֿון דילאָנס לעצט ליד, „פֿאַרוואָס?", וואָס מעינקע קאַץ האָט אָפּגעשריבן פֿון זײַן מויל בײַ זײַן טויטנבעט, אָנהייב אָקטאָבער 1934] (1935: 91, 92).

משה־לייב האַלפּערן: „נאָר דער לענדלאָרד בײַנאַכט, דער אָרעמער מאַן, / חלומט פֿון רויטע בערן. / ער זעט אַ געשפּענסט אין אַ רויטן טורבאַן — / מיט די בערן אין אַ פֿײַערגעשפּאַן — / און ער קען ניט אַנטשלאָפֿן ווערן" (1934: 45).

הירשביין: „זאָל די וועלט אַפֿילו פֿון דעם קיין אַנונג נישט האָבן, אָבער ער ווייסט דאָך, אַז זײַן מהות ווערט אָנגעקוואָלן"; „אַפֿילו זי באַגרײַפֿט שוין אויך, אַז אַ רעוואָלוציע איז נישט קיין מלחמה" (1930: 91).

לייוויק: „מיך עקלט פֿון מײַן לײַב, / פֿון מײַנע אויגן די פֿאַרגלעזערטע, / און פֿון מײַן שטום־לשון דעם פֿינצטערן"; „דײַן גאַנץ לעבן איז נאָר איין דערוואַרטונג / אויף יענע רגעס, ווען דו ווערסט מיר נייטיק" (1922: 132, 168).

לעיעלעס: „דײַטשער מאָרד־מבול, וועזואוויזן טעװטאָנישער טעראָר; / רוסלאַנדס אוראַכזריותן, מיט נייסטן רוזש פֿאַררונדיקט"; „ווי דאָס לעבן — אָט אַזאַ דער לויף פֿון דעם, וואָס כ'שילדער: / דאָ אַ נעענטערער אַרײַנ־קוק, דאָרט אַ ווײַסער בליק; / פֿינצטערע פֿאַרדראָסן, ליכט פֿון מענטשלעכקייט פֿון מילדער" (1962: 76, 77).

מאָלאָדאָווסקי: „הערן פעלדער אויפמערקזאַם זיך צו צו מיינע רייד \ און ענטפערן מיט שטילקייט און מיט דורכזיכטיקן רוים, \ קומען מיינע ווערטער צוריק צו מיר צו פליען \ און פאַלן צו, ווי זומערפייגעלעך צום קלייד" (1927: 209).

מאַני לייב: „שפּעט ביינאַכט אין שוואַרצע האָלן זעט מען יונגע מיידלעך לויערן, \ קומען איינציקווייז און פּאָרווייז יונגע „טאַפּים" שטיל אַהין, \ טרינקט מען „וויסקי" מען צעברענט זיך, מען פאַרגעסט אין לעבן טרויערן, \ קליידלעך פלאַטערן, בריסטלעך ברענען, ליפּן זויגן אָן אַ זין"; „וואָלט ער כאָטש געהאַט ציגאַרעטלעך, \ וואָלט ער איצט גערייכערט זיי שנעל — עס ברענט איצט אין פלאַמען דער וואַסער, \ דער הימל שיסט ליכט־שטראַלן העל" (1937: 9).

מאַרקיש: „דער פאַרוואונדעטער איז געלעגן אָן באַוואוסטזיין"; „פאַסטעכער ווערן ביי אונדז גרויסע גע־לערנטע, דערפינדער, און זיי מאַכן באַרימט אונדזער פאָלק און אונדזער לאַנד אויף דער גאַנצער וועלט" (1939: 20, 98).

נסתר: „מיר וועלן נאָר זאָגן, אַז אַפילו גאָר פאַר אַ גרויסן דאָקטער וואָלט אָט די ענדערונג, ווען ער זעט זי, געווען אַ רעטעניש"; „און ערשט דאָ האָט משה געפאָלגט דעם ברודערס איינלאַדונג זיך צוזעצן און צו דערציילן דאָס, וואָס ביי אים קומט פאָר די לעצטע צייט אין געשעפט" (1939: 318, 359).

אברהם־משה פוקס: „ס'איז געווען קאַלט און אומהיימלעך אין זיינע ד' אמות"; „האָט זיך עפּעס אַ פרעמדער מאַן אַנידערגעזעצט לעבן מיר אויף דער באַנק" (1961: 19, 37).

פּעפּער: „אַזוי פּשוט און געוויינלעך, \ אַזוי מאָדנע — אומפאַרשטענדלעך, \ ס'זיצט דיין טאַטע ביי דיין וויגל, \ און זיין ניגון איז אומענדלעך"; „זאָגסט מיר, איך בין די פּרינצעסין \ פון די קרומע געסלעך, \ נאָר דו קאָנסט מיך לייכט פאַרגעסן, — \ דאָס איז פּשוט העסלעך, \ נאָר אַזאַ מין ליבע ליב איך, \ וואָס איז אומפאַרגעסלעך" (1948: 17, 194).

ראַוויטש: „צייט צו פאַרשטיין זיך — דו ביסט אוראַלט. איך אויך נישט מער יונג, \ און צייט שוין צו טאָן אַן ערנסטן רעד"; „דיין פּנים בייט זיך, ווי דאָס הייליקע פּנים פון אַ מענטש, \ האָסט פאַרבאָטן עס דערפאַר צו קריצן אין שטיין, \ און אַזוי ווי עס בייט זיך אייביק דיין פּנים, \ דאַרף אַזוי דיין וואָרט אויך זיין" (1939: 225, 226).

רייזען: „איך, יאָ, איך געטרוי אייך. אָבער איך טאָר עס נישט... — ענטפערט ער געשעפטסמעסיק — עס מוז איינגעשריבן ווערן אין די ביכער, מוז מען געבן מזומנים... איך בין פאַראַנטוואָרטלעך" (1926: 793).

ל. שאַפּיראָ: „אַ פּאָר בלויע אייגעלעך האָבן זיך אַן עפן געטאָן גלייך אַרויף, צו דער בלויער און שווינדלדיק־ווייטער אומענדלעכקייט, און פונעם מיילעכל וואָס איז געווען קליין און בלוטיק ווי אַ שניט אין אַ ווייַנשל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ דין, אויסגעצויגן געשריי — הילפלאָז, רחמנותדיק, מיזעראַבל, ווי דער פּישטש פון אַ קראַנק אָדער הונגעריק פייגעלע. ביי טאָני'ן זענען די אויגן געוואָרן גרויס ווי צוויי רייפע פלוימען" (1935: 335).

שומיאַטשער: „הילפלאָז אויף רוקן געלעגן מיט מאַכטלאָזע הענט \ ווען טעג האָבן אין פריי פונעם סטעפּ געברענט. \ געבוירן אַן עופהלע גרינג ווי אַ שפּריי. \ חלום

צערונען אין ערשטן געשריי"; „בינד מיינע שעהן אָן פּלוך, אָן פֿאָרוואורף — \ זיי מיר דער פייער וואָס צערט, וואָס ברענט, \ ווענד אָפּ דעם טראָט, וואָס סמט און פאַרבלענדט" (1927: 169).

ש ט אָ ל צ ע נ ב ע ר ג: „ער איז געווען אַן איינזאַמער מאַן, \ שטאָלץ און צוריקגעצויגן. \ אין ענגן צימער די גרייס פיר שפּאַן, \ האָט ער געשפּאַנט פון דער שוועל צו דער וואַנט, \ און קיינמאָל ניט אַריבערגעשפּאַנט, \ מיט פייער דאָס אָנגעצייכנטע ראָד"; „עס שמעקט דאָס מויל, און פון די ווינקלען \ אַ שטראָם פון ליבשאַפט לויפט האַלב רונד. \ די ציין אין האַלבן שמייכל פינקלען, \ די ליפּן ברענען ווי אַ רויטע וואונד" (1941: 65, 82).

ש נ י א ו ר: „די לעצטע ווערטער האָט ער, מיט געשלאָסענע אויגן, האַלב געמורמלט צו זיך אַליין. און סאָלאַנש, אַנטוישט פון זיין גלייכגילטיקייט צו דער, וועלכע האָט אים ביז אַהער אַזוי טריי געדינט, אַזוי געוויסנהאַפטיק אַרויסגעהאָלפן אין דער אַרבעט, האָט זיך גיך גענומען אָנטאָן. ער האָט אויף איר איצט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שיכורן . . . באַטרונקען איז ער פון זיין געלונגענער אַרבעט. ער זעט מער קיינעם ניט אַרום זיך און וויל קיינעם ניט זען. בעסער איז איצט אינגאַנצן פאַרשווינדן, איבערלאָזן אים איינעם אַליין" (1948: 128).

כדי ס'זאָל קלאָר זיין, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט אין ווערטער וואָס מ'האָט „דעמאָלט" גענוצט און וואָס זיינען היינט „אַראָפּ", איז כדאַי כאַפּן אַ קוק צי די ווערטער אין חרם טרעפט מען ביי אונדזערע ה י י נ ט י ק ע בעלעטריסטן.

א י י ז נ מ אַ ן: „ס'האָט אים פאַרדראָסן די גרינגשעצונג. מען האָט געקענט מיינען פון מי יודע וואָס פאַראַ אַדללייט זיי שטאַמען"; „דאָס אָבער ענדערט ניט דעם פאַקט, אַז קיינער פון די הויכגעשעצטע תושבים פונעם שרייבטיש, קאָן אים ניט פאַרטרעטן אין די אַלע זאַכן וואָס זענען שייך צום טאָגטעגלעכן לעבן" (1992: 113, 114).

ב י ר ש ט י י ן: „יעדעס יאָר איז ד.ד.'ס געבורטסטאָג געווען ביי אים אַ תענית"; „דאָרע לעווענסאָן האָט געהאַט אַ שיינע קאַליגראַפישע האַנטשריפט און אַליין איז זי געווען אַ מיאוס מיידל" (בירשטיין 1991: 191, 196).

ב ע ר ג ע ר: „פון שטענדיק אָן, נאָך פון דער קינדהייט, האָט זי ליב געהאַט צו לייענען אין בעט, בפרט נאָך ווען דער דרויסן דערמוטיקט נישט אויפצושטיין" (1991: 24).

װ אָ ר ז אָ ג ע ר: „מיט מאָדנער, אומפאַרשטענדלעכער פאַרריסנקייט און נסתרער גאווה, קולטיווירן זיי זייער פרימיטיוו — אַן איינגאַרט פון די ווייטע, מיטלאַזיאַטישע מזרח פעלקער" (1992: 121).

װ י י ז ע ל: „מיר זענען געלעגן איינער לעבן צווייטן און די קערפּערס אונדזערע האָבן זיך אָנגעפילט מיט דערוואַרטונג"; „איך האָב געפילט אַז איך לעב און אַז ס'איז פאַראַן אַ מאָרגן, אַז צוויי מענטשן קענען לעבן נאָענט איינער לעבן אַנדערן און ליב האָבן די נאָענטקייט, אַז מ'קען אויסברעכן אַ טיר אין דער איינזאַמקייט פון מענטשן, און אַז איטלעכער מענטש קען מיט זיין לעבן אָנצינדן דעם פונק וואָס ווערט צומאָל פאַרלאָשן אין אַן אַנדער מענטש, וואָס דאָס לעבן איז אים נמאס געוואָרן" (1990: 25).

ח ר ץ: „דעם אייגנאַרטיקן פאַרשוין, \ וואָס טאָג ווי נאַכט דו ביסט פאַרטראַכט \ און פילסט די משא פון אַ

קרוין \ אויף זיך, פֿאַר קיינעם נישט געדאַכט"; „און פֿון בויבעריק צוריק \ מיט אַ לופֿטבאַלאָן, \ נאָך דעם אין איין אויגנבליק \ אין אַ פֿאַעטאָן" (1992: 32, 59).

טעלעסין: „נאָכדעם איז פֿון יעדער איי \ ווי פֿון האַרטע ווינדעלעך \ אַרויסגעקראָכן כלעריי \ פּיצעמאָנצע הינדעלעך — \ טונקעלע און העלינקע, \ נאָר די מערהייט געלינקע"; „די איינגעשפּאַרטערע פֿון זיי, \ אויך דעמאָלט ווען די ווינטן שטייגן, \ זיך האַלטן ביזן סאַמע שניי \ אויף די פֿאַרשטאַרטע הוילע צווייגן" (1992: 26, 37).

לעמפּעל: „ווען איך האָב אים ענדלעך אַ פֿרעג געטאָן, האָט ער מיך אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט געווען חסר־דעה"; „צו אָט דעם בילד דאַרף מען קומען אָנגעגורט מיט דערפֿאַרונג, מיט וויסן, דער עיקר מיט אינטואיציע" (1991: 164).

מאַש: „אומעטום האָט ער געהאַט באַגלייטערס, סיי אין שפּאָר־קאַסע אַרויסצונעמען דאָס געלט זיינס, סיי אין די געשעפֿטן כדי איינצוקויפֿן ווערטפֿולע זאַכן אויף מיט־צונעמען"; „צעברעכט מיך ניט אויף דער עלטער, נעמט נישט צו ביי מיר מיינע געוואוינהייטן, מיינע חברים, מיינע אַלטע גוטע־פֿריינט" (1992: 16, 18).

סאַנדלער: „וואָס פֿלעגט אים, אַ קראַנקן, מידן מענטשן, צווינגען יעדן טאָג אַרומטאָפּקען איבער די פֿאַר־בלאָטיקטע בעלצער גאַסן און ליקלעך, באַזוכן איין שטוב נאָך אַן אַנדערער און ערשט פֿאַרנאַכט זיך אומקערן אַהיים?"; „פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ זיינען בלויז מיינע ערשטע איינדרוקן — ניט מער" (1986: 36; 122).

סוצקעווער: „פֿון זינט מ'האָט אין לאַנד אויסגע־רופֿן אַ טויטאורטייל אויפֿן פּאַפּיראָס, ווייל זיין רויך, האָט

מען זיך געכאַפּט, האַלט אין טייטן אומשולדיקע מענטשן, איז די קאַפּעטעריע מלכּא ביים ים־ברעג, וואו כ'האָב ליב זיך צו פֿאַרווינקלען און לייענען פּנימער, אויסגערייכערט געוואָרן פֿון אירע שטענדיקע רייכערערס"; „אונדזער לייבעלע האָט אויסגעגאָסן פֿאַר איר זיין האַרץ. דערציילט וואָס מיט אים און זיין כּלה נעמי איז יע און איז ניט פֿאָרגעקומען" (1990: 214, 217).

סימכאָוויטש: „דיין הילף איז כהרף־עין, \ דיין שטראָף איז גרויזאַם און לאַנג; \ דו פֿירסט מיך אַרויס פֿון אַלע \ טאָלן פֿון טויט און פֿאַרגאַנג"; „אינעם טונקלבלאָ, וואָס זיך שפּרייט \ איבערן חלל ווייט און ברייט. \ אַ שטערנלאָזע נאַכט קומט אָן, \ כמאַרעדיק, אין זיך פֿאַרטאָן" (1990: 58, 78).

עלבערג: „פֿאָרוואָס האָט ער זי געלאָזט אַנטלויפֿן? אַריין און באַלד פֿאַרשוואונדן מיטן געלט"; „דער צימער איז געווען אויף אַן אייבערשטן שטאָק" (1991: 88, 89).

עסטרייך: „שרייבן שרייבט ער אַ דיסערטאַציע ביזן היינטיקן טאָג. אַ מענטש דאַרף אויסקלייבן פֿאַר זיך אָט אַזאַ טעמע: 'קוואַנטיטאַטיווע אַספּעקטן פֿון אונטעררייכטן כעמיע אין דער מיטלשול'! אויב רעדן אויף אַ מענטשלעכן לשון, וויל ער וויזן, וויפֿל און וואָסערע אויפֿגאַבעס עס דאַרף לייזן אַ שילער, כּדי באַהערשן דעם אָדער יענעם מאַטעריאַל" (1988: 37).

פֿיין: „בען האָט ווי יעדער פּליט געטראָגן אין זיך אַ פֿאַרטיליקטע וועלט. פֿאַרלוסט איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פֿון זיין לעבן. און ר'האָט געוואָלט אין דער גרויסער, צענטראַלער וועלט שטאָט, אויפֿשטעלן אַ מאָנומענט צו דער דאָזיקער דערפֿאַרונג" (1992: 79).

פ ע ל ז ע נ ב אַ ו ם: „איז ווי צו מיינע יאָרן, \ וואָס ס׳וועט זיך טאָן ביינאַכט, \ ווען אָט די צוויי דערפּאַרונגלאָזע פייגל \ וועלן זיך אויפהייבן”; „אַלע דיינע וואַכע נעכט \ אַלע דיינע טרייסטלאָזע טרערן, \ יעדער טראָפּ פון דיין בלוט, — \ דאָס אַלץ \ איז איינגעזאַפּט אין דעם פאַרמעט” (1992: 43, 74).

צ אַ נ י ן: „האָט דער טאַטע געענטפערט, אַז דאָס וואָס איך פרעג איז צווישן די מילי־מיליאַסן סודות וואָס ער אין הימל האָט מגלה געווען בלויז פאַר דעם תנא רבי שמעון בר יוחאי. אַז איך וועל רייף ווערן און מעגן עוסק זיין אין די קבלה ספרים, וועל איך, ווי ער, מיין טאַטע, העלפן דערגיין אויך דעם סוד פון פליגל פאַר פייגל און נישט פאַרן מענטש, וואָס ער האָט באַשאַפן אין זיין געשטאַלט”; „צום סוף בין איך געקומען צום אויספיר, אַז דער פסיכאָלאָג גופא איז אַ פּאַציענט פאַר אַן אַנדער פסיכאָלאָג. איך האָב נישט געהאַט קיין אונטערדריקטן אונטערבאַוואוסטזיין” (1992: 20, 22).

קאַ ר פּ י נ אָ ו ו י ט ש: „דער שוישפּילער אייזיק סאַמ־בערג, פון די ווירדיקסטע אַקטיאָרן אויף דער יידישער בינע צווישן ביידע וועלט מלחמות, איז קראַנק געוואָרן. געשפּילט האָט ער אין דער ראָל פון משולח, אין אַנסקיס „דיבוק”. אין די דרייסיקער יאָרן, אין פּוילן, איז אָט די פאָרשטעלונג געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג” (1991: 257).

ק ע ר ל ע ר: „און בלויז די פוריעס, די ניט גוטע \ האָבן נאָכגעלאַכט \ הינטער די פּלייצעס פון אַנטלויפנדיקע \ רוצחים און פאַררעטער”; „אַזוי ווי דעם זאָמען — די ערד, \ געכאָוועט־האָב איך אויפן שלאַכטפעלד \ דעם טרוים איך זאָל קומען אַהער \ פון בלוטיקע הימלאָזע שליאַכן” (1992: 53, 55).

ש ע כ ט מ אַ ן: „זי איז, הייסט עס, אַרעסטירט געוואָרן, כדי אַ סוף מאַכן צו איר קאָנטערעוואָלוציאָנערער טראָצקיסטישער שפּיאָנישער טעטיקייט — ניט מער און ניט ווייניקער!”; „און פּלוצעם פאַרשווינדט דער אולי ירחם, און פאַר אירע אויגן, אויף דער טיר, דערזעט זי אַ בלוטיקן שאָטן פון אַ זקן” (1992: 27, 32).

און לסוף, עטלעכע ביישפּילן וועגן דעם וואָס עס האָבן טאַקע געזאָגט יידישע שרייבער וועגן דעם פּוריזם אין משך פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט:

אַלמי:

מאַקס ווײַנרייך האָט אַמאָל אין אַן אַרטיקל אין דער ביכער וועלט [= מ. ווײַנרייך 1922 — ה.־ד. ק.] געפּסלט אַזעלכע ווערטער ווי איבונג, קרייז א.א. אָנשטאָט קרייז הייסט ער אונדז שרייבן (און זאָגן) ראָד. נו, קענט איר זיך פאָרשטעלן ווי עס וועט קלינגען „עס האָט זיך געגרינדעט אַ געזעלשאַפטלעך ראָד”, אָדער „אַ דראַמאַטיש רעדל”? [...] די אַלע פריער אויסגערעכנטע ווערטער, וואָס זײַנען ביי ז. קלמנאָוויטשן טרייף־פּסול, זײַנען יידיש, פאַריידישט, אַסימילירט אין אונדזער לשון, און אַרויסוואַרפן זיי וואָלט געווען אַ פאַרברעך. זיי זײַנען נייטיק, ווײַל זיי באַרײַכערן אונדזער לשון און קענען דינען פאַר אַן אָפּוועקסלונג (יאָ, אָפּוועקסלונג) בעתן שרײַבן און ריידן, אָנשטאָט איבערצוקײַען עטלעכע מאָל דאָס זעלביקע וואָרט. [...] איך בין מסופק איז טאַקע יידיש; אָבער כ׳צווייפל איז נישט ווייניקער יידיש און האָט זיך זײַן אייגנאַרטיקע קאָליר און טעם.

(אַלמי 1925: 150)

ציטלין:

אַלזאָ, דאַרף מען די דערמאָנטע פּוריסטן צו וויסן טאָן, אַז דאָס וואָרט [אַלזאָ] איז יידיש שבייִדיש. אַזוי ר ע ד ן פּוילישע יידן.

(ציטלין 1938: 57)

דער רייפער ל. שאַפּיראָ, קוקנדיק שוין צוריק אויף די פאַרשידענע סטיליסטישע עפּאָכעס אין זיין שעפערישער ביאָגראַפיע, בתוכם אַ פּוריסטישע, האָט געמאַכט אַזאַ מין סך־הכל:

די ברירה איז געווען דייטש — דאָס הייסט, דייטשמעריש. עס איז טאַקע געווען אַ געפאַר פאַרפלייצט צו ווערן פון פרעמדע ווערטער, און דערפון האָט זיך גענומען מיין איבערגע־טריבענער פּוריזם. [...]
ביסלעכווייז — ביסלעכווייז האָט זיך מיין יידיש באַפרייט פון די פּענטעס. איך האָב ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז אַ שפּראַך איז אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, אַ באַשעפעניש וואָס איר לעבן באַשטייט אינעם באַשטענדיקן, אומאויפהער־לעכן א ו י ס ט ו י ש פ ו ן ש ט אָ פ ן: זי נעמט אַריין, אַרבעט איבער און פאַרדייט וואָס עס לאָזט זיך — און וואַרפט אַרויס דאָס וואָס פאַר איר איז אָפּפאַל. אויך האָב איך באַגריפן, אַז עס איז קיין שכל ניט סתם צו זאַמלען ווערטער ווי אַ וואָראָנע זאַמלט און טראָגט אין איר נעסט שטיינדלעך און שטיקלעך גלאָז, הגם זי קאָן בלא יודעים אַריינפּאַקן אויך אַ דימענט, וואָרעם — וואָס ווייסט אַ וואָראָנע? . . . די שפּראַך הייבט זיך אָן נישט פונעם וואָרט, נאָר פונעם זאַץ, פּונקט ווי מוזיק הייבט זיך אָן נישט פון דער איינצלנער נאָטע, נאָר פונעם אַקאָרד. [...]

(שאַפּיראָ 1945: 14-17)

די פּערספּעקטיוו פון צייט

דער שטח פון צ י י ט איז דער וויכטיקסטער תחום, ביים באַטראַכטן דעם ניי־דייטשישן קאָמפּאָנעט בכלל (ליטעראַטור, קולטור, שפּראַך וכו׳), און די ווערטער אין חרם בפרט (אויסנאַם, געפאַר, רייזע וכו׳). אין ניינצנטן יאָרהונדערט זיינען דאָס אַלץ געווען „נייע ווערטער", אַריינגענומענע פונעם מאָדערנעם דייטש, וואָס זיינען דער פאָלקסשפּראַך געווען שטאָק פרעמד, פּונקט ווי יענע פרעמע ווערטער, די וועלכע זיינען היינט פאַרבליבן אַרכעאישע צייטונגס־ווערטער (אימער, דיזער, מאָנד).

צו דער טעמע זיינען שייך יענע ווערטער וואָס זיינען ג ע ב ל י ב ן אין יידיש. מיט יעדן פאַרבייגייענדיקן טאָג, חודש, יאָר, זיינען זיי געוואָרן מער און מער יידיש. היינט צו טאָג האָבן די אַלע ווערטער (אויסער אין די אויסבויאיס־טישע קרייזן וואו מ׳מאַכט אַ טאַראַראַם פון זייער אָפּשטאַם און מען „פּסלט" זיי) קיין שום ביי־טעם ניט פון „פרעמדקייט". אָט דער פּראָצעס פון פולשטענדיקער איינבירגערונג אין דער סטרוקטור פון דער שפּראַך, איז אין תוך גענומען ניט אַנדערש איידער דער לעבנסוועג פון אַלע יידישע ווערטער: וואָס לענגער זיי געפינען זיך אין אונדזער שפּראַך, אַלץ מער אינטעגרירט ווערן זיי מיט אַלע אַנדערע ווערטער פון אַלע היסטאָרישע קאָמפּאָנענטן און מיטן לשון גאַנצערהייט. דער מהלך איז אַ מהלך וואָס פירט פון פרעמדוואָרט צו וואָרט, פון ניי וואָרט צו אַלט וואָרט.

די געשיכטע פונעם פּוריזם (און עווענטועלן אויסבויאיזם)

צווישן יידישע נאָרמאַטיוויסטן אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט שטעלט מיט זיך אָבער פֿאָר אַ פּראָצעס, וואָס פּירט פּונקט אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג איידער די געשיכטע פֿון דער שפּראַך גופֿא. אין דער ערשטער העלפֿט פֿונעם יאָרהונדערט, איז דער פּוריזם געווען אַ רעאַקציע קעגן דער ניי⸗הויך⸗דייטשישער פֿאַרפֿלייצונג אין דער שפּראַך פֿון דער פּרעסע. נאָכדעם ווי יענע פֿאַרפֿלייצונג איז אָפּגעטראָטן, האָבן די פּוריסטן אָבער ניט שלום געמאַכט מיט יענע אַלע ווערטער וואָס זיינען אַריין אין ניי⸗דייטשישן קאָמפּאָנענט אין יידיש, אלא וואָדען, זיי האָבן גענומען פֿירן קעגן זיי נייע מלחמות.

דער סאַמע אַבזורד: אויף דער שוועל פֿון איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַן ערך הונדערט יאָר נאָכדעם ווי עמעצער האָט דאָס לעצטע מאָל בכלל גענומען אַ וואָרט פֿון דייטש און עס אַריינגעפֿירט אין יידיש, אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך אונדזער חורבן, אין אַ תּקופֿה ווען מ'דאַרף שטאַרקן די דעמאָגראַפֿישע און אינסטיטוציאָנעלע יסודות פֿון דער שפּראַך אָנשטאָט אויסזוכן אין איר פּנימות, פֿירט מען גאָר נייע מלחמות „אויסצורייניקן" יידיש פֿון מאַסעס מיט ווערטער וואָס זיינען באַליבט ביי אונדזערע גרעסטע שרייבער. לא די וואָס מ'פֿירט מלחמות קעגן די ווערטער, מ'אַטאַקירט אויך פּערזענלעך יעדן וואָס דערוועגט זיך אַרויסזאָגן אַן אַנדער מיינונג. אויף מיין ערשטן אַרטיקל דערוועגן (ה.⸗ד. קאַץ 1991ב), האָט זיך פּריינט שעכטער אָפּגערופֿן מיט אַן אַרטיקל עלף פּאָליאָ קאָלאָנעס די לענג, וואו עס שוועבן די וואַלפֿיש⸗פּערל „אומאמתן", „גניבת דעת", „פֿינף און דרייסיק יאָריקער יונגערמאַנטשיק", „עגאָ⸗

מאַנישער בעל⸗גאווהניק" א. א. (שעכטער 1991-1992: 36, 37). ביי זייטיקע איז נאַטירלעך אויסגעקומען מאָדנע וואָס אַ הילוקי דעות איבערן היינטיקן סטיליסטישן מעמד פֿונעם ניי⸗דייטשישן קאָמפּאָנענט אין יידיש זאָל אַרויסרופֿן אַזאַ עמאָציאָנעלן אָפּרוף. כאַראַקטעריסטיש איז עס אָבער פֿאַר דער מעטאָדאָלאָגיע פֿון דער אויסבויאיסטישער מחנה, וואָס בויט זיך אויף אָפּשרעקן אונדזערע שרייבער, בכדי זיי זאָלן ניט נוצן די ווערטער אין חרם, און פֿאַרקערט זיי זאָלן יאָ נוצן די אויסבויאיסטישע פֿאָרשלאָגן (זע אונטן, זז. 229-239).

דעם האַרבסטן עונש ווענדט מען אָבער אָן קעגן די וואָס וואַגן אַרויסזאָגן אַ צווייטע מיינונג. פּריינט שעכטער רופֿט זיינע שילער צו אַ פּערזענלעכער מלחמה, ניט קעגן שונאים פֿון יידיש, נאָר קעגן דעם כופֿר בעיקר הירשע⸗דוד קאַץ וואָס איז באַגאַנגען דעם חטא הקדמון: געשריבן אַן אַרטיקל א.ט. „אַ שטעקעלע אַריין, אַ שטעקעלע אַרויס, די דייטשמערישע געפֿאַר איז — אויס" (ה.⸗ד. קאַץ 1991ב).

> דוד קאַצן וועט גאָרנישט נישט שאַטן, אַפֿילו נישט די אומברחמנותדיקסטע שפּראַכיקע און וויסנשאַפֿטלעכע דעמאַסקירונג. ס'איז גאָר אַ מצווה, וכל המרבה הרי זה משובח. (שעכטער 1991-1992: 38)

שעכטער פֿאַרגינט זיך דאָרטן אויסצולאַכן מיין ווינטשן מיין פֿאָטער מעינקע קאַץ „ביז הונדערט צוואַנציק" האַרט פֿאַר זיין טויט (ז. 40), אויך מיין קדיש⸗עסיי וואָס איז אַרויס באַלד נאָך זיין טויט (זז. 39-40).

פּאָלעמישע ענטפֿערס קען מען לייכט אויסזויגן פֿון פֿינגער. דאָ איז פֿאַראַן אַ מער יסודותדיקע סיבה: די שפּראַך

גייט אין איין ריכטונג און די אויסבויִאיסטן ווילן זי בגוואַלד שלעפּן פּונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. זיי ווילן דאָס צוליב פּערזענלעכע דייטש⸗קאָמפּלעקסן וואָס זיי פּרובירן פאַרוואַנדלען אין אַ חוק ולא יעבֿור פֿאַר אַ גאַנצער שפּראַך. ווי מיר האָבן געזען, זײַנען די דאָזיקע ווערטער גראָדע כּשר וישר בײַ די גיגאַנטן פֿון דער יידישער ליטעראַטור און בײַ אַלע הײַנטיקע שרײַבער וועמען זיי האָבן ניט באַוויזן אָנשרעקן. אָט דאָס בקיצור, איז דער קאַטאַסטראָף פֿון דער ייִדישער שפּראַך פּלאַנירונג סוף יאָרהונדערט: דאָס „פּסלען" די שפּראַך פֿון די פּרינצן פֿון אונדזער ליטעראַטור, און פּראַלן בײַם הײַנטיקן עולם עלטערע, אָפּט עלנטע, אַנטמוטיקטע ייִדישע שרײַבער, אַז דאָס נעמט זיך פֿון „וויסנשאַפֿט" (פֿגל. סטעקין⸗לאַנדאַו 1992; ה.⸗ד. קאַץ 1992ב).

אַ באַזונדערער ווייטיק איז עס, וואָס דער ייִוואָ דערלויבט אַז אויך זײַן זשורנאַל ייִדישע שפּראַך זאָל אויסגענוצט ווערן אַלס איינע פֿון די כּלים אין דעם אויסבויִאיסטישן פּרוּוו צו לייקענען אַז עס קען זײַן אַ צווייטע מיינונג, און צו באַשמוצן פּערזענלעך דעם בר פּלוגתּא, דאָרטן וואו מ׳קען שוין ניט לייקענען. אַז מ׳האָט דאָרטן איבערגעדרוקט מאַקס ווײַנרײַכס „דײַטשמעריש טויג ניט" (מ. ווײַנרײַך 1975), פֿון דער פּערטער העפֿט פֿון ווילנער ייִוואָ זשורנאַל ייִדיש פֿאַר אַלע (מ. ווײַנרײַך 1938ב), האָט מען דעם הײַנטיקן לייענער מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט אַפֿילו אַז אין דער אַכטער העפֿט פֿון זעלביקן ייִדיש פֿאַר אַלע איז דערשינען נח פּרילוצקיס תּשובֿה: „מעטאָדאָלאָגישע באַמערקונגען צום פּראָבלעם דײַטשמעריש" (פּרילוצקי 1938ד), וואו ער באַוואָרנט קעגן „פּסלען" ווערטער אויפֿן סמך פֿון איין פֿילאָלאָגס געפֿיל אַז זיי זײַנען רחמנא לצלן דײַטשמעריש:

> געפֿיל — באַזונדערס אין שפּראַך⸗ענינים — איז אַ דורך און דורך סוביעקטיווע דערשײַנונג. ממילא קען עס מחייבֿ זײַן נאָר דעם, אין וועמען עס לעבט. מער אַבסאָלוט קיינעם נישט.
> (פּרילוצקי 1938ד: 201)

דאָרטן וואו מ׳קען שוין ניט „אויסבאַהאַלטן" אַן אַנדער צוגאַנג, דעמאָלט נעמען די אויסבויִאיסטן און באַשמוצן פּערזענלעך דעם בר פּלוגתּא. דער גרויסער ייִדישער לעקסיקאָגראַף אַלכּסנדר האַרקאַווי, ווערט אָנגערופֿן „זשאַרגאָניזירער למעשׂה", אַ מענטש וואָס האָט „ניט געלייענט די שפּראַך מײַסטערס פֿון זײַן דור", „חולה" און נאָך (שעכטער 1984-1986: 36, 38). האַרקאַווים גראַנדיעזער ייִדיש⸗ענגליש⸗העברעאישער ווערטערבוך, וואָס קיין שום אַוואַנסירטער סטודענט פֿון ייִדיש קען עד היום ניט אויסקומען אָן אים, ווערט זידלעריש אָנגערופֿן „האַרקאַווי⸗ליפשיץ" (דאָרטן, ז. 36), אַ בייזע אָנצוהערעניש אַז האַרקאַווי איז גאָר געווען אַ מין פּלאַגיאַטאָר. טאָ זאָל די זאַך דאָ פֿאַרריכט ווערן. ווי יעדער געניטער לעקסיקאָגראַף, האָט האַרקאַווי געשעפּט פֿון זײַנע פֿאָרגייער, און ער האָט ליפשיציעס ייִדיש⸗רוסישן ווערטערבוך פּראָמינענט אַקרעדיטירט אין זײַן „ביבליאָגראַפֿיע פֿון מקורים" (האַרקאַווי 1928: v = 1988: xliv). תּיקו בלײַבט אַ קשיא, ווי קומט דאָס וואָס דאָס אינקאָרפּאָרירן מאַסעס ווערטער פֿון ליפשיץ אין אוריאל ווײַנרײַכס ווערטערבוך ווערט פֿאַרקערט באַטראַכט ווי די גרעסטע מעלה: „עמערווײַז האָט אוריאל ווײַנרײַך געשעפּט דעם אַלטן גוטן ווײַן וואָס אין ליפשיצעס ווערטערביכער" (שעכטער 1969א: 242). דער פּאָלאַריש⸗פֿאַרקערטער אָפּרוף אויף איין און דער זעלביקער דערשײַנונג וואַקסט, פֿאַרשטייט זיך, פֿון שעכטערס מסכּים

זײַן מיט ווײַנרײַכס פּוריסטישן צוגאַנג, און זײַן מחולק זײַן מיט האַרקאַווים דעסקריפּטיוויזם. עס איז, דאַכט זיך, שוין צײַט, אַז חילוקי דעות זאָל מען לערנען אויסדריקן און בשעת מעשה ניט פֿאַרלירן צום אָפּאָנענט דעם דרך ארץ. אויך דער ווילנער ייִוואָ האָט זיך כּידוע געהאַלטן בײַ גאָר אַן אַנדער סטיליסטישער אײַנשטעלונג איידער אַלכּסנדר האַרקאַווי. מ׳האָט אים אָבער ניט באַשמוצט אַלס „חולה״, „זשאַרגאָניזירער״ און מ׳האָט זײַן ווערק ניט אָנגערופֿן „האַרקאַווי־ליפֿשיץ״. מ׳האָט באַגריסט דעם ניו־יאָרקער קאָלעגע און אַרויסגעהויבן זײַן „מסירת נפֿש״, זײַן „אידעאַליזם״, זײַן „אומפֿאַרגלײַכלעכן פֿלײַס״ און „גרויסן וויסן״ (ייִוואָ 1934: 1; פֿגל. ה.־ד. קאַץ 1988א: xxix).

דער דאָגמאַטיזם פֿון דער הײַנטיקער אויסבויאיסטישער מחנה שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ קאָלאָסאַלן קוריאָז פֿאַר פֿאָרשער פֿון שפּראַך פּלאַנירונג בכלל און ס׳איז אַ סימן מובהק פֿון דעם דורכפֿאַל פֿון דער ייִדישער שפּראַך פּלאַנירונג אויף דער שוועל פֿון איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. בעת די „דײַטשמעריזמען״ זײַנען סינכראָניש גערעדט געוואָרן גוטע ייִדישע ווערטער וואָס ווערן באַנוצט בײַ די בעסטע שרײַבער, פֿירן די אויסבויאיסטן מלחמות סײַ קעגן די ווערטער, סײַ קעגן יעדן וואָס היט ניט דעם חרם.

אַן אַמאָליקער פֿאַרשטענדלעכער קאַמף קעגן דער פּרעסע שפּראַך איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומ־שׂכלדיקן — און צום באַדויערן: ניט־אָנשטענדיקן — קאַמף קעגן: ייִדישע ווערטער און ייִדישע שרײַבער וואָס באַנוצן זיך מיט זיי (זע קאַזשדאַן 1973).

די היסטאָרישע שפּאַלטונג צווישן דער שפּראַך און דעם פּוריזם לאָזט זיך רעקאָנסטרואירן.

בער באָראָכאָוו האָט אין 1913 געוואָרנט קעגן די פּרעסע דײַטשמעריזמען און אָנגעוויזן בשעת מעשה אויף וויפֿל דער נײַ־דײַטשישער קאָמפּאָנענט אין ייִדיש האָט באַרײַכערט און מאָדערניזירט די שפּראַך (1913א: 13–15).

נח פּרילוצקי האָט אין 1938 אַטאַקירט די פּרעסע שפּראַך און בשעת מעשה געוואָרנט קעגן פּסלען ווערטער לויטן סוביעקטיוון חוש (1938א, 1938ד). אין די דרײַסיקער יאָרן איז געווען אַשטײַגער אַ חילוקי דעות צווישן מאַקס ווײַנרײַך, וואָס האָט געהאַלטן אַז אַלס טויג „קיינמאָל ניט״ כּלפּי זלמן רייזענס מיינונג: „ווען מ׳זאָל אַפֿילו אײַנזען אַ פּוריזם אין דער טענדענץ דורכאויס אויסצוקומען אָן דעם ווערטל אַלס, מוז מען אָבער מודה זײַן, אַז מע ניצט עס שוין בײַ אונדז איבער דער מאָס, אין פֿאַלן, וואו ס׳איז אינגאַנצן איבעריק״ (מ. ווײַנרײַך 1938א; ז. רייזען 1938א). הײַנט ווייס מען, אַז אַלס איז יאָ געבליבן, און הײַנט האָט ניט קיין זין אַזאַ וואָרט רודפֿן. הײַנט האָט ניט קיין זין אויסצוזידלען שרײַבער און לערער וואָס נוצן דאָס וואָרט. וועגן אַס אַשטײַגער, האָט פּרילוצקי געזאָגט עדות, אַז מ׳נוצט עס „גראָד אין דער פֿאָלקס־שפּראַך״ (פּרילוצקי 1938ג: 94). אויב דעמאָלט, איז אַפּשיטא שוין הײַנט.

מאַקס ווײַנרײַך האָט אין די דרײַסיקער יאָרן אין ווילנע געפֿירט אַ קאַמף קעגן די ווערטער וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר „דײַטשמעריזמען״ (למשל: 1938ב). וויל מען אָבער געוואָר ווערן מאַקס ווײַנרײַכס ר ײ פֿ ן צוגאַנג צו אַ וואָרט, דאַרף מען עס לויט נחום סטוטשקאָווס מײַסטערווערק, זײַן אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך, וואָס איז אַרויס אונטער מאַקס ווײַנרײַכס רעדאַקציע (סטוטשקאָוו 1950). דאָרטן ווערן טאַקע „געפּסלט״ מיט אַ ▼ (וואָס

באַצייכנט: „ניט רעקאָמענדירט אין דער קולטור שפּראַך" — דאָרטן, ז. lvi) — געשפּרעך, קעגנוואַרט, שטונדע, אָבער: אויסנאַם, דערפאָלג, זעלבסטמערדער, רונד, רייזע און הונדערטער אַנדערע ווערטער פון ניי־דייטשישן קאָמפּאָנענט ווערן אָנגעגעבן פּונקט ווי אַלע אַנדערע יידישע ווערטער. פאַרשטייט זיך אַז ניט יעדער וואָרט וואָס ווערט דאָרטן אָנגעגעבן האָט מאַקס ווײַנרייך פּערזענלעך באַנוצט. ווי נאָך עטלעכע יידישע לינגוויסטן האָט ער אין זיין פּערזענלעכן סטיל געפּרוּווט אויסמיידן דעם ניי־דייטשישן קאָמפּאָנענט. ער האָט זיין סטיל און זיינע פּערזענלעכע פּרעפערענצן אָבער ניט פאַרוואַנדלט אין אַ מיטאָלאָגיע וועגן „ריכטיקייט" פאַר דער שפּראַך בכלל. אין סטוטשקאָווס אוצר ווערט געגעבן אַן אָפּשפּיגלונג פונעם צוגאַנג פון ד ע מ אָ ל ט י ק ן פּוריזם.

מיט קאַרגע צוואַנציק יאָר שפּעטער, ווען די פּרשה „דייטשמעריש" וואָלט שוין לחלוטין געדאַרפט זיין אַראָפּ פון מאַרק — ווייל אַלץ וואָס איז געבליבן איז שוין זיכער געווען מ ע ר יידיש איידער אין דער צייט פון סטוטשקאָווס אוצר, איז געקומען א. ווײַנרייכס ווערטערבוך וואו דער צוגאַנג איז שוין אָן אַ שיעור מער עקסטרעם. דאָרטן ווערן געפּסלט, ווי מיר האָבן געזען, עמערס מיט ווערטער וואָס זיינען באַליבט ביי אונדזערע בעסטע שרייבער, מיט ● („אַ ספק צי דערלאָזלעך אין דער כלל־שפּראַך") אָדער ▼ „ניט־דערלאָזלעך אין דער כלל־שפּראַך" (א. ווײַנרייך 1968: xl). דער איבערגאַנג פון „ניט רעקאָמענדירט", ביי סטוטשקאָוון (און מאַקס. ווײַנרייכן) אין 1950, ביז „אַ ספק צי דערלאָזלעך" און „ניט־דערלאָזלעך" ביי אוריאל ווײַנרייכן אין 1968, קען דינען פאַרן סימבאָלישן קער צום אַנטי־היסטאָרישן

עקסטרעמיזם. דעם פּראַקטישן אונטערשייד געפינט מען, פאַרשטייט זיך, ביים צוגאַנג צו ספּעציפישע ווערטער. סיי ביישפּיל, האַנטשריפט, קינדהייט, וואָס אוריאל פּסלט מיט ●, סיי וועכנטלעך, גרוויזאַם, שוישפּילער, וואָס ער פּסלט מיט ▼, זיינען שוין אין 1950 אָנערקענט געוואָרן ביי מאַקסן פאַר כשר וישר. אַלע יאָר דערוויטערט זיך דער ניי־דייטשישער קאָמפּאָנענט וואָס אין יידיש מער און מער פון זיין מקור, און — אַלע יאָר ווערן די שוין־לאַנג־יידישע ווערטער גערודפט וואָסאַמאָל מ ע ר. די קליינע צאָל ווערטער וואָס זיינען „ניט רעקאָמענדירט" ביי מ. ווײַנרייכן אין 1950 האָבן ווי ניט איז מקיים געווען די מצווה פון פּריה ורביה און זיינען צעוואַקסן אין די היילות מיט ווערטער וואָס זיינען „ניט־דערלאָזלעך" (אָדער: „אַ ספק צי דערלאָזלעך") ביי א. ווײַנרייכן אין 1968. דאָס האָט זיך פאַרלאָפן ניט אין דייטשלאַנד אָדער אַוועלכן ניט איז אַנדער לאַנד וואו ס׳איז דאָ אַ סכנה אַז יידיש זאָל פאַרפלייצט ווערן פון דייטש נאָר — אין די געקליבענע קרייזן פון די ניו־יאָרקער פּוריסטן.

אוריאל ווײַנרייך איז, אויב אַזוי, געוואָרן אַ פּוריסט צום סאַמע סוף פון זיין לעבן. ער איז אָבער ניט אַריבער דער שוועל וואָס פירט צום אויסבויאיזם. דעם אונטערשייד צווישן דעם פּוריזם און דעם אויסבויאיזם קען מען געבן צו פאַרשטיין סיי טעאָרעטיש (דער עצם באַנעם פון יידיש), סיי פּראַקטיש (צוגאַנג צו אַזאַ און אַזאַ וואָרט).

טעאָרעטיש גערעדט, האָט דער פּוריזם קאַטעגאָריזירט אַ באַשטימטן בלאָק פון דער יידישער לעקסיק פאַר „שלעכט" און אָנגענומען מיטלען אויף פּטור צו ווערן פון יענעם בלאָק. ווי ס׳איז תמיד דער פאַל אין דער געשיכטע פון געדאַנקען, ניט מען אַ נאָמען דעם „יש" וואָס מ׳שטעלט

אויף, אין דעם פֿאַל: דייטשמעריש. ביי די פּוריסטן הייסט דייטשמעריש דער טייל פֿון ניי־דייטשישן קאָמפּאָנענט וואָס זיי האָבן באַשלאָסן אַז עס „טויג ניט", און דאָס איבעריקע אָנגענומען פֿאַר „כשר". דער אויסבויאיזם, דערקעגן, קוקט אויף ג אַ נ ץ יידיש ווי אַ דיאַלעקט פֿון דייטש, וואָס ז י י, די אויסבויאיסטן, דאַרפֿן „אויסבויען": „פֿונאַדערבויען די אַנדערשקייט, די ספּעציפֿישקייט פֿון אָט דעם לשון אַקעגן אַ קרובהשן, שטאַרקערן לשון, וואָס אין זיין שאָטן קומט דעם קלענערן אויס צו שטיין" (שעכטער 1980: 212).

פּראַקטיש גערעדט, האָבן זיך די אויסבויאיסטן, מיט מ. שעכטערן בראש, געלאָזט אויף צוויי שפּאָגל נייע ווערטער־רדיפֿות אין די יאָרן נאָך אוריאל ווײַנרייכס טראַגיש־פּריצײַטיקן טויט.

ערשטנס, האָט שעכטער גענומען „פּסלען" ווערטער וואָס פֿיגורירן אַפֿילו אין א. ווײַנרייכס ווערטערבוך אָ ן אַזעלכן ניט איז סימן פֿון פּגם, צוליב דעם וואָס זיי געהערן דעם ניי־דייטשישן קאָמפּאָנענט אין יידיש, אַשטייגער: דער־לויבעניש (1985: 13), יוגנט, מוסטער (1986א: 149, 155).

צווייטנס — און טאַקע ווי אַ ווייטערדיקער שטאַפּל ביים דורכפֿירן דעם אויסבויאיסטישן פּרינציפּ („אויסבויען" יידיש עס זאָל „ווערן" ווייטער פֿון דייטש) — האָט שעכטער גענומען פֿאַרלאַנגען אַז אונדזער ליטעראַטור שפּראַך זאָל פֿאַרבייטן אויך ווערטער פֿונעם טויזנטיאָריקן גערמאַנישן קאָמפּאָנענט פֿון יידיש מיט אַרכעאיזמען און דיאַלעקטיזמען, וויל — ווייטער פֿון דייטש. אַזוי אַרום: אילע אויף אַלע, ביכל אויף בוך (כאָטש ביי אַ סך יידישע שרייבער איז ביכל געוואָרן אַ זידלוואָרט אויף 'שלעכט בוך'), ברונע

די אויסבויאיסטישע מעטאָדאָלאָגיע: מען „באַשמוצט" יידישע ווערטער דורכן דערלאַנגען דעם לייענער ניי־הויך־דייטשישע פּאַראַלעלן, ניט באַמערקנדיק אַז די זעלביקע „חכמה" קען מען אָנווענדן לגבי טיש, עסן און שלאָפֿן. די דוגמאות זיינען פֿון מ. שעכטערס רובריק א. נ. „לייטיש מאַמע־לשון" אין זשורנאַל אויפֿן שוועל.

1978: נעברענגט צו פֿירן פֿון ניי־הויכדייטש Ausdruck, gründen, Gründer,

1979: ווער סע וויל זיך באַגיין אָן ändern, איבערגעשריבן מיט

1980: **דייטשיש זאָגט מען** grau, blau, **ד״ה דער יידישער**

1982: **משכּיליש:** Eröffnung. **דאָס צוגעבן אַ דלד פֿון פֿאַרנט מאַכט**

1984: unverantwortlich, **איבערגעשריבן מיט יידישע אותיות (אין**

1987: וואָלט געווען אַנדערשקייט פֿאַר Eigenartigkeit).

1990: **(אין 19טן י״ה?) איז צוגעקומען Bewunderung**

1990: (Schriftsteller אַ סופֿר שרייבט ספֿר־תּורות, מזוזות אַאַז״וו.

1992: דייטשמעריזם „פֿערדריסליך/פֿאַרדריסלעך" (verdriess-lich) און רעקאָמענדירט פֿאַרדראָסיק, אַ וואָרט, אַ פּנים, פֿון

1992: היפּשלעך פֿאַרשפּרייטן דייטשמעריזם „פֿאָרזיכטיק" (vorsichtig): סע („סע קומען"). אָנבריגיק (נישט „ברעגלאָד"):

אויף ברונעם א. א. וו. (שעכטער 1986א: 129–130, 132-135, 138-139).

ווענן דיאַלעקטישע פֿאָרמען לגבי די ליטעראַרישע אין אונדזער ליטעראַטור שפּראַך, גייט די רייד אונטן, זז. 271–281. דאָ גייט אין דער שטרעבונג, היינט צו טאָג, צו רייניקן יידיש פֿון ווערטער וואָס האָבן דעם עלטסטן יחוס בריוו וואָס אונדזער שפּראַך קען געבן, און וואָס ווערן גערודפֿט צוליב דער פֿאָרגעשטעלטער „נעענטערקייט" צו דייטש. דער סוף־פּונקט קען נאָר זיין אַ נייע צונויפֿפּלעכטונג פֿון ווערטער וואָס איז ווערטערווייז און סטאַטיסטיש טאַקע ווייטער פֿון דייטש און סטרוקטורעל באַנומען, אָן אַ שיעור ווייטער פֿון — יידיש. ס׳גייט דאָ אין די פּערזענלעכע דייטש־קאָמפּלעקסן פֿון עטלעכע יחידים וואָס ווילן די־אָ קאָמפּלעקסן פֿאַרוואַנדלען אין נאָרמעס פֿון אַ שפּראַך.

אַכלל, ס׳איז געוואָרן אַ דייטש־אָבסעסיווע ווערטער־רדיפֿה וואָס מאַכט יידיש צו שפּאָט און צו שאַנד. ווען די שיטה וואָלט זיך געהאַלטן אין די ד׳ אמות פֿון עקספּערימענטאַלע זשורנאַלן, וואָלט דאָס געווען אַן עקספּערימענט וואָס טוט קיינעם ניט אָן קיין שאָדן. די צרה איז, וואָס דאָס שיטער ווערן פֿונעם לעצטן דור מזרח־אייראָפּעאיש געבאָרענע קענער, האָט געעפֿנט אַ וועג פֿאַר די אויסבויאיסטן צו פֿירן אַ קאַמף קעגן יעדן שרייבער און געלערנטן וואָס פֿאָלגט זיי ניט נאָך. נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט ח. ש. קאַזשדאַן ז״ל געשטורעמט קעגן דער סטיליסטישער דיקטאַטור (קאַזשדאַן 1973). שוין עטלעכע צענדליק יאָר וואָס דער הויך טאַלאַנטירטער ניו־יאָרקער יידישער שרייבער אברהם שולמאַן, אים צו לאַנגע יאָר, טוט דאָס אייגענע אין זיינע פּעליעטאָנען אין פֿאָרווערטס וואו עס

קומט צום אויסדרוק דעם שרייבערס גאָט־געבענטשטער שפּראַך חוש. אינעם איצטיקן בוך, זיינען מיר אויסן גיין אין זייערע פֿוסטריט: זיך אַקעגנשטעלן דעם דאָגמאַטיזם, אויפֿווייזן אַז דער אויסבויאיזם איז ניט מער ווי איין שיטה אין דער היינטיקער יידישער סטיליסטיק. זי איז, לויט אונדזער מיינונג, אַ טעותדיקע שיטה וואָס שטאַמט פֿון דער סאַמע טעותדיקסטער גרונט־הנחה: אַז מ׳דאַרף יידיש „אויסבויען". פֿון אַ קרומער גרונט־הנחה קען קיין גלייכע שיטה ניט שפּראָצן.

וואָס דאַרף מען נאָך, אַז דער סאַמע פֿאָלקסטימלעכער שבפֿאָלקסטימלעכער ליפֿשיץ, וועלכער האָט אַזוי געטריי איבערגעגעבן דאָס לחלוטין ניט־דייטשמעריזירטע לשון פֿון דער אַמאָליקער יידישער אוקראַינע, וויים אָנצוגעבן, גלייך מיט אַלע אַנדערע יידישע ווערטער: אויגנבליק (1876: 7); אויסנאַם (21); אויסשפּראַך [ביי ליפֿשיצן: אָיסשפּראַכֿע] (24); אויפֿריכטיק [אָפּרעכֿטיג] (39); ביישפּיל (58); גיפֿט (67); געהאַלט (69); דורכזיכטיק [דערכֿזעכֿטיג] (78); האַנטשריפֿט (83); וואונטש [ווינטש] (91); פֿאָרזיכטיק [פֿאָרזעכֿטיג] (149); קינדהייט (187); רונד (203); שילדערן (213) און נאָך און נאָך. דאָס זיינען אַלין שוין דעמאָלט געווען גוטע יידישע ווערטער, אין 1876, איז על אחת כמה וכמה היינט.

אויב אַ וואָרט אַרום וועלכן מ׳האָט זיך געאַמפּערט איז געבליבן לעבן פֿון דעמאָלט ביז היינט אין מויל פֿון די וואָסריידן יידיש, און ביי אונדזערע בעסטע שרייבער, האָט עס אַ סגולה צו — אריכת ימים. גיין רודפֿן היינט די אַלע ווערטער וואָס ווערן „געפּסלט" ביי די אויסבויאיסטן, — אויסנאַם, איינלאַדן, באַזוכן, ביישפּיל, דערוואַרטן, האַסן, וואַכן, לאַנגע,

מיספאַרשטענדעניש, פּאָלקסטימלעך, רייזע, שאַנדע און הונדערטער אַנדערע, דאָס איז: אומזין. גיין לערנען מיט סטודענטן פֿון יידיש, אַז די ווערטער זיינען קיין יידיש ניט, דאָס איז: לערנען ניט⸗דעם⸗אמת.

צו דער טעאָריע איז וויכטיק יודל מאַרקס פּרואוו, אין זיין קלאַסישער זאַמלונג „כלומרשטע, ספּקדיקע און ניצלעכע דייטשמעריזמען" (י. מאַרק 1964), אָפּצוראַטעווען פֿון דער פּוריסטישער תליה הונדערטער ניצלעכע ווערטער. שפּראַך איז אָבער אַן איידעלע סטרוקטור פֿון פּאַראַנענקייטן, ניט נאָר פֿון „ניצלעכקייטן".

הלכה למעשה, איז דער אויסבויאיזם נוטה למפּלה. מ'קען ניט לערנען מיט אינטעליגענטע סטודענטן אַז די שפּראַך פֿון די גרויסע שרייבער, פֿון די וואָס ריידן יידיש פֿון דער היים, איז גאָר אַ „בעל מום". צו דעם קומט צו נאָך אַ מאָמענט. דער גרויסער סאָציאָלאָג פֿון שפּראַך שיקל פּישמאַן, וועלכער נוצט אַליין די Ausbau טערמינאָלאָגיע (למשל 1972: 138; 1987: 68-69), האָט קורץ און שאַרף — און ריכטיק — באַשריבן די סיבה צוליב וועלכער די אויסבויאיסטישע מלחמות קעגן יידישע ווערטער קענען קיין דערפֿאָלג ניט האָבן, אַפֿילו ביי די וואָס ווילן „נאָכגעבן".

> In our own day and age, the continued drive to combat New-High Germanisms is constantly complicated by the fact that most Yiddish speakers are out of touch (or have never been in touch) with German and therefore face additional difficulty in 'recognizing the enemy'.

(פּישמאַן 1981: 57)

אין פּרדס פֿון ניי⸗דייטשישן קאָמפּאָנענט פֿון יידיש

באַקעמפֿן דעם ניי⸗דייטשישן קאָמפּאָנענט אין יידיש האָט געענוי אַזאַ שכל ווי, לאָמיר אָנכאַפּן, אַ העברעאישער לינגוויסט זאָל וועלן „אויסרייניקן" העברעאיש פֿון זיין כנעניש ן („געצנדינערישן") קאָמפּאָנענט. אַזעלכע פּרואוון וואַקסן פֿון פּרע⸗סטרוקטוראַליסטישע שפּראַך פֿילאָזאָפֿיעס, וואָס פּערזאָניפֿיצירן ווערטער אַזש ביזן מעמד פֿון „שונאים", קוקן נאָר אויף זייער יחוס און פֿאַרקוקן זייער לעבעדיקן באַנוץ אין דער סינכראָניע פֿון דער שפּראַך. אַכלל: דער ניי⸗דייטשישער קאָמפּאָנענט וואָס אין יידיש — און דער חלק דערפֿון וואָס די פּוריסטן „פּסלען" — האָט שוין לאַנגע יאָרן קיין שום שייכות ניט מיט דייטש. דאָס זיינען אַלץ י י ד י ש ע ווערטער, וואָס אַנטוויקלען זיך אינאיינעם מיט דער יידישער שפּראַך גאַנצערהייט, וואָס שפּרודלען מיט אַלע חנען פֿון מאַמע⸗לשון.

דעם סינכראָנישן מעמד פֿון די „דייטשמעריזמען" האָט ריכטיק, אָן פּניות און אָן קאָמפּלעקסן, באַשריבן יודל מאַרק:

> מ'דאַרף אָבער לכתחילה אָפּוואַרפֿן די אוממאָטיווירטע מיינונג אַז יעדער וואָרט פֿון דייטש קען גענומען ווערן בשעת הדחק און מגולגל ווערן אין אַ יידיש וואָרט. אָבער ד י י ט ש מ ע ר י ש איז יאָ אַ באַשטאַנדטייל פֿון איצטיקן יידיש.

(מאַרק 1953: 139)

צו דער באַרייכערונג פֿון ייִדיש דאַרף צוערשט דערמאָנט ווערן דער היסטאָרישער פֿאַקט, אַז ייִדיש איז אין אַ לפֿי ערך קורצער צייט, אין משך פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט, פֿעאיק געוואָרן צו יענע אַלע תּחומען פֿון דער מאָדערנער מערבֿדיקער קולטור וואָס זײַנען ניט געווען קיין טייל פֿון טראַדיציאָנעלן אַשכּנז, אַדאַנק דעם נײַ⸗דײַטשישן קאָמפּאָנענט. אָטאָ דער קאָמפּאָנענט האָט ייִדיש געגעבן אויטאָביאָגראַפֿיש, אוניווערסיטעט, אינטערעסאַנט, אינטעליגענט, אינטערנאַציאָנאַל, אַנטוויקלונג, אָרגאַניזירן, אַרמיי, באַוועגונג, גרופּע, דיפּלאָם, דירעקט, דעבאַטע, דערציילונג, הומאָר, וואָקאַל, זיצונג, טעאַטער, ליטעראַטור, מאָדערן, נאַטור, פּאָליטיק, פּאַרטיי, פּראָבלעם, פּראָזע, פֿאַרלאַג, פֿראַגע, צייטונג, קולטור, קונסט, קינסטלער, קריטיקער, רעדאַקטאָר, שטודיע, שפּראַך א.א.וו. דעם פּוריסט קען עס פֿאַרשאַפֿן קאָמפּלעקסן וואָס ייִדיש האָט דורכגעמאַכט איר מערבֿיזאַציע אין אַ גרויסער מאָס דורך דײַטש, דאָס איז אָבער ז ײ ן, דעם פּוריסטס, פּריוואַטע פּראָבלעם. דעם היסטאָריקער איז עס אַ נייטראַלער פֿאַקט. און פֿאַר דער שפּראַך גופֿא, און די וואָס ריידן היינט אויף איר, איז עס ניט שייך, ניט אינטערעסאַנט, ניט גורם גאָרנישניט.

דעם מעמד פֿון נײַ⸗דײַטשישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש קען מען אַמבעסטן משׂיג זײַן בײַ זײַן לינגוויסטישער פֿאַראייניקונג און אינטעראַקציע מיט די אַלע אַנדערע קאָמפּאָנענטן אין דער שפּראַך. פֿאַר דער לינגוויסטיק איז קלאָר, אַז קיין פּערפֿעקטע סינאָנימען קענען אין פּרינציפּ ניט עקזיסטירן, מחמת דעם וואָס בײַ איטלעכן לעבעדיקן לשון נעמען זיך אַזעלכע „סינאָנימען" און שיידן זיך באַלד אונטער, אין דער באַדײַטונג, צי אינעם ניואַנס, צי אינעם סטיל אין וועלכן

מ'ווענדט זיי אָן. דאָס „אַרויסוואַרפֿן" די „דײַטשמעריזמען" האָט דרײַ פּעולות: ערשטנס, די פֿאַראָרעמונג פֿון דער שפּראַך; צווייטנס, דאָס פֿאַלש נוצן אַן עלטער וואָרט, אַבי ניט אָנקומען צום נײַערן וואָרט; דריטנס, דאָס ניט קענען וואַריאירן צווישן כּמעט⸗סינאָנימען און דאַרפֿן כּסדר קלאַפּן מיטן זעלביקן וואָרט.

צו דער באַרייכערונג פֿון דער שפּראַך דאַרף מען דערמאָנען די היסטאָריש אידענטישע אָדער ענלעכע דײַטשישע עטימאָנען וואָס ייִדיש האָט צ ו ו י י מאָל אַרײַנגענומען, איין מאָל מיט אַן ערך טויזנט יאָר צוריק — דער אַלטער גערמאַנישער קאָמפּאָנענט וואָס אין ייִדיש — און איין מאָל אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, אַשטייגער: אויסנווייניק ≠ אויסערלעך; אויסנעם (אָן אַן אויסנעם = 'אָן אַ סוף') ≠ אויסנאַם; אינעווייניקסט ≠ אינערלעך, וואָכעדיק ≠ וועכנטלעך; לאַבעדיק ≠ לעבערלעך; מאָס ≠ מאַסע; נאָכלאָזן ≠ פֿאַרנאַכלעסיקן; (אַ) פֿרעג ≠ פֿראַגע; קונץ ≠ קונסט; קונציק ≠ קינסטלעך; קלאָג ≠ קלאַגע; שפּראָך ≠ שפּראַך.

אַריבערגייענדיק צו דער סינכראָניע פֿון דער הײַנטיקער שפּראַך, וואַרפֿט זיך אין די אויגן אַז די ווערטער וואָס די אויסבויאיסטן ווילן אַרײַנפֿירן אויף צו פֿאַרבײַטן די „דײַטשמעריזמען", זײַנען לחלוטין ניט אידענטיש מיט זיי, און דערבײַ ווערט דער סטיל געשלאָגן מיט צוויי קלעפּ: מ'פֿאַרלירט אַ ניואַנס אָדער אַ באַדײַט, והשנית, דאָס „געצוואונגענע" וואָרט קלינגט געקינצלט, ניט אויפֿן אָרט. אָט זײַנען עטלעכע דוגמאות פֿון „רעקאָמענדירטע" ווערטער וואָס קענען ניט אין אַלע פֿאַלן פֿאַרבײַטן די „געפּסלטע".

אויבנאויפֿיק ≠ אויבערפֿלעכלעך. אַן אויבנאויפֿיקער

אַנאַליז; אַן אויבערפֿלעכלעכער מענטש. דאָרט וואו מ׳וויל אויסדריקן עמאָציאָנעלקייט און ביטול, דאַרף מען: אויבערפֿלעכלעך.

אָפּגעהיט ≠ פֿאָרזיכטיק. אָפּגעהיט אין שמירת הלשון; פֿאָרזיכטיק! מ׳קען דאָרטן אַריינפֿאַלן.

אָפּשטאַם ≠ מקור ≠ אורשפּרונג. „וואָס איז דער אָפּשטאַם פֿון וואָרט? צו דיין השערה דאַרפֿסט ברענגען אַ מקור. מיטן אורשפּרונג פֿון דער שפּראַך האָט עס ווייניק צו טאָן...״

אַרויסגעבן ≠ פֿאַרעפֿנטלעכן. מ׳גיט אַרויס אַ בוך און מ׳פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל, אַ ליד, אַ מעשה, דאָרטן וואו דאָס פֿאַרעפֿנטלעכטע איז נאָר איין טייל פֿונעם בוך, צייטונג אָדער זשורנאַל.

געראָטן ≠ געלונגען. „געלונגען איז אַ רעזולטאַט פֿון אַן אָנשטרענג, אַ טואונג, אַ ווילן, געראָטן איז פֿון גאָט״ (ליטווין 1992: 59).

דורכזעעוודיק ≠ דורכזיכטיק. אַ דורכזיכטיק העמד; אַ דורכזעעוודיקער אַרגומענט.

ווי (בתורת \ מעשה) ≠ אַלס. אויפֿפֿירן זיך ווי אַ מענטש; אָנגעשטעלט אַלס לערער.

מוחל זיין ≠ פֿאַרגעבן. מוחל זיין איז אוניווערסאַל; פֿאַרגעבן איז אַ סך מער צוגעפּאַסט צו ערנסטע פּערזענלעכע ענינים: „נאָכן ברעכן די תנאים, האָט דער חתן געבעטן, די כלה זאָל אים פֿאַרגעבן״.

לעצטגילטיק ≠ ענדגילטיק. לעצטגילטיק קען אויך הייסן ׳דאָס וואָס איז הל דערווײַלע׳ בעת ענדגילטיק איז — ענדגילטיק.

מאַנסביל ≠ מאַן ≠ מענטש. מאַן פֿאַרנעמט אַ מיטלפּונקט

צווישן מאַנסביל און מענטש בנוגע אַבסטראַקטקייט און ספּעציפֿיצירטקייט. מענטש איז גענעריש: „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט״; מאַן (אַחוץ דעם באַדייט: ׳מאַן פֿון אַ ווייב׳), איז די אַלגעמיינע באַצייכענונג פֿאַרן זכר פֿון מענטשלעכן מין: „פֿאַרוואָס זאָל ער גורם זיין, אַז יידישע קינדער זאָלן פֿאַרזינדיקן די יאָרן פֿאַר זידלען אַן אַלטן מאַן?״ (גראַדע 1961: 177); מאַנסביל נוצט מען נאָר אַז ס׳גייט די רייד וועגן אַ שטריך וואָס ווערט אַסאָציאירט מיטן זכר פֿון מענטשלעכן מין: „דער קאָפּ איז איר נייערט פֿאַרנומען מיט מאַנסבילשע ענינים״ (באַשעוויס 1982: 131). מאַנסבילש איז אגב ברייטער איידער דער אַדיעקטיוו מענעריש וואָס איז מער פֿיזיש־סעקסועל: „איר האָט דער חתן אויסגעזען זייער מענעריש״. ביי טייל שרייבער, ווערט מאַנסביל פֿאַררעכנט פֿאַר אַן אַרכעאיזם וואָס קען ביטראָגן צו אַן אַרכע־איזירנדיקן סטיל. מאַן איז סטיליסטיש גערעדט דאָס אוניווערסאַלע, ניט־מאַרקירטע וואָרט.

מינאָריטעט ≠ מינדערהייט. אַ מינאָריטעט פֿון שטימען; די מינדערהייטן אין געוועזענעם ראַטנפֿאַרבאַנד.

מצרים ≠ עגיפּטן. פּרעה אין מצרים; דער עגיפּטישער אויסערן־מיניסטער.

ניט צום פֿאַרשטיין ≠ אומפֿאַרשטענדלעך. ס׳איז ניט צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס ער האָט אַזוי געהאַנדלט; דאָס וואָרט איז מיר אומפֿאַרשטענדלעך.

סכנה ≠ געפֿאַר. געפֿאַר איז אוניווערסאַל, סכנה איז אַ ביסל לומדיש. אַחוץ דעם האָט געפֿאַר אַ ריי פֿיגוראַטיווע אָנווענדונגען („די פֿאַריזער געפֿאַר איז אַריין אין צימער״ — וועגן אַ פֿאַריזער פּרוי אַ געוויסער. דאָ קען ניט זיין קיין „סכנה״).

סם ≠ גיפֿט. עס דאָס ניט, ס'איז סם; היט זיך פֿאַר איר, זי איז גיפֿטן; די גיפֿטיקע כּתבֿים.

עלנט ≠ איינזאַם. פֿאַראַן כּלערליי אויסדרוקן וואו איינס פֿון די צוויי ווערטער האָט זיך איינגעפֿונדעוועט: עלנט ווי אַ שטיין; אין אַן איינזאַמער שעה.

פּראַכטפֿול ≠ פּרעכטיק. פּרעכטיק פּאַסט זיך בעסער צום מער אַבסטראַקטן באַנוץ: אַ פּראַכטפֿולע פּאַנאָראַמע; אַ פּרעכטיקע טראַדיציע.

פֿאַרדראָסיק ≠ פֿאַרדריסלעך. ווען דעם פּאָרל איז לעצטנס געגאַנגען די רייד אין דער דעבאַטע אין אונדזער פּעריאָדיק (זע שעכטער 1991-1992: 36-37; ה.־ד. קאַץ 1992ב: 41-42). ביידע צדדים האָבן אַפּנים פֿאַרקוקט אַז דאָס דיאַלעקטישע וואָרט פֿאַרדראָסיק, וואָס עקזיסטירט בכלל ניט פֿאַרן ווייט גרעסטן רובֿ וואָס רעדט און שרייבט היינט יידיש, איז אָפֿט גענוצט געוואָרן אַנדערש איידער פֿאַרדריסלעך. למשל ביי שניאורן: „דערזעט מען אין ווינדער דעם וואַלד־סוחרס שטוב דעם 'ממזר' אין שצערעס דאַרע אָרעמס, ווערט מען דאָרטן פֿאַרדראָסיק: וואָס הייסט? די בעזדעטניצע גייט גאָר קאָנקורירן מיט אַזאַ טייערן יתומל ווי דאָנקע איז?" (שניאור 1957: 95). פֿאַרדראָסיק הייסט דאָ 'אומעטיק', 'ניט־פֿאַרגינעריש', 'אייפֿערזיכטיק', גאָרניט דאָס וואָס פֿאַרדריסלעך. אַחוץ דעם, איז פֿאַרדראָסיק האַמעטנע אַלם בייגעוודיקער אַדיעקטיוו. אַ פֿאַרדראָסיקער טעות טייטש 'אַ פֿאַרדריסלעכער טעות' האָט דערפֿאַר דעם טעם פֿון בכיוונדיקער אומפּינקטלעכקייט און סטיליסטישער ניט־צוגעפּאַסטקייט, אַבי ניט אָנקומען צום „דייטשמעריזם".

פֿיינט האָבן ≠ האַסן. שטאַרקער אַ סך איז האַסן: „ניט

מ'האָט זיי פֿיינט נאָר מ'האַסט זיי".

צייטיק ≠ רייף. „זי האָט כאַשיימפּערלעך געשפּירט ווי די הענט, די פֿיס, דער בויך, די ברוסט האָבן זיך אָנגעבלאָזן און אויסגעברייטערט ווי ביי אַ צייטיקער פּרוי. די געדאַנקען אירע זענען אויך געוואָרן רייף" (באַשעוויס 1964: 18).

קדמוניש ≠ אוראַלט. קדמוניש איז אַ לומדיש וואָרט וואָס האָט אויך דעם ביידאַדייט פֿון 'אויף אַ גאָר אַלטפֿרענקישן שטייגער', 'ווי ס'איז געווען פֿון קדמונים', בעת אוראַלט באַציט זיך בלויז צום עלטער.

קיילעכ(ד)יק ≠ רונד. „מיט אַ קיילעכיק פּנים, אַ רונדער שוואַרצער באָרד" (באַשעוויס 1964: 16).

צו די סעמאַנטישע ניואַנסן קומען אויך צו די סטיליסטישע קאַטעגאָריעס. אַ שיינער חלק פֿון די „כּשרע" ווערטער זיינען פֿאַר דער היינטיקער שפּראַך לומדיזמען, וואָס פּאַסן זיך צו אַן עסיי, צו אַ וויסנשאַפֿטלעכן ווערק, אָבער טויגן אויפֿן פֿייער אַז אַ מיידל מיט אַ בחור ריידן זיך צוזאַמען אין אַ קאַפֿע. אַז אָך און אַז וויי צו יידיש אויב מ'פֿאַרלירט דעם טאָגטעגלעכן שיכט פֿון דער שפּראַך, דאָס שמעקט שוין מיט — טויטקלאַפּ, מיט אַ יידיש וואָס טויג נאָר צו אַרטיקלען און רעפֿעראַטן. פֿאַרגלייך דעם טאָגטעגלעכן אינהאַלט מיטן לומדיש־משׂכּילישן תּוכן; באַאיינפֿלוסן — משפּיע זיין; באַזיגן — מנצח זיין; ביישפּילן — דוגמאות; דרוקפֿעלער — טעות הדפּוס; האַנטשריפֿט — כּתבֿ; זילב — טראַף; לאַגע — מצבֿ; מערהייט — רובֿ; פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט — אחריות; פֿאַרגאַנגענהייט — עבֿר; רייזע — נסיעה.

ניט אומעטום גייט עס אָבער אין דער איינפֿאַכער אָפּאָזיציע „פּשוט" כּנגד „געלערנט". ס'גייט אין דער

ס י ס ט ע ם פון דער ייִדישער סעמאַנטיק. פֿאַרגלײַך, למשל, דעם טאָגטעגלעכן אָן אַ סוף, דעם קאָלאָקוויאַלן אָן אַן עק, דעם באַשרײַבערישן ענדלאָז, דעם עסייאיסטיש=פּאָעטישן אומענדלעך, דעם פּאָעטיש=קאַבאַליסטישן אין=סוף.

אַ סך פֿון די „ווערטער אין חרם" גיבן צו בילדערישקייט, עכט=איבערצײַגנדיקע געפֿילן: אַן אויפֿריכטיקער ענטפֿער. אַן אָנשטענדיקער מענטש. אַ געוואַגטער אַרטיקל. די גרויזאַמע מלחמה. דערשיטערט געוואָרן פֿון דער מעשה. עקלהאַפֿט! פֿאַרנאַכלעסיקן די קינדער.

אַנדערע האָבן הײַנט אַ הומאָריסטיש=סאַטירישן טעם, ווי אַשטייגער: ער איז אַ נידערטרעכטיקער יונג! אַ הויכגעשעצטער מענטש! אַ פֿאַרדעכטיקער פּאַרשוין! אַחוץ זײַן געווײנלעכן באַדײַט האָט פֿאָלקסטימלעך אַ צווייטן פּשט ווי אַן אייפֿעמיזם אויף פּראָסט, ניט=געלערנט: דאָרטן איז אַ פֿאָלקסטימלעכער ישוב (ד.ה. איבעריקע חכמים וועט מען דאָרטן אומזיסט זוכן).

בײַ אַנדערע איז שוין דאָ אַ קאָמפּליצירטע וואָרט=סאָציאָלאָגיע. בײַ גרויסע טײלן פֿון טראַדיציאָנעלן רעליגיעזן ייִדנטום דיפֿערענצירט מען צווישן לעזן אַ צײַטונג און לײענען די תּורה. בײַם ייִדיש=באַוואוסטזיניקן סעקולערן סעקטאָר פֿאַרקערט, האָבן לעזן, לעזער בלויז אַ סאַטיריש=ביטולדיקן באַדײַט: ער שרײַבט ווידער די אַרטיקלען פֿאַר זײַנע לעזער, געמיינט: זײַנע אומוויסנדיקע, פּראָסטע לײענער.

די ייִדישע אידיאָמאַטיק שפּרודלט מיט אַ ל ע טײלן פֿון ייִדיש, מיטן נײַ=דײַטשישן קאָמפּאָנענט בתוכם: אַנטדעקט אַמעריקע! גיפֿטיק ווי אַ שלאַנג; אַ שרײַבער איז אַ דרוקפֿעלער אַ האַרצפֿעלער; רונד ווי אַ ראָד; אַ שאַנדע און אַ חרפּה.

דעם פּראָצעס פֿון פֿאַראײניקונג און צונויפֿשמעלצונג וואָס איז אַ סימן מובהק פֿון דער ייִדישער שפּראַך האָט מאַקס ווײַנרײַך גאונותדיק געשילדערט אין זײַן געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך (מ. ווײַנרײַך 1973א: II, 261-320; IV, 314-363). צוליב זײַן פּוריסטישער אײנשטעלונג (אויסבויאיסטיש קען מען ניט זאָגן, ווײַל דער אויסבויאיזם איז געבאָרן געוואָרן בײַ מ. שעכטערן, ניט בײַ די ווײַנרײַכס), האָט ווײַנרײַך ניט באַשריבן דעם שמעלץ=פּראָצעס בײַם נײַ=דײַטשישן קאָמפּאָנענט (וואָס ער האָט אויך ניט אָנערקענט פֿאַר אַ קאָמפּאָנענט). זײַן שטעלונג איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זײַן צײַט און זײַן ביאָגראַפֿיע.

לסוף אַ וואָרט צו דער ייִדישער ריטמיק פֿונעם נײַ=דײַטשישן קאָמפּאָנענט. ווערטער פֿונעם אַלט=דײַטשישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש האָבן דורכגעמאַכט היסטאָריש די אָפּהאַקונג פֿון אומבאַטאָנטע וואָקאַלן סוף וואָרט (זאַך, איך זאָג), אַחוץ דאָרטן וואו דער וואָקאַל איז אַ טײל פֿון דער מאָרפֿאָלאָגיע (אַ פֿײַנע זאַך). בײַ ווערטער פֿון נײַ=דײַטשישן קאָמפּאָנענט, פֿאַרקערט, האָט מען זעלטן באַוויזן די אָפּהאַקונג אַדורכצופֿירן (למשל: קלאַס, שפּראַך). אין די מערסטע פֿאַלן, איז דער וואָקאַל געבליבן: אויסגאַבע, אויפֿגאַבע, באַזע, טעמע, לאַגע, ליגע, מאָדע, לעגענדע, מאַסע, פּרעסע, פֿראַגע, קלאַגע, ראַסע, שאַנדע וכדומה. אָטאָ די סעריע איז ניט סותר די מוזיק פֿון ייִדיש, פֿאַרקערט זי האָט זיך ריטמיש פֿאַראײניקט מיט סובסטאַנטיוון פֿון סעמיטישן און סלאַווישן קאָמפּאָנענט מיטן אײגענעם משקל (וואָס ווערן באַטאָנט אײן טראַף פֿאַרן לעצטן, מיט אַן אומבאַטאָנטן שוואַ קלאַנג אַלס לעצטער טראַף), אַשטייגער: בוינע, בעל=עגלה, במאַרע, קאַשע, קליאַטשע, קשיא,

רדיפה, שאלה, שמאַטע. דאָס אייגענע ביי אַדווערבן וואו גראַדע גייט מיט אַוודאי און מסתמא.

דער ניי⸗דייטשישער קאָמפּאָנענט אין יידיש איז אַריין אויך נ אָ כ ד ע ם ווי עס האָבן זיך פאַרלאָפן די היסטאָרישע פאָנאָלאָגישע פּראָצעסן וואָס האָבן דערפירט צו דער סינכראָנישער פאָנאָלאָגיע פון אונדזערע היינטיקע דיאַלעקטן. ביי אַלטע ווערטער גילטן די באַקאַנטע איסאָגלאָסן, למשל בוך וואָס איז bux ביים ליטוואַק און bīx ביים פוילישן יידן; בוים וואָס איז bejm ביים ליטוואַק און bɔjm אין די דרומדיקע דיאַלעקטן. אין ניי⸗דייטשישן קאָמפּאָנענט זיינען די וואָקאַלן אוניווערסאַלע אין אַלע יידישע דיאַלעקטן, אַזוי אַרום אַז אין ליטעראַטור, מוזיק, מוסטער און קולטור הערט זיך u, כאָטש פאַרשטייט זיך אַז די פאָנעטיק איז וואַריאירלעך לויטן דיאַלעקט, פגל. ליטוויש litəratúr אַנטקעגן (רעגיאָנאַל) פויליש litəratū́ə. דער ניי⸗דייטשישער קאָמפּאָנענט שטעלט מיט זיך פאָר אַן א י י ב ע ר⸗דיאַלעקטישן שיכט פון דער סינכראָנישער יידישער פאָנאָלאָגיע.

פון אַמאָליקן אימפּאָרטירטן רויוואַרג האָט יידיש, מיט איר כאַראַקטעריסטישער גאונות, געמאַכט שפּראַכוואַרג וואָס איז ניי, וואָס איז אַנדערש פון דעם פון וואַנעט מ׳האָט עס גענומען, און וואָס איז געוואָרן אַ לעבעדיק גליד פון דער שפּראַך. אויסרייסן דאָס גליד איז ניט מער און ניט ווייניקער: רייסן אבר מן החי.

פאָרשלאַגן אויף נייע ווערטער

אַלעמערשטנס, דאַרף מען זיך קלאָר מאַכן דעם חילוק צווישן נעאָלאָגיזמען און פאָרשלאַגן. אַ נעאָלאָגיזם איז אַ נייִשאַפונג וואָס איז אויפגעקומען אין יידיש גופא, זאָל זיין פון רויוואַרג פון די פאַראַנענע היסטאָרישע קאָמפּאָנענטן. יידיש איז רייך מיט נעאָלאָגיזמען, וואָס זיינען היינט געוואָרן — וואו אין געוויסע סטילן און וואו איבעראַל — ווערטער ווי אַלע יידישע ווערטער. אַנדערע זיינען הונדערטער יאָרן אַלט (דרשה⸗געשאַנק, זוכצעטל), אַנדערע זיינען ביז גאָר ניי און מ׳ווייס ווער עס האָט זיי געשאַפן (בלאָז⸗מאַשין — עדוואַרד חייט, שבת⸗יאָר — יהודה עלבערג). צווישן די הונדערטער נעאָלאָגיזמען פון די לעצטע הונדערט יאָר געפינט מען: אויפבלי, אומקום, אָנקום, אָפּרוף, געבאָרנטאָג, מנחם⸗מענדלדיק, פּרט⸗פאָרשונג, פאַרמעסט, פאַרנעם, צונויפ⸗העפט, קליינלדיקייט (זע מאַרק 1952א; שעכטער 1986א: 257-244). אויב מ׳זאָל צורעכענען די מאָרפאָלאָגישע אינאָוואַציעס (די טיפן באַטויען, האַלדזונג), וואָס זיינען אַזוי באַליבט ביי אונדזערע פּאָעטן (און וואָס בלייבן בדרך כלל באַגרענעצט צום פּאָעטישן סטיל), שטייגט די צאָל אָן אַ שיעור (זע. י. מאַרק 1954).

נאָר אַנדערש איידער די נעאָלאָגיזמען, וואָס זיינען געוואָרן יידישע ווערטער, זיינען די פאָרשלאַגן אויף נייע ווערטער, וואָס פאַרפלייצן די שפּאַלטן פון די פּוריסטישע ווערטערביכער און די אויסבויאיסטישע אויסגאַבעס, און וואָס ווערן דערלאַנגט דעם וואָס לערנט זיך די שפּראַך אָן

קיין שום באַוואָרענישן אַז דאָס געגעבענע איז ניט קיין וואָרט אין דער שפּראַך נאָר דעם פּוריסטס אַ פֿאָרשלאַג. די פֿאָרשלאַגן זיינען קאָמבינאַציעס פֿון קלאַנגען, שרשים, פּרעפֿיקסן, סופֿיקסן און באַדייטן, וואָס שטאַמען ניט פֿון ציבורס נויט, ניט פֿון יחידישן באַשאַפֿונגס־כּח.

די פֿאָרשלאַגן לאָזן זיך איינטיילן אויף צוויי ברייטע קאַטעגאָריעס: אַזעלכע וואָס קומען פֿאַרבייטן „דייטשמעריז־מען"; און אַזעלכע וואָס קומען „קאָנפֿראָנטירן" ענגליש.

אין א. ווײַנרײַכס ווערטערבוך, למשל, ווערט דערפֿאַרונג „געפּסלט" מיט אַ ▼ וואָס באַדײַט „ניט־דערלאָזלעך אין דער כּלל־שפּראַך". צווישן די „דערלויבטע" ווערטער וואָס דער באַנוצער וועט טרעפֿן ביים אויפֿמישן דאָס ענגלישע וואָרט experience איז געפּרוּוו, וואָס ווערט געבראַכט אָן קיין שום סימן אויף צו באַוואָרענען דעם באַנוצער אַז דאָס איז קיין וואָרט ניט, נאָר אַ: פֿאָרשלאַג (אַזוי אויך: געפּרואוויק). דאָ באַווייזן זיך צוויי קאַרדינאַלע טעותן. ערשטנס, דאָס „פּסלען" ייִדישע ווערטער צוליב פּוריזם, און צווייטנס, דאָס צוקלערן „כּשרע" ממלא־מקומס וואָס קיינער נוצט ניט, און זיי דערלאַנגען דעם וואָס לערנט זיך די שפּראַך אָן באַוואָרענישן. דער ערשטער פֿעלער איז אַ טרויעריקער אויסדרוק פֿון שפּלות קאָמפּלעקסן לגבי דייטש (וואָס דאַרף גאָרניט זיין שייך ביים באַטראַכטן אַ ייִדיש וואָרט). דער צווייטער פֿעלער געהערט דעם תּחום פֿון וויסנשאַפֿטלעכער אָרנטלעכקייט. אויב אַ פּוריסט איז מחויב איבערגעבן דעם לינגוויסטישן אמת זיינע סטודענטן, איז דאָס אַ ווערטערבוך, וואָס איז פֿאַרן כּלל, הונדערט מאָל מער מחויב. אין אַלקלעיס העברעאיש־ענגלישן ווערטער־בוך, אַשטייגער, ווערן געבראַכט דעם מחברס פֿאָרשלאַגן

מיט אַ ספּעציעלן סימן, דער באַנוצער זאָל וויסן אַז דאָס האָט ער — פֿאָרגעשלאָגן (אלקלעי 1965: [iv]).

אָט זיינען כאַראַקטעריסטישע ייִדישע ווערטער וואָס ווערן „געפּסלט" (מיט איינעם פֿון די צוויי קין־צייכנס) אין ווערטערבוך, לעבן די ווערטער פֿון דער הפֿטורה וואָס דער ווערטערבוך דערלאַנגט אַלס „די ריכטיקע ווערטער": אונטערבאַוואוסטזיין—אונטערווּסיקייט; גלאָררייך—גלאָריעדיק; היימלאָז—אָנהיימיק; וועכנטלעך—וואָכנדיק, פֿאָלקסטימלעך—פּשוט־פֿאָלקיש; פֿאָרגייער—פֿאָראויסגייער \ פֿירגייער; צוקונפֿט—קומעדיקייט; ציטווייליק —דערווייליק; שלאָפֿלאָזיקייט—אומשלאָף.

אַ סך אַנדערע פֿאָרשלאַגן האָבן קיין שייכות ניט מיטן פּוריזם. זיי וואַקסן פֿון אַ הנהה אַז ייִדיש דאַרף אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט „ענטפֿערן" ענגליש:

> [...] קאָנפֿראָנטירן ייִדיש מיט אַ צווייטער ברייט אַנטוויקלטער קולטור שפּראַך. אַזאַ קאָנפֿראָנטירונג גיט אונדז אַ השגה פֿון דעם וואָס מיר פֿאַרמאָגן און וואָס עס פֿעלט אונדז. זי רופֿט אונדז אַרויס צו באַלאַנסירן דעם נחת פֿון סינאָנימען־רייכקייט אויף טייל שטחים מיט אַ דאגה וועגן דעם דערווייליקן דוחק אויף אַנדערע שטחים.
>
> (א. ווײַנרײַך 1968: ח)

די „קאָנפֿראָנטירונג" שיטה האַלט אַז טאָמער דריקט זיך עפּעס אויס אין ענגליש מיט איין טערמין, דאַרף ייִדיש אויך האָבן אַן איינאיינציקן טערמין. ס'האָט אַזאַ שׂכל, ווי לאָמיר אָנכאַפּן, אַ צונויפֿשטעלער פֿון אַ ווערטערבוך זאָל פֿאָרשלאָגן נייַע ענגלישע ווערטער אומעטום וואו ייִדיש האָט איין טערמין, ד.ה. אַז ענגליש „מוז אויך האָבן" איין טערמין

אויף אַדרבא, הסב⸗בעט, חול המועד, מה⸗דאָך, מ׳שטיינס געזאָגט, קל וחומר, תוספות און אונטערגבאי. ס׳וואָלט געווען פריילעך. אָט איז אַ בינטל מיט רעזולטאַטן פון דער „קאָנפראָנטירונג”. בדרך כלל ווערן די יידישע פאָרשלאַגן געבראַכט אויך אין יידיש⸗ענגלישן חלק פון ווערטערבוך, ווי תמיד, אָן קיין שום באַוואָרענישן אַז די ווערטער עקזיסטירן ניט:

אַהין⸗קריק⸗פּאָר round trip
אומאָפּלייקנדלעך undeniable
אינטעליגענץ⸗וויפלער I.Q.
אַליין⸗אויסקום self-sufficiency
אַנטידלות⸗פּראָגראַם anti-poverty program
אַראָפּשטאָט downtown
אַריינפּאָסט incoming mail
באַדין⸗סטאַנציע service station
גאַנצדיליקער טעפּעך wall to wall carpeting
דינגאָפּמאַך lease agreement
חוצחושיק extrasensory
חוצפּראָגראַמיק extracurricular
טעמפּ⸗איינשטעלער pacesetter
טרינקרער drinking fountain
כוואַליעלענג wave length
לאַנג⸗משכדיק long term
מוזדינסט conscription
סאָצפּאַרזיכער social security
סטילפיגור figure of speech
סך⸗ציליק multipurpose

פרייהייט⸗אָפּנעם deprivation of liberty
צניפיש⸗אַלצוויסעריש sophomoric
קריקאָנלאָדלעך rechargeable
שטאָטאויסצי urban sprawl
שטאָטבאַניי urban renewal
שיצבלעך fender
תל⸗כה destructive force

די⸗אָ פאָרשלאַגן דערפירן צו אַ מין יידיש וואָס איז סטיליסטיש און סטרוקטורעל גערעדט: „אַן איבערגע⸗טייטשטער ענגליש”, ווי עס האָבן ריכטיק באַמערקט גוטקאָוויטש און צוקערמאַן (1977: 72). אַז מ׳זאָל מוותר זיין אויף דער איינגערעדטער נייטיקייט אין איין טערמין „ווייל ענגליש האָט איין טערמין” — דער שפלות קאָמפּלעקס יאַוועט זיך ווידער — איז ניט שווער צו זען אַז אין די מערסטע פאַלן לאָזן זיך די באַגריפן יאָ אויסדריקן אויף אַ קלאָרן יידיש. אַדרבא, ס׳איז אָפטמאָל אַ סך מער אין גייסט פון יידיש צו נוצן ווערבאַלע פראַזן אָדער „צו נעמען פון דער פרעמד”. אָט זיינען אונדזערע פראָוויזאָרישע איבער⸗זעצונגען פון די זעלביקע ענגלישע טערמינען (אין זעלביקן סדר):

round trip: (בילעט) אויף הין און צוריק
undeniable: וואָס מ׳קען ניט לייקענען; ניט צום לייקענען; ניט אָפּצופרעגן
I.Q.: אינטעליגענץ ציפער (\מעסטונג \ טעסט)
self-sufficiency: קענען אַליין אויסקומען, זעלבשטענדיקייט
anti-poverty program: אַנטי אָרעמקייט פראָגראַם; פראָגראַם קעגן אָרעמקייט

downtown: דאַונטאַון (אַן אַמעריקאַנער קולטורעלער באַגריף)
incoming mail: פּאָסט וואָס קומט אָן; אָנגעקומענע פּאָסט
service station: בענזין סטאַנציע; באַדינונגס־סטאַנציע
wall to wall carpeting: געמאָסטענער טעפּעך; טעפּעך פון וואַנט צו וואַנט
lease agreement: אָפּמאַך אויף צו דינגען
extrasensory: וואָס איז אויסער די חושים
extracurricular: וואָס איז אויסער דער פּראָגראַם; צונאָב־
pacesetter: פּיים־סעטער; האַרץ סטימולאַטאָר
drinking fountain: וואַסער צום טרינקען
wave length: לענג פון די כוואַליעס
long term: אויף אַ לענגערער צייט
conscription: אָבליגאַטאָרישער דינסט; צוואַנג־דינסט; מיליטער פליכט
social security: סאָציאַלע פאַרזיכערונג
figure of speech: אימאַזש; ס׳רעדט זיך אַזוי
multipurpose: פילצוועקיק; מיט אַ סך צילן
deprivation of liberty: דאָס צונעמען \ באַרויבן \ אָפּנעמען די פרייהייט
sophomoric: ניט־דערבאַקן; אַראָגאַנט; האַלטן זיך פאַר אַ גאַנצן קנאַקער
rechargeable: וואָס מ׳דאַרף פונסניי אָנלאָדן \ צוטשעפּענען צו דער עלעקטרע
urban sprawl: אויסשפּרייטונג פון דער שטאָט; שטאָט אויס־שפּרייטונג
urban renewal: שטאָט באַנייאונג
fender: פענדער; פּאַנצער
destructive force: פאַרניכטונגס־קראַפט

פונקט ווי ס׳איז דער פאַל ביי „כשר" און „טרייף", ווייזט זיך אויך דאָ אַרויס אַז א. ווײַנרײַכס ווערטערבוך איז גאָר מעסיק אין פאַרגלייך מיט מ. שעכטערס אויסבויאיזם. אוריאל ווײַנרײַך האָט זיך באַמיט קאָנפראָנטירן דעם ט אָ ג ט ע ג ל ע כ ן ענגלישן וואָקאַבולאַר. די אויסבויאיסטן ווילן צוקלערן אַ טעכנישן יידישן וואָקאַבולאַר צו אַלע וויסנשאַפטלעכע געביטן וואָס ווערן באַאַרבעט אויף ענגליש, ניט שייך צי עמעצער אַרבעט אָדער אַרבעט ניט איבער די־אָ געביטן אויף יידיש. פאַרשטייט זיך, אַז ביי טערמינען וואָס ווערן פאַרפיקסירט פון אויסבויאיסטן, ניט פון מומחים אויף די שייכותדיקע געביטן, מ ו ז ן די רעזולטאַטן זיין הומר אויף גוטמוטיקן געלעכטער, ווי עס האָט איידל מרמז געווען יודל מאַרק בנוגע שעכטערס „באָטאַנישע טערמינען" ווייבלדיקע סאָסנע און אָפּטימיסטיש גרינשווערדל (זע מ. שעכטער 1966: 78; מאַרק 1966: 80).

דער וויכטיקסטער אויפטוער אויף דעם געביט איז שעכטערס גוטהאַרציקער קאָלעגע (פּסעוודאָנים?), א. לעמבעריקער, וועלכער פירט אָן יאָרן לאַנג מיט אַ רובריק אין זשורנאַל אויפן שוועל וואָס הייסט „אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך". צו דער באָטאַניק באַשרייבט ער דעם וואורשטבוים מיטן פלעדערמויז־בוים מיטן ים המלח רימעניק מיטן ים המלח העליאָטראָפּ (לעמבעריקער 1982: 15). צום מיליטער ווייס ער פון ראַקעטיקע גראַנאַטן און אַקסל־זעניט־ראַקעטן (לעמבעריקער 1981: 15). צו דער פיזיק ווייס ער צו דערציילן פון ריזעדיקן פּאַרטיקלען־פאַרגיכערער, און פונעם לעילא־ולעילאדיקן וועלוועלערן איבערצונויפשטויסער (לעמבעריקער 1988: 18-19). נו, שלום עליכם האָט דאָך מיט אונדז געלערנט אַז דאָקטוירים

הייסן לאַכן, נאָר איין קשיא בלייבט: צי איז דער פּריינט לעמבעריקער ערנסט מיט זיינע פֿאָרשלאַגן צי איז דאָס אַ סאַטירע וואָס די טאָלעראַנטע רעדאַקציע פֿון יענעם זשורנאַל דרוקט אָפּ אויף צו פֿאַרווײַלן די לייענער?

דאָס אַלין איז אַ ווייטער מהלך פֿון יענע געביטן וואו מ'האָט טאַקע געפֿאָרשט אויף יידיש און וואָס מ'פֿאָרשט ווייטער אויף יידיש. דאָרטן איז אויפֿגעקומען אַ ריכטיקע טערמינאָלאָגיע. בשעתן אַרבעטן קלערט מען זיך אַריין, מ'שאַפֿט, און פֿון די־אָ ווערק אויף מאָדערנע געביטן קומען נייע טערמינען. אַזוי אַרום איז דאָ אויף יידיש אַ רייכע לינגוויסטישע טערמינאָלאָגיע אַדאַנק (אין אַ גרויסער מאָס) מאַקס ווײַנרייכן. אָט ווי לייבוש לעהרער באַשרייבט אַ וואָרט אין דער פּסיכאָלאָגיע:

נעמט, למשל, אַזאַ באַגריף וואָס די דייטשן רופֿן עמפּפֿינדונג, און אין יידיש שפּירונג, דאָס איז די ספּעציפֿישע איבערלעבונג, וואָס מיר האָבן בעת אונדזערע חושים ווערן אָנגערעגט, מיר „שפּירן" אַ טעם, אַ ריח, די האַרטקייט פֿון אַ זאַך, א.ד.ג. מיט דעם וואָרט שפּירונג האָט גלאַט פּאַסירט אַ שיינע מעשה. דריי יידן, וואָס האָבן אין פֿאַרשידענע לענדער געשריבן אויף פּסיכאָלאָגישע טעמעס, זענען אינגאַנצן אומאָפּהענגיק איינער פֿונעם צווייטן געפֿאַלן אויפֿן שכל צו באַנוצן דאָס וואָרט שפּירונג פֿאַר די איינדרוקן פֿון די חושים. עס דערמאָנט אָן דער לעגענדע וועגן דער סעפּטואַגינטאַ. תלמי המלך האָט אַוועקגעזעצט צוויי און זיבעציק יידישע זקנים, יעדן אין אַ באַזונדער צימער, און זיי געהייסן איבערזעצן די תורה, און גאָט האָט זיי אַלעמען איינגעגעבן איין געדאַנק, און אַלע האָבן געמאַכט די איבערזעצונג פּונקט מיט די זעלביקע ווערטער.

(לעהרער 1929: 211)

אין סך־הכּל, אויב אַזוי, זיינען פֿאַראַן פֿיר הויפּט אינספּיראַציעס צו „פֿאָרשלאַגן" ביי די אויסבויאיסטן. זיי קומען (א) אויף צו פֿאַרבייטן ווערטער פֿונעם ניי־דייטשישן קאָמפּאָנענט אין יידיש וואָס זיי האַלטן פֿאַר „דייטשמעריש"; (ב) אויף צו פֿאַרבייטן ווערטער פֿונעם אַלטן גערמאַנישן קאָמפּאָנענט אין יידיש וואָס זיינען, לויט זייער אויסבויאיס־טישן חוש, „צו נאָענט" צו דייטש; (ג) אויף אויסצודריקן מיט איין טערמין דאָס וואָס אויף ענגליש דריקט זיך אויס מיט איין טערמין; (ד) אויף באַגריפֿן פֿון דער מאָדערנער טעכנאָלאָגיע וואָס קיינער פֿאָרשט ניט היינט צו טאָג אויף יידיש. דער בשותּפֿותדיקער פּועל יוצא ביי די פֿיר גורמים איז אַן איינאיינציקער: אַ ים מיט אויסטראַכטעכצער וואָס זיינען נאָר פּעאיק ברענגען יידיש — היזק.

יידיש איז אַ ספּעציפֿישע שפּראַך מיט ספּעציפֿישע אייגנאַרטיקייטן. די אָרעמקייט אין טעכנאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע איז לחלוטין ניט קיין חסרון, כּל זמן קיין פּראָפֿעסיאָנאַלן אויף די־אָ געביטן פֿאָרשן זיי ניט אויס אויף יידיש. שפּראַך־פֿילאָזאָפֿיש איז די ספּעציפֿישקייט פֿון דער יידישער שפּראַך אַ פֿאַקט פֿון איר עקזיסטענץ.

יודל מאַרק האָט זיך וועגן דעם אויסגעדריקט אָט אַזוי אָ:

הכּלל, עס איז אַ געבאָט אויף אונדז יאָ צו שאַפֿן נעאָלאָגיזמען. איז עס אָבער אַ הפֿקר־פֿעלד? בשום אופֿן ניט. פֿון איין זייט מוז אַ נעאָלאָגיזם ווי ניט איז ווערן באַרעכטיקט [...] און אַ הסכּם מוז פֿון ערגעץ קומען.

(י. מאַרק 1952ב: 70)

יודל מאַרק האָט אויך גוט פֿאַרשטאַנען, אַז די

באַשאַפֿער פֿון נײַע ווערטער וואָס נעמען זיך אָן זײַנען אין רוב פֿאַלן: די פּאָעטן (מאַרק 1954: 1). ד.ה. — ניט די לינגוויסטן. און ער האָט רעכט.

מעינקע קאַץ האָט באַוואָרנט קעגן די עמערס מיט אויסבויאיסטישע פֿאָרשלאַגן בזה הלשון:

> קלאָר אַז אַזוינע ווערטער זײַנען ניט קיין געראָטענע חידושים, נאָר ווערטער אַרויסגעזויגן פֿון פֿינגער, ווערטער — ווענט⸗קריכער אָדער ווערטער וואָס זיצן אויף טערקיש, ווערטער וואָס פֿאַרגרילצן דאָס האָב און גוטס פֿון אונדזער לשון.
>
> יע, יידיש ווערט פֿאַראָביונט אָן נײַע ווערטער, נאָר איידער אונדזערע רבנים כשרן נײַע ווערטער מוזן זיי זיך צוהערן צום פֿאָלק כדי צו וויסן אויב דאָס וואָרט האָט אַ יידישן טעם. [...] מײַנע אויערן ווערן פֿאַרגראַגערט [...] פֿון אַזוינע באַנײַטע „חידושים".
>
> (מ. קאַץ 1979א: 9)

לאָמיר פֿאַרענדיקן מיט אַ קאָנטראַסט צווישן דער הײַנטיקער קאָנפֿראָנטירונג מענטאַליטעט, און דעם גרויסן פּיאָנער פֿון דער יידישער לעקסיקאָגראַפֿיע אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, י. מ. ליפֿשיץ, וועלכער האָט אַזוי געטריי אָפּגעשפּיגלט דעם עכטן אוקראַיִנישן יידיש. אין זײַן רוסיש⸗יידישן ווערטערבוך, וואַרפֿט זיך אין די אויגן די אומגעהייער גרויסע עשירות פֿון יידיש אויף אָן אַ שיעור געביטן פֿון מענטשלעכן לעבן און טראַכטן. אין דער זעלביקער צײַט, האָט דער מחבר ניט מורא געהאַט אַן אײַנאײַנציקן רוסישן טערמין איבערצוזעצן מיט אַ דעסקריפּטיווער יידישער פֿראַזע, למשל: „דער וואָס פֿאַרזשמורעט די אויגן" (1869: 85); „דאָס וואָס מע דעקט

אײַן די ראָשטשינע דערמיט" (122); „דער וואַרשטיט פֿון אַ קאָוועל" (126); „די קאַמער אין אַ שיף וואו סע ליגט פּולווער" (130); „דער סוחר פֿון געפּעקלטער סחורה" (130); „דער רימען וואָס אַ שוסטער גייט בײַ דער קני" (272); „דער וואָס רעדט מיט משלים" (292); „דאָס שטיק פֿעלד צווישן אַ טראַקט און אַ דאָרף" (304); „די זאַך וואָס איז פֿון דער נאַטור געבוירן, די ניט געמאַכטע זאַך" (337); „דער מענטש וואָס גיט זיך אַ פֿאַלשן נאָמען אָדער טיטל" (337).

השפּעות פֿון דער לאַנדשפּראַך

יידיש איז אַ שפּראַך אָן אַ מלוכה. איז עס מדעיקרא וויכטיק צו היטן, אַז דער יידיש פֿון אַוועלכן ניט איז לאַנד זאָל ניט פֿאַרפֿלייצט ווערן מיט ווערטער און קאַלקעס (ליי⸗איבערזעצונגען) פֿון דער לאַנדשפּראַך. אַזעלכע פֿאַרפֿלייצונגען זײַנען אָפֿט דער ערשטער שטאַפּל פֿון איבערגאַנג צו דער לאַנדשפּראַך. אַזוי אַרום איז דאָס „היטן די גרענעצן אויף וויפֿל מ'קען" פֿאַרבונדן ניט נאָר מיט דער קוואַליטעט פֿונעם יידיש פֿון אַוועלכן ניט איז לאַנד, נאָר אויך מיט זײַן עצם קיום.

נאָר וואָס, מ'טאָר ניט איבערכאַפּן די מאָס. אַן עקסטרעמער פּוריזם באַקומט זיך מאָדנע אַפֿילו פֿאַר די געטרײַסטע טוער אויפֿן געביט פֿון יידיש, פֿאַר די אויערן פֿון סאַמע יידישע שרײַבער. טאָ וואָס איז געדרונגען? אין איטלעכן לאַנד איז פֿאַראַן אַ קאָרפּוס פֿון טאָגטעגלעכע ווערטער און אויסדרוקן וואָס ווערן גענוצט בעל⸗פּה. זיי

ווערן אויסגעמיטן בכתב און זיי ווערן אויך באַוואוסטזיניקערהייט אויסגעמיטן ביים צונויפרעדן זיך מיט יידיש רעדנדיקע פון אַנדערע לענדער. אין אַמעריקע גיין דאָ אַריין אין חשבון אָלרייט 'מהיכא תיתי', 'גוט'; נאָ 'ניין'; קאַר 'אויטאָמאָביל'; מאַכן פּראָגרעס 'פּראָגרעסירן'; טרייבן 'פירן (אַ מאַשין)'. אין די רוסיש רעדנדיקע לענדער: דאַ 'יאָ'; כאַראַשאָ 'גוט'; סטאַנצאָווקע 'סטאַנציע'; זיך אָנגעבן אין דעמיסיע 'רעזיגנירן'.

די לאַנדשפּראַך פראַגע איז אין פּרינציפּ אַנדערש אין די וועלט צענטערס פון יידיש, דער עיקר: צפון אַמעריקע, ארץ ישראל און די לענדער פון געוועזענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, פשוט דערפאַר ווייל דאָרטן וואו אַן אָנזעעוודיקע צאָל שרייבער נעמען אָן השפּעות, גייען זיי אַריין אין אוצר פונעם וועלט יידיש. דאָס קען ניט געזאָגט ווערן וועגן, לאָמיר אָנכאַפּן, די השפּעות פון פּאָרטוגעזיש אין בראַזיל צי שוועדיש אין שוועדן, וואו דאָס אויספעלן פון השפּעה איבער דער יידיש וועלט בכלל איז גורם אַז די לאָקאַלע השפּעות זאָלן בלייבן — לאָקאַל.

אין סאַמע ערשטן נומער פון זשורנאַל יידישע שפּראַך האָט ש. ניגער פאַרעפנטלעכט זיין באַוואוסטע אַרבעט איבער אַנגליציזמען א. ט. „לאָמיר זיי כשרן" (ניגער 1941). פונעם נאָמען פון דער עסיי, טאָר מען אָבער ניט דרינגען אַז ניגער איז געקומען מיטן „באָיטשיק וואָס האָט געוואָקסט אין סטריט". ניגער האָט פאָרגעשלאָגן פאָרזיכטיקע און מעסיקע אַריינלאָזונג פון ווערטער און קאָנסטרוקציעס וואָס האָבן שוין במילא אַ דריסת רגל ביי אָפּגעהיטע שרייבער (צ. ב. אָלרייטניק, בלאָף, פעדלער). ווי אַ פּאַראַלעל ברענגט ניגער מענדעלעס צווייטע אויסגאַבע פון פישקע דער קרומער, וואו

נאַראָד איז געוואָרן עולם, אָבער טאָרעט איז פאַרבליבן טאָרעט. אין צווייטן נומער פון זשורנאַל, האָט מאַקס ווײַנרייך געענטפערט און אויפגעשטעלט די קאַטעגאָריעס: קאָרעקטע שפּראַך; יידישע קולטור שפּראַך אין אַמעריקע; די קולטורעלע כלל־שפּראַך (מ. ווײַנרייך 1941: 41-46). אין זיין הקדמה צו סטוטשקאָווס אוצר האָט ער דעם ענין באַוויזן קורץ און שאַרף צו באַשרייבן:

> אַחוץ דער „רעגעלער" שפּראַך, וואָס זי איז אַ פענאָמען פון דיסאינטעגראַציע, זיינען פאַראַן לכל הפחות נאָך דריי שפּראַך שטאַפּלען: די קאָרעקטע שפּראַך אויף אַ מער היימישן שטייגער; די קולטור שפּראַך פאַר אַמעריקע גופא; די קולטורעלע כלל־שפּראַך פאַר יידן איבער דער גאַנצער וועלט. אין דער היימישלעכער קאָרעקטער שפּראַך קענען מיר נוצן אַזוינע ווערטער און אויסדרוקן ווי אָלרייט, אָנגיין מיט דער אַרבעט, גוט אָפּ, באַדערן, ביזי ביי קלאָוקס, טראָבל, פּייקער א.ד.ג. אָבער אין דער קולטור שפּראַך, אַפילו ווען זי איז אויסגערעכנט אויף אַמעריקע און נישט מער, קלינגען אָט די שפּראַך עלעמענטן פּראָסטלעך. מיר וועלן אָבער אויף דעם דאָזיקן שטאַפּל יאָ נוצן אַזוינע ווערטער ווי יוניאָן אָדער פּובליסיטי, און כאָטש מיר וועלן בשום אופן ניט זאָגן, אַז שיקאַגאָ ליגט וועסט פון ניו־יאָרק (דאָ מוזן מיר זאָגן: אויף מערב) און מיר וועלן לחלוטין פאַרבראַקירן סטריט, וועלן מיר אָבער ניט געפינען קיין סירכא אין: וועסט 123טע גאַס. געוויס וועלן מיר נוצן, אַפילו אויף דעם שטאַפּל פון פּשוטער קאָרעקטקייט, יאָר און סימפּאַטיקער, ניט אײַאָרײַן און סימפּאַטײַזער. אָבער לאָיער וועלן מיר אַוודאי זאָגן, אין דער קולטור שפּראַך אויך, ווען מיר רעדן וועגן דעם שכנס איידעם אין ברוקלין, און ס'איז אויך רעכט ביי אַ משפּט (אָדער אַ פּראָצעס, אָבער ניט קיין טרײַעל) אין וואַשינגטאָן; טאָמער גייט אָבער וועגן דעם דרייפוס פּראָצעס אָדער דעם

ביילים פּראָצעס, וועלן מיר נוצן ניט אַנדערש דאָס כלל־שפּראַכיקע וואָרט: אַדוואָקאַטן. וואָס בכלל ניט און וואָס יאָ, און וואָס יאָ אויף וואָסער שטאַפּל — דאָס דאַרף אונדזער שפּראַך טאַקט אונטערזאָגן. פון פאַל צו פאַל קענען זיין חילוקי דעות צוליב אונטערשיידן אין אינדיווידועלן געשמאַק; אָבער די מאָסן זיינען מאָסן.

(מ. ווײַנרייך 1950: xvi)

אין דער געשריבענער שפּראַך דאַרף מען זיך היטן, סיי פאַר איבעריקע קאַלקעס פון דער לאַנדשפּראַך און סיי — פאַרן איבערגעטריבענעם פּוריזם. ל. שאַפּיראָס סך־הכל פונעם ענין קאַלקעס איז געבליבן אַזוי פריש און קלאָר ווי דעמאָלט ווען ער האָט עס פאָרמולירט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק:

איך האָב אויפגעהערט זיך שרעקן פאַר נעמען פון אַנדערע שפּראַכן נישט נאָר ווערטער וואָס מיר פאַרמאָגן ניט זייער עקוויוואַלענט, נאָר אַפילו סינטאַקטישע פאָרמען און ווענדונגען, אויב נאָר זיי זענען ניט שטרענג אידיאָמאַטיש. אַן אמתער אידיאָם קלינגט זינלאָז ווען איבערזעצט ווערטערלעך אין אַן אַנדער שפּראַך. אָבער אָט פאַרענדיק איך מיינע אַ דיסקוסיע מיט די ווערטער: „וואָס דאָס איז ווי עס דאַרף צו זיין”. אַוודאי איז עס גענומען פון ענגליש, אָבער דאָס קאָן מען גלייך פאַרשטיין אין יעדער שפּראַך. אַזעלכע זאַכן זענען בלויז אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע דערגרייכונג אין טאָן און געדאַנק, און עס איז ניטאָ קיין גרונד זיך פון זיי אָפּצוזאָגן. איז ווען עס וועקט מיין פאַנטאַזיע, קלינגט גוט צו מיין אויער און איז זיס צו מיין גומען, איז עס גוטער יידיש.

(שאַפּיראָ 1945: 17-18)

אמת, ניט יעדער איינער האָט דעם טאַלאַנט און דעם

חוש פון ל. שאַפּיראָ. און דאָך איז דער אַרויסזאָג זיינער אַ ריכטיקער אין פּרינציפּ. דאָס רעדט ניט קיין פאַרשפּרייטער פון „פּאָטייטאָ יידיש”. דאָס רעדט אַ שרייבער, אַ מענטש, וואָס איז טיף פאַרליבט אין יידיש און איז איינער פון אונדזערע גרעסטע סטיליסטן. מיט עטלעכע שורות ווייטער האָט ער זיך „מודה געווען”:

וואָס זאָל איך לייקענען? — די יידישע שפּראַך האָט מיר אָפּגעטאָן אַ כישוף. זי איז סוף כל סוף מיין שענסטע געליבטע, און איך האָף צו שטאַרבן ביי אירע פיס. —

(ל. שאַפּיראָ 1945: 18)

נעמען

אָנשטאָט אַ הקדמה — אַן אויסצוג פון מ. נודעלמאַנס אַ הומאָרעסק:

אויפן ברית האָב איך מיך געפרייט, — ס׳ערשטע אייניקל לויטן אַמעריקאַנער שניט.
איך האָב מיך אָבער, אויפן ברית, אויך געשראָקן.
כ׳האָב מורא געהאַט, מ׳זאָל אים, חלילה, ניט אַ נאָמען געבן „דאָנעלד”, נאָך זיין עלטערזיידן, דוב־בער עליו השלום.
אָדער — „מילטאָן”, נאָך זיין פעטער ר׳ מאיר־איציק, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער דאָרט האָבן.
אָדער גאָר — „קריסטאָפער”, נאָך זיין עלטערפעטער, ר׳ קלמן־ברוך, זכרונו לברכה.
אָבער אַזוי ווי איך האָב נאָר דערהערט, אויפן ברית, דעם „ויקרא שמו אירווינג”, איז מיר אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן, און ס׳איז מיר געוואָרן יום־טובדיק אויף דער נשמה.

אַבי — אַ יידישער נאָמען: „אוירווינג״!

(נודעלמאַן 1960: 46)

מדעיקרא געהערן נעמען פון מענטשן דעם תחום פון רשות היחיד. איטלעכער מעג זיך אָנרופן ווי ס׳גלוסט זיך אים אָדער איר, סיי ביים ריידן סיי ביים שרייבן. אַזוי אַרום איז פון לינגוויסטיש⸗גראַמאַטישן שטאַנדפונקט דאָ ניטאָ וואָס צו ריידן. דאָ איז ניט שייך יענעם צו געבן עצות. אַנאַליזירן מעג מען. הלוואַי זאָל אַ טאַלאַנטירטער פאָרשער נעמען אָנשרייבן אַ מאָנאָגראַפיע איבערן רייכן קאָמפּלעקס פסיכאָלאָגישע, סאָציאָלאָגישע און אידעאָלאָגישע פאַקטאָרן, וואָס שפילן דאָ אַ ראָלע. דאָ וועלן מוזן קלעקן אַ פאָר באַמערקונגען צום ענין, וואָס מיר האָפן, אַז זיי וועלן אינספּירירן אַנדערע צו פאַרטיפטער אַרבעט. דאָס גאַנצע איצטיקע בוך איז סוביעקטיוו, און די ווייטערדיקע באַמערקונגען — סוביעקטיוו שבסוביעקטיוו.

אין אַ „נאָרמאַלער״ געזעלשאַפט זיינען פאַראַן נאָרמעס מכח פערזענלעכע נעמען, וואָס ווערן פרייוויליק אָפּגעהיט דורך דער באַפעלקערונג. צי מ׳גיט אַ נאָמען נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם, ווי ביי אַשכנזים, צי נאָך אַ לעבעדיקן, ווי ביי אַנדערע, צי מ׳קלייבט אויס אַ שיינעם נאָמען וואָס איז באַקאַנט, זיינען מערסטע טאַטע⸗מאַמעס אויסן זייער קינד צו געבן אַ נאָמען וואָס וועט דעם קינד ניט שאַפן קיין „בושות״ ביי אַנדערע קינדער.

אין דער פאַרמלחמהדיקער מזרח אייראָפּע (און אין אַ געוויסער מאָס אין טראַדיציאָנעלע קהילות היינט צו טאָג), איז געווען אַן איינגעפונדעוועטע ברייט⸗אַנטוויקלטע סיסטעם וואָס איז באַשטאַנען פון אַ סך שיכטן. די יסודותדיקסטע דריי אין פריוואַטן לעבן: דער פאָרמעלער נאָמען (דער „אויפרוף נאָמען״), דער טאָגטעגלעכער נאָמען (דער „נאָמען״) און דער דימינוטיוו („פאַרצוינגן״). דוגמאות פון סווינציאַן (אַמאָליקער ווילנער גובערניע, היינט ליטע): פאָרמעל צפורה, אברהם; טאָגטעגלעך ציפע, אַווראָמע; פאַרצוינגן ציפקע, אַווראָמקע. אין גאָר אַ סך פאַלן זיינען די דימינוטיוון געוואָרן „סתם נעמען״ פאַר זיך.

אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט האָט מען מענטשן אָנגערופן מיט דרייערלייביינעמען — דעם פאָרמעלן (אין בית⸗מדרש, ביים חתונה האָבן און אויף מצבות): צפורה בת אליעזר, אברהם בן אהרן⸗זאב; טאָגטעגלעך: ציפע לייזערס, אַווראָמע אהרן⸗וועלוולס; פאָפּולער (דער צונאָמען): ציפע די געלע, אַווראָמע זייגערמאַכער.

מ׳דאַרף אויך האַלטן פאַרן אויג אַז יידישע נעמען באַשטייען אָפּטמאָל, היסטאָריש גערעדט, פון צוויי נעמען וואָס פונקציאָנירן אין דער שפּראַך ווי איין נאָמען: גיטע⸗ביילע און חיים⸗לייזער זיינען לחלוטין ניט צום פאַרבייטן מיטן מערבדיקן „גיטע ב.״ און „חיים ל.״.

רעאַליסטיש גערעדט, האָט זיך דאָס אַלץ ניט געקענט אויפהאַלטן אויסער דער מזרח⸗אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. אין די אימיגראַציע לענדער פון נײַנצנטן יאָרהונדערט און ביזן היינטיקן טאָג איז דער נאָרמאַלער, דורכשניטלעכער גאַנג (מיט אַ קליינער צאָל אויסנאַמען): אַוועקוואַרפן די גאַנצע יידישע סיסטעם נעמען און אָננעמען אַ נאָמען פון דער לאַנדשפּראַך וואָס הייבט זיך אָן מיטן זעלביקן קלאַנג, און אויפהיטן אַ נוסח (בדרך כלל בלויז דעם אויפרוף נאָמען, און דאָס אויך אָפטמאָל העברעאיזירט, און אין דער צווייטער העלפט צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אויך: ספרדיזירט) פאַר

דער ניי⸗וועלטישער תלמוד⸗תורה, פֿאַר דער בר מצווה און נאָך אַ קליין ביסעלע ראַנדיקע באַנוצונגען אין גאַנג פֿונעם מענטשלעכן לעבן.

אין די מערבֿדיקע לענדער האָבן זיך יידישע פֿאַמיליע נעמען על פּי רובֿ געהאַלטן.

אין ארץ ישראל, פֿאַרקערט, ווי אַ פּועל יוצא פֿונעם אידעאָלאָגישן העברעאיזם און אַן אָפֿענער פּאָליטיק קעגן יידישע נעמען מצד דער רעגירונג אין גאַנג פֿון אַ סך יאָרן, זיינען טויזנטער יידישע פֿאַמיליע נעמען אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן און פֿאַרביטן געוואָרן אויף מאָדערנע העברעאישע נעמען, למשל: פֿון רפֿאלאָוויטש — בן⸗רפֿאל (bɛn rəfaɛ́l); פֿון ווייס — לבֿני; גאָלדבערג — זהבֿי. אין אַ סך פֿאַלן האָט מען סתם גענומען „אידעאָלאָגיש כשרע" העברעאישע נעמען, למשל: הרמתי (haramáti), הר הגלבוע (har hagilbóa). ביי פּרט⸗נעמען, איז פֿונעם יידישן נאָמען אָפֿטמאָל קיין זכר ניט געבליבן. נאָך אַ באָבע ויסל גיט מען אַ נאָמען מתוקה (mɛtúka), נאָך בלומקע — שושנה (šošána), נאָך שיינדל — יפֿה (jáfa).

צום גרויסן באַדויערן, איז אָנגענומען אין גאָר אַ סך העברעאישע טאָגשולן איבער דער וועלט, די יידישע נעמען אויסצואוואָרצלען דורכן באַשמוצן זיי אין די אויגן פֿון די תּלמידים שוין פֿון ערשטן קלאַס. איך געדענק אַליין אין ניו⸗יאָרקער העברעאישע טאָגשולן, ווי אַזוי לערער האָבן אַשטייגער יעדע זיסל געגעבן צו פֿאַרשטיין אַז זיסל איז „ניט קיין נאָמען" אָדער אין בעסטן פֿאַל: „אַ גרייז", און די תּלמידה דאַרף מהיום והלאה הייסן אַזוי און אַזוי. עס גייט די רייד וועגן דעם „נאָמען פֿאַר די קלאַסן אין דער העברעאישער שול" מחמת די⸗אָ קינדער רופֿן זיך נאָר מיט

אַן ענגלישן (צי אַ שפּאַנישן, פֿראַנצייזישן וכו') נאָמען אין טאָגטעגלעכן לעבן. ס'איז ניט צום גלייבן אַז אַזויפֿל יאָר נאָכדעם ווי מדינת ישראל און דער מאָדערנער העברעאיש זיינען אַזוי פֿעסט עטאַבלירט, פֿירט זיך נאָך די קולטורעלע מלחמה קעגן יידיש אין העברעאישע טאָגשולן איבער דער גאָרער וועלט. פֿאַרשטייט זיך אַז די מלחמה קעגן די יידישע נעמען איז ניט אָפּצוטיילן פֿונעם באָיקאָט קעגן יידיש, וואָס האַלט זיך אייזן פֿעסט אינעם ווייט גרעסטן רובֿ פֿון די⸗אָ שולן. יידישע שרייבער לערנט מען נאָך היינט אין העברעאישער איבערזעצונג אָן קיין שום דערמאָנונג אַז די ווערק זיינען איבערגעזעצט געוואָרן פֿון יידיש.

אין די ביידע פֿאַלן, סיי אין די מערבֿדיקע לענדער, סיי אין ארץ ישראל, איז דאָס אַוועקוואַרפֿן יידישע פּרט⸗נעמען געווען פֿאַרבונדן מיט סאָציאָלאָגישע פּראָצעסן. אין דער מערבֿדיקער וועלט — מיט אַסימילאַציע, און אין ארץ ישראל — מיט אַ בפֿירוש „זשאַרגאָן⸗פֿרעסערישן" אידעאָלאָגישן העברעאיזם. ניט יעדער יחיד אין די ביידע פֿאַלן איז אַליין אַ „דענקער", וואָס האָט זיך ביי זיך אין האַרצן אויסגעאַרבעט אַ „שיטה". נאָר וואָס, די מערסטע מענטשן פֿאָלגן נאָך די נאָרמעס אין די געזעלשאַפֿטן אין וועלכע זיי געפֿינען זיך.

אַז מ'וועט ריכטיק אויספֿאָרשן די אַלע גורמים צום מאַסנווייזן אַוועקגיין פֿון יידישע נעמען, וועט מען געפֿינען אַ ברייט⸗פֿאַרצווייגטע נעץ פֿון פֿאַקטאָרן, סיי יחידישע, סיי געזעלשאַפֿטלעכע: קאָמפּלעקסן וועגן יידיש, זעלבסט⸗שנאה צו די אייגענע היסטאָרישע שרשים, אַ ווילן אָנגענומען צו ווערן (און אַ ווילן די קינדער זאָלן אָנגענומען ווערן) אין נייעם לאַנד.

אויסער חסידישע קרייזן (צום טייל), און אַ פּיצינקן הייפעלע ייִנגערע ייִדישיסטישע קרייזן (דער עיקר אין ניו־יאָרק), זײַנען די ייִדישע נעמען „אַריין אין דער געשיכטע”. מער פון אַלץ — אַזעלכע נעמען וואָס דעקן זיך ניט מיט העברעאישע (שיינדל, בענדע); מער פון אַלץ — די „טאָפּלטע” ייִדישע פּרט־נעמען (סימע־לאה, אבא־לייזער).

אַז עס טרעפט אין אַ געזעלשאַפט, אַז אַ געוויסער מין נאָמען ווערט אַרכעאיש, איז דאָס באַנוצן זיך מיט אַזאַ מין נאָמען, און דאָס געבן קינדער אַזעלכע מיני נעמען, שוין ניט קיין ענין נאָר פון „פּערזענלעכער פּרעפערענץ”, ס׳איז אַן אידעאָלאָגישע דעקלאַראַציע. דעם פּאַטריאָט פון ייִדישע נעמען (און מיר האַלטן זיך גראַדע פאַר פּאַטריאָטן פון ייִדישע נעמען), קען אויסקומען מאָדנע (און טרויעריק), וואָס אָטאָ די נעמען זײַנען היינט געוואָרן „דעקלאַראַציעס”, אָבער: דער סאָציאָלינגוויסטישער אמת איז עס פּאָרט.

צי לוינט זיך דעם יחיד זיך אַרײַנצושטעלן אין דער „פּריקרער” לאַגע, וואו דער אייגענער נ אָ מ ע ן איז אַ „דעקלאַראַציע”? צי לוינט זיך עלטערן געבן קינדער נעמען וואָס וועלן זײַן מאָדנע אין די אויגן פון אַנדערע קינדער? דער ענטפער שטעקט אין דעם, צי מ׳וויל מאַכן אַזאַ דעק־לאַראַציע. זיך אַנטקעגנשטעלן דעם שטראָם פאָדערט באַ־האַרצטקייט און דעם אמת געזאָגט: אידעאַליזם. ניט יעדער „מאַיקל” וויל זיך רופן „מרדכי” און ניט יעדער „מרדכי” וויל זיך רופן „מאָטל”. דאָס אויסקלייבן אַ ספּעציפיש־ייִדישן נאָמען (למשל: Srul, Srol, Srolik, Srolke) פאָדערט אַשטייגער מער „געוואַגטקייט”, מער „כאַראַקטער” אין דער היינטיקער סאָציאָלאָגיע פון דער זאַך, איידער אַ נאָמען וואָס דעקט זיך מיטן „פּאָפּולערן” העברעאישן (Yisrael). אַ

לאַטייניש שרייבונג וואָס פאָלגט די אַשכנזישע הברה, פאַרנעמט אַ סאָציאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישן מיטלפּונקט (Yisroel). אַזוי אַרום זעט זיך למשל אין אַמעריקע, אַ קאָנטינואום פונעם אוניווערסאַלן אָנגענומענעם נוסח ביי די מיליאָנען (אַן ענגלישער נאָמען און שוין — Isidore, Ira, Irving וכו׳), ביזן סאַמע „ייִדישיסטישן” נוסח וואָס עקזיסטירט ביי אַ געציילטע פאָר יחידים, און אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, ביי טראַדיציאָנעלע פרומע ייִדן.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס עס האַלט מיט ייִדישע נעמען שמאָל, דאַרף מען — אַזוי האַלטן מיר — זיך סטאַרען אויפהיטן אונדזערע דור־דורותדיקע נעמען, קודם כל אין ייִדיש גופא. דאָרטן וואו אַ טראַדיציאָנעלע שרייבונג איז ניט צום לייענען ריכטיק („ריכטיק” הייסט בהסכם מיטן פאַקטישן אַרויסרייד), מעג מען (אויב מ׳וויל!) פ אָ נ ע ט י ז י ר ן. מיר זײַנען פולשטענדיק מסכים מיט שעכטערן:

> גנבעט זיך אַריין אַן אפּיקורסישע מחשבה: אפשר וואָלט גאָר געווען אַ שכל ביי ספּפקדיקע פאַלן די תנכישע נעמען בכלל אויסלייגן „נאַטוראַליזירטערהייט”?
>
> (שעכטער 1991: 1)

דאָ שטעקט אַפילו ניט קיין אפּיקורסות. דאָ גייט אין שכל הישר. דודל לייענט זיך ליטוויש dɔ́vidl, דרומדיק dúvidl, איז ניטאָ קיין צרה. אַז אַ ייִד וואָס שטאַמט פון פוילן הייסט אָבער avréjml, און אַ פרוי וואָס שטאַמט פון דער ליטע הייסט xánkə, איז עס אָבער גאָר אַן אַנדער ענין. אברהמל קען אויך זײַן avréml, avrúml, און נאָך וואָס. חנהקע לאָזט זיך גרייליך פאַלש לייענען xánəkə, איז דער דין: אַווריעמל

און כאַנקע און אַראָפּ פון מאַרק. אַזוי אויך: דוועירקע, יעיסקע, מאָינע, מעישקע. היות ווי דעם פּתח צוויי יודן נוצט מען ניט על פּי רוב, איז כדאַי אָנווענדן די ספּעציאַליזירטע דיפטאָנגען (זע אויבן זז. 153-152).

די קליינע צאָל מענטשן וואָס ווילן אויפהיטן יידישע נעמען אויך אין דער לאַנדשפּראַך (אויסער די פרומע קרייזן), נוצן אָפטמאָל די אָפיציעלע „ייוואָ טראַנסקריפּציע", אַזוי אַרום Khane אויף חנה, Shike אויף שיקע. די וואָס זיינען צופרידן דערמיט, זאָלן די סיסטעם נוצן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. נאָר וואָס? מ'טאָר אָבער חלילה ניט מאַכן פון דער ייוואָ טראַנסקריפּציע (וואָס איז אויסגעצייכנט פאַר ביבליאָגראַפישע צוועקן) אַ מין „סטאַנדאַרד", ווייל דעמאָלט הייבן אָן פּערזענלעכע נעמען אויסזען גאָר ניט ווי נעמען אלא וואָדען, ווי איינסן אין אַ ביבליאָגראַפיע. יידישע נעמען אויף די לאַנדשפּראַכן דאַרף מען אויסלייגן ווי אַזוי ס'איז באַקוועם דעם נוגע בדבר. אָטאָ די באַקוועמלעכקייט נעמט זיך אָפטמאָל פון דער צוגעפּאַסטקייט צו דער אָרטאָגראַפישער סיסטעם פון דער לאַנדשפּראַך און צו דעם וואָס וועט געלייענט ווערן ריכטיק אין דער לאַנדשפּראַך. אין אַמעריקע למשל וואָלט Badonna געווען אַ סך נעענטער סיי צו באַדאַנע סיי צו אַ פאָרמע וואָס זעט בכלל אויס ווי אַ נאָמען אויף ענגליש, איידער Badane וואָס לאָזט זיך פאַלש לייענען bədéjn, ד.ה. „בעדעין". וואָס שייך די ענגליש ריידנדיקע לענדער, איז די בעסטע רשימה ביז היינט צו טאָג אַלכסנדר האַרקאַוויס, אין זיין צוגאָב צום דריישפּראַכיקן ווערטערבוך (האַרקאַווי 1928: 530-525; פגל. ה.־ד. קאַץ 1988: xxxvi-xxxv). דאָרטן געפינט מען למשל Alter אויף אַלטער, Bluma אויף בלומע, Dobra אויף דאָברע, Złatta אויף זלאַטע, Charna אויף טשאַרנע, Simma אויף סימע, Keila אויף קיילע. האַרקאַווי האָט אונדז באַוויזן ווי אַזוי יידישע נעמען קענען אויסזען חנעוודיק און *ניט* אויסטערליש אויף דער לאַנדשפּראַך. הכל תלוי בטראַנסקריפּציע.

געאָגראַפישע נעמען

ביי נעמען פון שטעטלעך, שטעטעלעך און דערפער, איז וויכטיק צו פּרעזערווירן די יידישע נעמען און ניט סתם אָננעמען דעם אָפיציעלן נאָמען ביי די זיגער אין דער לעצטער מלחמה אין מזרח אייראָפּע. אויף יידיש איז דאָ אַ שטעטל אָזשערנע, ניט יעזשיערנאַ (אין מזרח גאַליציע); סווינציאַנקע (אָדער: ביי סווינציאַן), ניט שווענטשיאָנעליַי (אין ליטע). זע בירנבוימס טאָפּאָנימישע רשימה (1979: 141-135) און שעכטערס געזאַמלטע טראַדיציאָנעלע אָרט־נעמען (1986א: 49-17).

אין היסטאָרישע און געאָגראַפישע באַשרייבונגען איז עס אָבער וויכטיק ברענגען *אויך* דעם איצטיקן אָפיציעלן נאָמען, דער לייענער זאָל דאָס אָרט קענען געפינען אויף אַ מאַפּע און טאַקע — אויף דער וועלט גופא. פרילינג 1992 איז מיר אויסגעקומען גאַנצענע טעג צו זוכן קאַבילניק (אַמאָליקע ווילנער גובערניע, היינט ווייסרוסלאַנד), ניט וויסנדיק אַז היינט הייסט עס — נאַראָטש.

ביי געאָגראַפישע נעמען וואָס זיינען אָבער געוואָרן *באַגריפן* אין דער יידישער ליטעראַטור און קולטור

(דער עיקר ווערט דאָס הייסן גרעסערע שטעט און לענדער), דאַרף מען זיך האַלטן ביי דעם אָנגענומענעם נאָמען אַפילו אויב מ׳האָט עס „דעמאָלט" גענומען פון דער לאַנדשפּראַך צי פון דייטש, אָנשטאָט פון שייכותדיקן וואַריאַנט פון יידיש. טעאָרעטיש וואָלט בעסער געווען אפשר לעמבעריק און מאָסקעווע, נאָר פאַרפאַלן: די יידישע ליטעראַרישע שפּראַך האָט אָנגענומען לעמבערג און מאָסקווע. והוא הדין.

מאָרפֿאָלאָגיע און זאַץ־בוי

גראַמאַטישער מין

וואו אַ מחלוקת צווישן אוריאל ווײַנרײַכס ווערטערבוך (א. ווײַנרײַך 1968) און יודל מאַרקס כּללים 2–23 און זײַן „ווערטערביכל פֿון סובסטאַנטיוון מיט אָנווײַזונגען פֿון גראַמאַטישן מין" וואָס אין זײַן גראַמאַטיק (מאַרק 1978: 122–160), איז דער דין: הלכה כּיודל מאַרק. און דער טעם דערפֿון איז, וואָס יודל מאַרק האָט אויסגעזוכט די פּרעוואַלירנדיקע פֿאָרמע אין דער נײַער יידישער ליטעראַרישער שפּראַך (מיט אַנדערע ווערטער: וואָס איז מער יידיש) בעת ווײַנרײַכס ווערטערבוך האַלט זיך בדרך כּלל בײַם פּרינציפּ „וואָס ווײַטער פֿון דײַטש" (צי „וואָס ווײַטער פֿון העברעאיש" וכדומה). מיעוט־פֿאָרמען קענען אַוודאי גילטן אַלס לעגיטימע דיאַלעקטיזמען נאָר ווער ס'וויל אויסזוכן די בילכערע פֿאָרמע אין אונדזער ליטעראַרישער שפּראַך, דאַרף דאָס וואָרט אויפֿזוכן בײַ מאַרקן (בײַ בײדן ווערן די רעקאָמענדירטע וואַריאַנטן געגעבן צוערשט). אַזוי אַרום: די אחריות, די געגנט, די ממשות.

קוקנדיק ווײַטער איידער די פּאַראַנענע וואַריאַנטן בײַ אַזאַ אָדער אַזאַ וואָרט (למשל: דער אָדער דאָס בוך), אַזאַ און אַזאַ פּרעפֿיקס (למשל גע־) אָדער סופֿיקס (למשל ־ערײַ, ־קייט), איז דאָ אַ העכערער פּרינציפּ אין ספֿק־פֿאַלן, וואָס איז אין

גייסט פֿון דינאַמישע פּראָצעסן, וואָס ייִדיש מאַכט דורך סוף צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער נייטראַלער מין אין ייִדיש איז אַ פֿאַרגליווערטער. ער גילט אין אַ פֿאַרמאַכטער סעריע ווערטער (דאָס וואָרט, דאָס פּנים, דאָס פֿאָלק וכו׳) און פֿאָרמען (דער עיקר — די דימינוטיוון: דאָס הינטל, דאָס טישעלע). דער דינאַמישער פּראָצעס זעט זיך ביי נייע ווערטער, אַזעלכע, וואָס זיינען צו ייִדיש דערגאַנגען פֿון זינט דעם אָנהייב פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט. די וואָס לאָזן זיך אויס אויף אַן אומבאַטאָנטן וואָקאַל זיינען בדרך כלל פֿעמינין (די אָרגאַניזאַציע, די קאַטאַסטראָפֿע, די קאַפּעטעריע), בעת די וואָס ענדיקן זיך מיט אַ קאָנסאָנאַנט, זיינען בדרך כלל מאַסקולין (דער אַדרעס, דער אויטאָמאָביל, דער קאָמפּיוטער).

דערפֿון איז געדרונגען, אַז וואו אַ ספֿק צווישן דער און דאָס איז בילכער דער; וואו אַ פֿראַגע די אָדער דאָס, איז גלייכער: די.

ווען איז דאָס אַלץ גערעדט געוואָרן, אַז דער באַנוצער זוכט אַ רעקאָמענדאַציע. ווער ס׳האָט פֿון דער היים דיאַלעקטישע פֿאָרמען, איז אײַנגאַנצן פֿריי זיי צו נוצן אויך אין דער ליטעראַרישער שפּראַך, דאָרטן וואו דער וואַריאַנט איז אַ וואַריאַנט אין דער ליטעראַרישער שפּראַך. אַזוי אַרום איז דאָס בטלנות פּונקט אַזוי „ריכטיק״ ווי די בטלנות. דאָרטן וואו די דיאַלעקטישע פֿאָרמע איז אָבער ניט אָנגענומען אין דער ליטעראַרישער שפּראַך, קען מען עס אָנווענדן אַלס דיאַלעקטיזם וואָס „שטופּט״ אַ טעקסט אין אַ געוויסער דיאַלעקטישער ריכטונג (אַשטייגער די דרומדיקע פֿאָרמען דאָס גרויסקייט, דאָס ייִדישקייט, די צפֿונדיקע די לאַנד, די קאָפּ, זע אונטן זז. 271-281).

צווישן חסידישע קינדער, וואָס ריידן ייִדיש פֿון דער היים — ביי וועמען עס ליגט די צוקונפֿט פֿון ייִדיש אַלס גערעדטע שפּראַך — זעט זיך קלאָר און בולט אין אַ גאַנצער ריי לענדער דער צונויפֿפֿאַל פֿון אַלע דריי מינים אין דע (אַרויסגערעדט də, dı, dɐ). טשיקאַווע, וואָס אין זיינעם אַ בריוו פֿון 4טן דעצעמבער 1912 צו ש. ניגערן, האָט דער גאון און בויער פֿון דער נייער ייִדישער פֿילאָלאָגיע, בער באָראָכאָוו, פֿאָרגעלייגט אַ „פּראָגראַם מאַקסימום״, וואו אַ קליינע צאָל ווערטער בלייבן אויף דער, אַ קליינע צאָל אויף דאָס, און

אַלע איבעריקע נעמען זיינען ווייבלעך (ווייל די אַרטיקל „דע״ איז די קירצסטע, און דע אַקוזאַטיוו איז איינפֿאַך, ווייל גלייך דער נאָמינאַטיוו).

(אין ניגער 1934: 23)

וואָס אַ גאון קען פֿאָראויסזען!

גראַמאַטישער מין ביים פּראָנאָם

סובסטאַנטיוון וואָס שטעלן מיט זיך ניט פֿאָר קיין מאַסקולינקייט אָדער פֿעמינינקייט, קען מען פֿאַרבייטן אָדער מיטן פּראָנאָם וואָס פּאַסט זייער גראַמאַטישן מין, אָדער מיטן אַלגעמיינעם עס: „די טיר איז אָפֿן?״ — „יאָ, עס איז אָפֿן״ = „יאָ, זי איז אָפֿן״; „דער טיש איז אַלט?״ — „ניין, עס איז נײַ״ = ניין, ער איז נײַ״.

בייגונג

פּרט־נעמען מעג מען בייגן אָדער ניט בייגן (מיט ־ן און ־ען) אין די אָביעקטיווע בייגפֿאַלן. מ׳קען זאָגן און שרייבן: „אַ בריוו פֿון יאָסל”, אָדער: „אַ בריוו פֿון יאָסלען”. ביידע זיינען ריכטיק. אין אָטאָ דער פּרשה האַנדלט זיך אינעם ריטעם פֿון זאַץ, אין דער לענג פֿונעם נאָמען, אין דער פֿראַגע ווי באַקאַנט ס׳איז דער נאָמען, ווי קלאָר ס׳איז דער זאַץ. דער גענִיטער סטיליסט בייגט פּרט־נעמען אַמאָל יאָ אַמאָל ניט.

דאָס וואָרט מדבר, אַ סובסטאַנטיוו וואָס איז מאַסקולין, קען זיך בייגן אין דאַטיוו אָדער ווי אַ מאַסקולין אָדער ווי אַ פֿעמינין: „דער מדבר איז וויסט”, אָבער: „אין דער מדבר איז וויסט” = „אין דעם \ אינעם מדבר איז וויסט”. צווישן יידישע שרייבער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך אויך איינגעפֿונדעוועט אַזאַ מין צווייאיקייט ביים אַקראָנים פֿונעם יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. „דער ייוואָ פֿאַרמאָגט גוואַלדיקע אוצרות” אָבער: „איך האָב זיינע מאַנוסקריפּטן אַוועקגעשיקט אין דער ייוואָ” (= אין דעם \ אינעם ייוואָ). אַזאַ מין איבעררוק אינעם מין ביי דער דאַטיוו בייגונג הערט זיך גאַנץ אָפֿט ביי גענִיטע קענער פֿון יידיש ביי אַ ריי אַנדערע ווערטער, וואָס זיינען צו יידיש דערגאַנגען ערשט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַשטייגער דער סאָבוויי, אָבער: מיט דער סאָבוויי (= מיטן סאָבוויי). פֿאַראַן אויך: די סאָבוויי.

וואָס שייך דער בייגונג ביי אַרטיקלען און אַדיעקטיוון אין אַ ווייטערדיקן טייל פֿון זאַץ, איז קלאָר אַז די יידישע

גראַמאַטיק צווינגט אַ בייגונג אין תחום פֿון דער זעלביקער פֿראַזע: „איך קוק אויף דער שיינער פֿאָטאָגראַפֿיע”, „איך זע דעם אַלטן ייִדן” (כאָטש דאָס נ י ט בייגן ביים פֿעמינין — „איך קוק אויף די שיינע פֿאָטאָגראַפֿיע” — איז זייער פֿאַרשפּרייט אין די דיאַלעקטן און מ׳האָט שוין ניט איינמאָל געשריבן וועגן מעגלעכע רעפֿאָרמען; זע למשל מאַרק 1938א; צו דער דיאַלעקטאָלאָגיע, זע א. ווײַנרייך 1991: 53-55).

אין דער קומעדיקער פֿראַזע איז עס אָפֿט אַ פֿראַגע פֿון סטיל. וויל מען צוטשעפּענען, צואייגענען דעם ווייטערדיקן טייל פֿון זאַץ, בייגט מען. וויל מען אַ פּויזע, בייגט מען ניט. אין „ער האָט באַטראַכט דעם לערער, אַן עלטערער ייִד מיט בריל”, איז דאָ אַ פּויזע ביי דער קאָמע, בעת אין „ער האָט באַטראַכט דעם לערער, אַן עלטערן ייִד מיט ברילן”, זיינען די אַלטקייט מיט די ברילן טייל פֿון דעם וואָס ער האָט באַטראַכט, ניט נאָר טייל פֿון דעם וואָס דער נאַראַטאָר גיט איבער.

ביי נעמען פֿון ביכער און זשורנאַלן קען מען, גראַמאַטיש גערעדט, בייגן אָדער ניט בייגן, ד.ה. „איך האָב עס געלייענט אין דער גאָלדענער קייט” איז פּונקט אַזוי באַרעכטיקט ווי „איך האָב עס געלייענט אין די גאָלדענע קייט”. מער יידישלעך איז דאָס בייגן, דאָס גיט שוואונג און לעבן דעם בוך אָדער זשורנאַל וועגן וועלכן מ׳רעדט. דערצו איז עס באַליבט ביי יידישע שרייבער (כאָטש די גראַמאַטיק איז דאָ ניט מחייב) צו בייגן אויך אויף מערצאָל, למשל: „פֿרין האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן זיינע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן”.

ס׳איז אמת, אַז י י ד י ש ווי אַ בייגעוודיקער אַדיעקטיוו קען זיין אַמביוואַלענט. ס׳איז „טעאָרעטיש” ניט קלאָר צי אַ יידישער שרייבער הייסט אַ שרייבער וואָס שרייבט אויף

יידיש, צי אַ שרייבער אַ ייד, צי אַ שרייבער איבער יידישע טעמעס; צי אַ יידישער לערער איז אַ לערער פון יידיש, צי אַ לערער וואָס איז אַ ייד. עד כאן אַבסטראַקציע. אין ווייט גרעסטן רוב פאַלן איז עס אָבער פאָרט קלאָר ווי דער טאָג. אַז מ׳רעדט אויף יידיש וועגן „יידישע שרייבער" סתם, רעדט מען וועגן שרייבער אין דער יידישער שפּראַך: „סטאַלין האָט אויסגעהרגעט די יידישע שרייבער"; „ס׳וועט זיין אַ פּראָגראַם וועגן יידישע שרייבער". די פאָרמע וואָס די אויסבויאיסטן שלאָגן פאָר, יידיש־שרייבערס (וועגן דעם רבים וועט באַלד גיין די רייד) איז סיי אומנאַטירלעך, סיי גרילצנדיק; אָט די פאָרמע האָט זיך אָבער שטאַרק אָנגענומען אינעם געדרוקטן יידיש אין ארץ ישראל וואו זי איז פּאָפּולער צוליב אַ באַזונדערער סיבה: די פאָרגעשטעלטע באַגרענעצונג פונעם געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם פון דער יידישער ליטעראַטור וואָס שטעקט אינעם טערמין, ד.ה. בכדי אויסצוזען „וויניקער יידישיסטיש" אין אַ געזעלשאַפט וואָס איז עד היום אָנגעלאָדן מיט קאָמפּלעקסן וועגן דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

דאָרטן וואו די זאַך איז *טאַקע* ניט קלאָר, נוצט דער עכט יידישער סטיל אַ פּרעפּאָזיציע, אַשטייגער: לערער פון יידיש, וואָס איז סטיליסטיש גוט אויף יידיש, להיפּוך צו „יידיש־לערער" וואָס שמעקט מיט געקינצלטקייט. פאַרקערט, דאָרטן וואו ס׳איז ניטאָ קיין פעסטע טראַדיציע נוצן דעם נאָרמאַלן אַדיעקטיוו, און מ׳וויל מאַכן קלאָר אַז ס׳גייט אין דער שפּראַך, ניט אין יידן סתם, האָט זיך יאָ אָנגענומען דער נייער אומגעבויגענער אַדיעקטיוו יידיש: „די יידיש אינסטיטוציעס אין אַמעריקע", „די יידיש פּראָבלעמאַטיק אין דער נייער צייט" וכו׳.

רבים

סיי ביי אַגענטיוון, סיי ביי סתם סובסטאַנטיוון וואָס ענדיקן זיך אויף ־ער, געפינט מען וואַריאַציע אין די דיאַלעקטן בנוגע דעם רבים: אָדער ס׳בלייבט ־ער אויך אין רבים, אָדער ס׳ווערט ־ערס. צום גרעסטן טייל איז די ליטעראַרישע שפּראַך געגאַנגען מיט דער טענדענץ, אַז ביי אַגענטיוון בלייבט דער רבים ־ער: די אַרבעטער, די בעקער, די לייענער, די שוסטער, די שרייבער, בעת ביי סתם סובסטאַנטיוון שאַפט זיך דער רבים מיט סמך: די בעכערס, די ווייזערס, די לייכטערס, די מעסערס, די סוועדערס (אַחוץ דאָרטן וואו ס׳איז (כמעט) ניטאָ קיין וואַריאַציע און אויך ביי סתם סובסטאַנטיוון גילט די נול ענדונג: די טעלער, די פענצטער).

אָטאָ די סיסטעם דיפערענצירונג צווישן מענטשן און זאַכן, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט אין דער ליטעראַרישער שפּראַך, ווערט אָבער חרוב ביי די אויסבויאיסטן וועלכע קלייבן אויס וואַריאַנטן ניט לויט דער סיסטעם פון יידיש, נאָר לויט דעם וואָס איז ווייטער פון דייטש. דערפאַר נעמען זיי אָן בלויז לייענערס, שרייבערס, ניט געקוקט וואָס די גרעסטע מערהייט יידן וואָס ריידן און שרייבן יידיש נוצן לייענער, שרייבער.

דאָ דאַרף מען אָבער צוגעבן, אַז אין אַ סך יידישע דיאַלעקטן, סיי צפונדיקע סיי דרומדיקע (און בפרט אין דרום־מזרח יידיש), גיט מען צו דעם סמך ביי אַלטע (פּרע־משכילישע) אַגענטיוון, בעת מ׳נוצט די נול ענדונג ביי אַלע

„מאָדערנע“ אַגענטיוון, ד.ה. אַזעלכע וואָס שטעלן מיט זיך פאָר באַגריפן וואָס ייִדיש האָט ערשט אַרייַנגענומען אין נייַנצנטן יאָרהונדערט: „זאָלן זיי זייַן גוטע בעטערס“ (ביים פאַרלאָזן אַ בית־עולם), און — בעקערס, שוסטערס, שנייַדערס, אָבער — אַרבעטער, לייענער, קינסטלער. ווייל מען דעם קאָנטראַסט אַלט—ניי איבערפאָרמולירן סינכראָניש פאַר די־אָ דיאַלעקטן קען מען אָנווענדן יצחק לודענס כלל: „דעם רבים אויף סמך נוצט מען אין ׳די ניט־אינטעלעקטועלע פּראָפעסיעס׳“ (לודען 1992). דאָס הייסט ניט חלילה, אַז אין אַלטן אַשכנז זייַנען קיין אינטעלעקטועלע פּראָפעסיעס ניט געווען. שוין איינמאָל געווען, נאָר וואָדען, זייערע נעמען געהערן אַמאָפּטסטן דעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט: בורר, דיין, מחבר, מקובל, עילוי, פּוסק, רב וכו׳.

צום פּראַקטישן באַנוץ, איז בעסער אויסמייַדן די געקינצלטע מערצאָל פאָרמען מיט סמך ביי די „מאָדערנע“ אַגענטיוון אויף ־ער, און זיך האַלטן ביי אונטערדריקער, אַרבעטער, דיכטער, הערשער, לייענער, לערער, נאָכפּאָל־גער, פּראָזאַאיקער, פאָרגייער, קינסטלער, קריטיקער, שוי־שפּילער, שרייבער, שריפטשטעלער א. א. וו. היות ווי אַפילו ביי די אַלטע פּראָפעסיעס איז ניטאָ קיין סמך ענדונג ביי גאָר אַ סך וואָס ריידן ייִדיש פון דער היים, מעג מען אויסשפּרייטן די נול ענדונג איבער זיי אויך (בעקער, שוסטער וכו׳). ווער ס׳וויל אויפהיטן דעם סמך איז מהיכא תיתי (אַרגומענטן דערפאַר — אין רעכטמאַן 1952).

ביי דער וואַקלעניש אין דער מערצאָל פון פראַגע: פראַגן (דער רבים מיט וועלכן דאָס וואָרט איז אין ייִדיש אַרייַן אין נייַנצנטן יאָרהונדערט) ~ פראַגעס (דער „פאַרייִדישטער“

רבים) האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אַ סעמאַנטישער חילוק. כאָטש מ׳קען די ביידע פאָרמען טרעפן אין אַלע פאַלן, זעט זיך ביי אַ סך אַ נטיה צו נוצן פראַגעס אויף ׳סתם אָנפרעגן׳ („איך האָב צו דיר צוויי פראַגעס“) און פראַגן אויף ׳וויכטיקע פּראָבלעמען׳ („די לעבנס־פראַגן היינט צו טאָג“). אויב נוצן אַן איינאיינציקן רבים איז גלייכער פראַגן, ווייל ס׳איז צוגעפּאַסט צו אַ ל ע פאַלן, בשעת ווען פראַגעס קלינגט געקינצלט אַז עס האַנדלט זיך אין וויכטיקע ענינים („די גרונט־פראַגעס פון דער ייִדישער עקזיסטענץ“ קלינגט האַמעטנע און געצוואונגען).

ביי די וואַקלענישן חסרונות ~ חסרונים און מקורות ~ מקורים זייַנען בילכער מקורות און חסרונות, ניט ווייל זיי זייַנען „נעענטער צו העברעאיש“, נאָר ווייל זיי זייַנען: מער ייִדיש, דערמיט וואָס זיי פּאַסן זיך אַרייַן מיט זייערע שוועסטער־ווערטער אין די שייכותדיקע פּאַראַדיגמעס אויף ייִדיש. אַז מ׳טוט אַ קוק אויף דער פּאַראַדיגמע (Cə)Cɔ́C(ə)C זעט מען, אַז אויף ייִדיש שאַפט זי דעם רבים נאָר און בלויז אויף ־ות: בזיון—בזיונות, חלום—חלומות, לשון—לשונות, מקום—מקומות, נסיון—נסיונות. דער רבים סופיקס איז ־ים אין אָטאָ דער ייִדישער פּאַראַדיגמע בלויז ביי אַגענטיוון (מענטשן): גדול—גדולים, חסיד—חסידים, יתום—יתומים, קדוש—קדושים. פאַר דער ליטעראַרישער שפּראַך זייַנען דעריבער מער צוגעפּאַסט: חסרונות און מקורות. צו דער זעלביקער צייט דאַרף מען אָבער אָנווייַזן אַז מקורים איז גלייכבאַרעכטיקט און האָט אַ ברייטן פאַרשפּרייט אין אונדזער פאָרשונגס־ליטעראַטור. חסרונים איז אָבער אַן ענגער דיאַלעקטיזם וואָס כאַראַקטעריזירט היינט דעם אויסבויאיסטישן סטיל. ביי דער

וואַקלעניש מקורות ~ מקורים האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אָן אַ צאָל אינפאָרמאַנטן ביי וועמען מקורים איז דער רבים פון מקור מיט אַ שוואַ (məkɔ́jr) בעת מקורות איז דער פלוראַל פון מקור מיט אַ קמץ (mɔ́kər).

איינשטימונג אין דער צאָל

אין פאָרמעלן סטיל, ווערט אָפּגעהיט די איינשטימונג אין דער צאָל: „ס׳איז געקומען אַ נייע גרופּע״, אָבער: „עס זיינען צוגעקומען אַ סך מענטשן״. אינעם פאָלקס־לשון גילטן צוויי כללים וואָס שייך דער צאָל וואָס זיינען ד ו ח ה די מעכאַנישע איינשטימונג, דאָרטן וואו דער ווערב טרעפט זיך פאַרן סוביעקט. ערשטנס: דער פאַראַלגעמיינערטער יחיד — „ס׳איז געווען פּראָבלעמען״; „ס׳איז געלאָפן הונדערט מענטשן״; „דאָרטן איז דאָ אַ סך פיינע זאַכן״. צווייטנס: דער פסיכאָלאָגישער רבים — „עס זיינען געפאָרן אַ גרופּע יונגעלייט״, „ס׳האָבן גערעדט די אָנפירערשאַפט״.

די ביידע פאָלקס־כללים קענען אָנגעווענדט ווערן, בפרט אין דערציילערישן סטיל (זע צוויינג 1928).

אַקטיווע און פּאַסיווע קאָנסטרוקציע

פון זינט דעם סאַמע אויפקום פון דער נייער ליטעראַרישער שפּראַך אונדזערער זעט זיך די

קאָעקזיסטענץ — און צומאָל די קאָנקורענץ — צווישן דעם „אַקטיוון סטיל״, וואָס איז היסטאָריש גערעדט אַמנאַטירלעכסטן פאַר ייִדיש, און דעם „פּאַסיוון סטיל״, וואָס איז אַריין אינאיינעם מיטן זשורנאַליסטישן און פּובליציסטישן סטיל, און שפּעטער צו, אין דער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור.

אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סטיליסטיק האָט דער ענין שוין אַ פּאָר מאָל פאַרנומען דעם אויבנאָן. אין דער ערשטער ריי לייגט זיך אויפן זינען נחום שטיפס קאַמף קעגן דער רוסיפיצירנדיקער פּאַסיווער קאָנסטרוקציע מיט פון, אין דער סאָוועטישער פּרעסע אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן. דעם קאַמף האָט שטיף גענומען פירן באַלד נאָך זיין אימיגרירן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די ערשטע „באָמבע״ איז געווען זיין אַרטיקל „פון״ אין ערשטן נומער די ייִדישע שפּראַך (שטיף 1927א). אין צווייטן נומער האָט ער ווייטער געשטורעמט אין זיין „די פּאַסיווע זאַץ קאָנסטרוקציע״ (שטיף 1927ב). ביי שטיפן האָט דאָס געהייסן אַז ער קעמפט קעגן דער „פּאַפּירענער שפּראַך״. ביי זיינע קריטיקער האָט דאָס געהייסן, אַז שטיף האָט זיך נעבעך ניט באַפרייט פון זיין פריערדיקן „פּאַשיזירטן ייִדישיזם״. גאָר אינטערעסאַנט זיינען די דעבאַטעס אַרום דער פראַגע אין דעם „רעוויזיע נומער״ אַפּגן שפּראַכפראָנט אין 1932. ניט געקוקט אויף דער זעלבסט־קריטיק האָט זיך שטיף געהאַלטן ביי זיינס, און אַריינגעטראָגן בשעת מעשה אויך די פראַגע איבער ייִדישלעכע, טראַדיציאָנעלע ווערטער (וואָס פאָרען זיך בדרך כלל מיט אַקטיווע ווערבן), כנגד די מאָדערנע זשורנאַליסטישע ווערטער וואָס זיינען ווי פאַרזיווגט מיט דער פּאַסיווער קאָנסטרוקציע.

> יאָ, צו מיין שפּראַך האָט מען טענות! ווען מ׳זאָל וועלן אָנשוילעך ווייזן, וואָס איז דאָס פֿאַראַ טענות, וואָלט מען דאָס געקענט זאָגן: פֿאַרוואָס וואָלט איך נישט געזאָגט דעם פֿריער־געשטריכלטן זאַץ אַזוי:
>
> קעגן מיין שפּראַך ווערט אַרויסגערוקט אַ גאַנצע ריי דערווידערונגען.
>
> איך מוז דאָ אָפֿן צוגעבן: יאָ, אַזוי איז דאָס איצט שטאַרק אָנגענומען צו שרייבן; אַזוי האַלט מען פֿאַר „שענער", „העכער", „ליטעראַרישער". איך גיי אָפּטמאָל אָפּ פֿון דער נאָרמע — איז ר י י צ ט ד אָ ס; פֿאַרשוואַרצט מען דאָס, ווי אַזוי מ׳קען („יידישלעך"!); ס׳איז אַ קאַמף, אַזוי ווי יעדער אַנדערער!
>
> וואָס איז אַזוינס די „נאָרמע", — דאָס האָבן מיר שוין געזען. דאָס איז די „העכערע שפּראַך", — דער פּאַסיוו, דער סובסטאַנטיווירטער ווערב, די פֿאָלגנדיקע סובאָרדינאַציע, און דאָס גלייכן אַהער קומט נאָך צו די געשטאַמפּטע פֿראַזעאָלאָגיע, — די אַלע ש אַ ב ל אָ נ ע ן, וואָס מ׳נוצט אָפּטמאָל אין דער אייליקער צייטונג־אַרבעט. [...]
>
> פֿאַראַן אָבער בעלנים צו מאַכן פֿון נויט אַ טעאָריע („העכערע שפּראַך"), און זיי וואַרפֿן זיך דאָס איצט צו „באַוואָפֿענען" מיט ביטול און מיט אַרגומענטן קעגן „פּראָסטאַקעס". זיי פֿאַרזעען אָבער [...]

(שטיף 1932: 73-74)

נאָך זיין טויט האָט מען שטיפֿס „פֿעלער" ווייטער גענומען אַטאַקירן, דער עיקר אויף די שפּאַלטן פֿון אפֿנ שפּראַכפֿראָנט. לאָמיר דאָ לאָזן אָן אַ זייט דעם גאַנצן הו־האַ אַרום די העברעאיזמען און שטיפֿס באַווייזן זיך פֿאַר סאָוועטיש־געטריי דורך זיין קאַמף קעגן דעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט אין יידיש (זע שטיף 1929; מ. ווינרייך 1931; ספּיוואַק 1935). וועגן דעם פּ אַ ס י ו ו איז די הויפּט

אָפּשאַצונג געווען סלוצקיס אַרבעט, „דער וועג פֿונעם חבר נ. שטיף צו באַפֿרייען זיך פֿון זיין יידישיסטישער ירושה" (סלוצקי 1935). אַ גאָר אינטערעסאַנטער מוסטער איז דאָס אַלץ פֿון פּאָליטישער אידעאָלאָגיע און פֿון דעם ווי אַזוי אַ סינטאַקטישע פֿראַגע א י ז אין אַ געוויסער געזעלשאַפֿט און צייט בפֿירוש געוואָרן אָנגעלאָדן מיט קולטורעלן און פּאָליטישן אינהאַלט. אַחוץ שטיפֿס טענות צום פּון, איז סלוצקיס אַרטיקל פֿול מיט (היינט קאָמישע) אַטאַקעס קעגן דעם „טעמפּל פֿון דער יידישיסטישער קולטור, פֿאַר דער נעסט פֿון דער יידישער פֿאַשיסטישער 'וויסנשאַפֿט'" (ז. 70). דאָרטן שווימען אויף די פֿראַזן „אויסלאַנד פֿון די ווינרייכס" (ז. 73), „די ווינרייכס און ווי נאָך מע רופֿט זיי דאָרט" (ז. 83). אפֿשר האָט מען געהאַט צו שטיפֿן מער ווי אַלצדינג דאָס וואָס „די פּאָלעמיק מיט די 'ייוואָ' טוער האָט בכלל זייער שטאַרק פֿאַרשפּעטיקט אינעם זשורנאַל די יידישע שפּראַך" (ז. 74). אויף אַן אַנדער אופֿן ווערט געשטאַלטיקט זאַרעצקיס אָפּשאַצונג פֿון דער צייטונג שפּראַך אין זיין פֿאַר אַ פּראָלעטאַרישער שפּראַב (= זאַרעצקי 1931).

און וואו האַלט מען היינט מיטן פּאַסיוו? גענוצט מעסיקערהייט האָט ער זיין בכבודיק אָרט אין יענע זשאַנרען (פּובליציסטיק, וויסנשאַפֿט) וואו אַ פֿאָלקסטימלעכער סטיל איז ניט תמיד צוגעפּאַסט. אין אַ קעפּל פֿון אַ דערציילונג פּאַסט „מ׳רעדט זיך צונויף אין טערקיי" בעת אין אַ קעפּל פֿון אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג פּאַסט א ו י ך „שלום אונטערהאַנדלונגען ווערן צונויפֿגערופֿן אין טערקיי".

צונויפהעפטן

פון די טשיקאַווע קוריאָזן פון דער יידישער סטיליסטיק אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז דער ענין צונויפגעהאַפטענע סובסטאַנטיוון. די פּוריסטישע און אויסבויאיסטישע מחנות, וואָס קעמפן קעגן איינציקע ווערטער, וואָס זיי האַלטן פאַר „דייטשמעריש", האָבן זיך ווי איינגעליכט אין אַ *סטיל* וואָס איז סאַמע דייטש, און וואָס ווייטער פון יידיש קען דאָס ניט געמאָלט זיין. דאָס איז די כסדרדיקע פאַרפלייצונג פון אַ טעקסט מיט צונויפהעפטן פון סובסטאַנטיוון. אין די אָנווייזונגען צו זיין ווערטערבוך, האָט א. ווײַנרייך אָנגעוויזן דעם באַנוצער, אַז „צונויפהעפטן קען מען בדרך כלל שאַפן אַז מ'וויל נאָר" (א. ווײַנרייך 1968: xxix). גראַמאַטיש גערעדט איז דאָס ריכטיק. סטיליסטיש גערעדט איז דאָס אָבער אַ פעלער. דאָ גייט ניט אין *יידישע* ווערטער וואָס אַנטוויקלען זיך ווייטער מיט אונדזער שפּראַך גאַנצערהייט (די „דייטשמעריזמען" אויסנאַם, געפאַר, רונד וכו'), נאָר וואָדען אין קאָנסטרוקציעס וואָס זעען אויס ווי מ'וואָלט זיי ערשט נעכטן אַריינגעשלעפּט פון דייטש, עלעהיי שפּראַכקולטור. אַזאַ געפיל ווערט פאַרשטאַרקט צוליב דער ייוואָ אָרטאָגראַפיע, וואָס פאָדערט שרייבן אינאיינעם אויב ניט מער ווי דריי טראַפן, ניט שייך צי דער צונויפהעפט איז עמעצן באַקאַנט צי ניט; ס'ווערט אויך פאַרשטאַרקט צוליב דער „קאָנפראָנטירונג מיט ענגליש" (זע אויבן, זז. 231-239). אָט איז אַ רשימה ביישפּילן פון צונויפהעפטן וואָס געפינען זיך אין ווײַנרייכס

ווערטערבוך און די אויסבויאיסטישע פּובליקאַציעס פון די לעצטע יאָרן. אין דער לינקער קאָלאָנע געפינען זיך די אַלטערנאַטיוון וואָס זיינען, לויט אונדזער איינזען, סטיליסטיש בעסער צוגעפּאַסט צו יידיש.

געקינצלטע צונויפהעפטן	עקוויוואַלענטן
איינרעלס	איין⸗רעלסיקע באַן; באַן מיט איין רעלס
אָפּצאָלבריק	בריק וואו מ'דאַרף באַצאָלן
מוז⸗רייכערער	קאָמפּולסיווער \ אָבסעסיווער \ פאַרברענטער רייכערער
מענטשפּראָבלעמען	פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט
פּוסטפּלאַץ	פּוסטער \ ליידיקער פּלאַץ
פּראָגראַמפּונקט	פּונקט אין דער פּראָגראַם
פּרעסעסטיל	סטיל פון דער פּרעסע
פאַרביישאָס	שאָס וואָס טרעפט ניט

דער איבעריקער פּראָנאָם

דער איבעריקער פּראָנאָם איז דער פּראָנאָם נאָך וואָס, וואָס הזרט איבער דאָס וואָס מ'וויס פון פריערדיקן טייל פון זעלביקן זאַץ. אין דער ליטעראַרישער שפּראַך איז עס בעסער אויסצומיידן: „די פּראָפעסאָרשע וואָס האָט פאַראַיאָרן געשריבן דאָס בוך" (ניט: „וואָס זי האָט געשריבן..."); „דער מענטש וואָס איז געקומען" (ניט: „... וואָס ער איז געקומען").

כלל־שפּראַך און דיאַלעקט אינעם יידיש שבכתב

דיאַלעקטישע בייגעוודיקייט פון דער ליטעראַרישער שפּראַך

די מאָס טאָלעראַנץ צו וואַריאַציע מ ו ז זיין אָן אַ שיעור קלענער אין אַ געשריבענער ליטעראַרישער שפּראַך, איידער אין טאָגטעגלעכן באַנוץ שבעל־פּה. דער חילוק נעמט זיך ניט פון אַוועלכן ניט איז אַבסטראַקטן העכערן „אמת", נאָר פון די געזעלשאַפטלעכע פאָדערונגען צו דעם וואָס רופט זיך איבער דער וועלט „ליטעראַרישע שפּראַך". די רעלאַטיווע אוניפיצירטקייט פון דער ליטעראַרישער שפּראַך שטעלט מיט זיך פאָר דעם בוי־חומר פון אַ וועלט שפּראַך און פון אַ וועלט ליטעראַטור. די ליטעראַרישע שפּראַך גיט דעם לייענער די מעגלעכקייט זיך צו קאָנצענטרירן אויפן סטיל און אויפן תוכן אָנשטאָט אויפן דיאַלעקט. זי גיט די מעגלעכקייט, אַז מענטשן אין די פאַרשידנסטע ערטער זאָלן הנאה האָבן פון אַ ווערק. זי גיט די מעגלעכקייט פון אַ גייסטיקן אוניווערסאַליזם, וואָס שטייגט איבער די ד׳ אמות פון אַוועלכן ניט איז איינאיינציקן אָרט.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די יידישע ליטעראַרישע שפּראַך איז אַ האָמאָגענער, פאַרגליווערטער מאָנאָליט: זי

פאַרמאָגט אין זיך, פּונקט ווי אַלע ליטעראַרישע שפּראַכן איבער דער וועלט, אַ היפּש ביסל אינערלעכע וואַריאַציע. זי איז אַן איידעלע סטרוקטור, וואָס שעפּט מער⸗ווייניקער אין גלייכע מאָסן פון אַלע אונדזערע מאָדערנע מזרח⸗אייראָפּעאישע יידישע דיאַלעקטן. אַ ליטעראַרישע שפּראַך איז ניט קיין שטאַבע אייזן וואָס בייגט זיך ניט. זי איז געגליכן צו אַ בוים, וואָס אַ געזונט ווינטעלע קען די קלענערע צווייגעלעך אַ וויג טאָן. זי טאָר אָבער אויך ניט זיין קיין אָפּגעשוואַכטער אַלטער בוים, וואָס איז שוין אין די יאָרן, און וואָס וואַרט אַז דער מאָרגנדיקער שטורעם זאָל אים אויף דר׳ערד אַנידערלייגן.

די ליטעראַרישע שפּראַך גופא האָט אַ ריי גלייכבאַרעכטיקטע פאָרמען, וואָס גיבן די מעגלעכקייט — מעסיקערהייט און באַשיידן — זיך אויסצודריקן מיטן אייגענעם דיאַלעקט. אָט די בייגעוודיקייט, לפּחות וואָס שייך דער גרונט⸗פראַגע „צפונדיק״ (ליטוויש) לגבי „דרומדיק״ (פּויליש, אוקראַיניש — „ניט⸗ליטוויש״), ווייזט זיך אַרויס אינעם גלייכבאַרעכטיקטן סטאַטוס, למשל, פון די ווייטערדיקע פאָרמען:

צפונדיק	דרומדיק
געבראַכט	געברענגט
געליען, געשריען	געליגן, געשריגן
זיינען, זייט	זענען, זענט
געבאָרן, געפראָרן, וכו׳	געבוירן, געפרוירן, וכו׳
ריידן	רעדן

אין אַזעלכע פאַלן, איז מען פּונקט אַזוי „ליטעראַריש״ נוצנדיק די צפונדיקע פאָרמען ווי די דרומדיקע. ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז דער טעקסט גאַנצערהייט איז געשריבן אין ליטעראַרישן יידיש. אין אַ סך יידישע זשורנאַלן און זאַמלביכער בייטן די רעדאַקטאָרן און קאָרעקטאָרן אָט אַזעלכע פאָרמען אויטאָמאַטיש צוליב סטיליסטישער אויסגעהאַלטנקייט, לויטן רעדאַקטאָרס פּרעפערענץ (וואָס בויט זיך אַמאָפטסטן אויף דער פראַגע צי שטאַמט ער אָדער זי פון צפון צי פון דרום). ביי אַנדערע איז דער גאַנג פאָדערן אויסגעהאַלטנקייט נאָר אין תחום פון אַוועלכער ניט איז אייגאייגציקער אַרבעט, אַזוי אַז ס׳קען גילטן, אַשטייגער, זיינען אין איין אַרבעט, זענען אין אַ צווייטער. ביי אַ סך רעדאַקטאָרן, וואָס זיינען אַפילו ניט עקסטרעם⸗פּאַטריאָטיש לגבי די וואַריאַנטן פון זייער היים דיאַלעקט, ווייזט זיך עס אַרויס, פּראַקטיש גערעדט, פאַר אַ געפערלעכער טירחא צו קאָנטראָלירן אַשטייגער, אַז אין איין אַרטיקל שטייט נאָר זיינען, אין אַ צווייטן נאָר זענען. פון דעם וואַקסן אָפּטמאָל די אוניפאָרמע פאָרמען אין פאַרשידענע זשורנאַלן און דאָס שאַט אויך ניט, ס׳איז, דעסקריפּטיוו גערעדט, אַן אייגנשאַפט פון דער היינטיקער יידישער פּעריאָדיק.

עד כאן — דוגמאות פון די תחומען פון וואַריאַציע אין דער שפּראַך פון רעדאַקטאָרן און פון צייטונגען, עסייען, און פון דער פּובליציסטישער און וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור. אין דער שיינער ליטעראַטור, דאַרף זיין — און ס׳איז טאַקע פאַראַן — מער בייגעוודיקייט אין דער ריכטונג פונעם מחברס דיאַלעקט; ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען דער מחבר ווי ל „בייגן״ דאָס לשון בכדי אָפּצושפּיגלען די שפּרודלדיקע ספּאָנטאַנקייט און די איבערגעבערישע

עכטקייט פֿון דער שפּראַך. דעמאָלט קען דער מחבר „צושאַרן" זיין סטיל ווייטער אין דער ריכטונג פֿון זיין דיאַלעקט, און דאָך שרייבן אַ ליטעראַרישן ייִדיש, זאָל זיין אַ דיאַלעקטיש=ב *אַפּאַרבטן* ליטעראַרישן ייִדיש. דאָס קען אַ שרייבער, וואָס רעדט פּויליש ייִדיש, פּועלן אַשטייגער מיטן בייגן זיך אויך פּאַר פּערזאָן: איך וואַרעם מיך, דו וואַרעמסט דיך, וכו׳ אָנשטאָט דעם ליטעראַרישן אוניווערסאַלן זיך. דער ליטוואַק, פֿאַרקערט, קען נוצן די ליטוויש=דיאַלעקטישע אוניפֿיצירטע אָביעקטיווע פּראָנאָמען, ניט שייך צי ס׳איז אַקוזאַטיוו צי דאַטיוו: איך זע דיר \ איך זע איר; דו זעסט מיר, אָנשטאָט די ליטעראַרישע אַקוזאַטיוון (דיך, זי, מיך). אַזעלכע צושאַרענישן פֿון דער ליטעראַרישער שפּראַך טויגן דערווייל נאָר אין דער בעלעטריסטיק. אין אַן עסיי צי אין אַ וויסנשאַפֿטלעכן ווערק, טראָגן די זעלביקע איינגשאַפֿטן אַ פּנים פֿון עקסטרעמער דיאַלעקטיזירונג. איטלעכער זשאַנער האָט זיך זיינע אייגענע רגילותן אונטערן ברייטן, הויכן דאַך פֿון דער ייִדישער ליטעראַרישער שפּראַך.

די גרענעצן פֿון דיאַלעקטישער באַפּאַרבונג

ס׳איז אָבער דאָ אַ טעאָרעטישער פּונקט נאָך וועלכן מ׳שרייבט שוין מער ניט קיין ליטעראַרישן ייִדיש, נאָר וואָס דען, אַ דיאַלעקט. איבער דער פֿראַגע, וואו גענוי געפֿינט זיך אָטאָ דער פּונקט, וועט מען זיך אַמפּערן (זע אַשטייגער די דעבאַטע צווישן קאַזשדאַן 1928: 49 און פּ. האַלפּערן 1928, איבער די „ליטוויציזמען" אין פּרידקינס אַן איבערזעצונג פֿון ערענבורגן). ביי אַלע אַמפּערנישן איבער אַזאַ און אַזאַ וואָרט דאַרף מען געדענקען, אַז דער עיקר איז דאָ ניט דאָס וואָרט, נאָר די פּראָפּאָרץ ווערטער, גראַמאַטישע פֿאָרמען, קאָנסטרוקציעס.

אין די לעצטע יאָרן זעט זיך אַ פּרואוו מצד די אויסבויאיסטן, אונטערצוברעכן די יסודות פֿונעם ליטעראַרישן ייִדיש און אויפֿשטעלן נייע. מה=דאָך דער יסוד פֿון אַלע יסודות איז דאָך ביי זיי דאָס האַלטן איין אויג שטענדיק אין דייטשישן ווערטערבוך, באַקומט זיך, אַז וואו עס זיינען פֿאַראַן צוויי וואַריאַנטן אין ייִדיש, דאַרף מען „אַרויסשטופּן" דעם וואַריאַנט וואָס איז „נעענטער צו דייטש", אַפֿילו אויב ס׳איז די *איינציקע* אָנגענומענע פֿאָרמע אין ליטעראַרישן ייִדיש. און פֿאַרקערט, אַ דיאַלעקטיזם, וואָס די ייִדישע ליטעראַרישע שפּראַך האָט ניט אָנגענומען, דאַרף מען „אַריינרוקן" צוליב דעם וואָס עס איז „ווייטער פֿון דייטש". אַז די שיטה איז אַ טעותדיקע (מאָטיווירט לויט אַ דרויסנדיקער שפּראַך — דייטש, ניט לויט דעם לשון וואָס איז שייך — ייִדיש), מוזן די רעזולטאַטן זיין: קרומע.

דער בעסטער סך=הכל פֿון דער אויסבויאיסטישער שיטה אין דעם פּרט איז צו געפֿינען אין שעכטערס לייטיש מאַמע=לשון (שעכטער 1986א). אָט איז אַ רשימה דיאַלעקטישע פֿאָרמען, דער עיקר דרומדיקע, וואָס ווערן רעקאָמענדירט אין שעכטערס בוך, און וואָס ווערן גענוצט אין די ניו=יאָרקער אויסבויאיסטישע זשורנאַלן. אין דער לינקער קאָלאָנע געפֿינען זיך די ליטעראַרישע עקוויוואַלענטן. די רשימה איז ווייט ניט קיין אויסשעפּיקע. זי איז נאָר אויסן צו אילוסטרירן דעם ענין.

דיאַלעקטיש	ליטעראַריש
אַוועקקומען	פאַרשוואונדן ווערן, פאַרשווינדן
אילע, אילע מאָל, אילדינג	אַלע, אַלעמאָל, אַלצדינג
אַזאַן (פאַר וואָקאַלן)	אַזאַ
ביכל (׳בוך׳)	בוך
בכּלל	בכלל
ברודערן־זון, ברודערן־טאָכטער	פּלימעניק, פּלימעניצע
ברונע, ברינע	ברונעם
גרעק, גרעקיש	גריך, גריכיש
וואָרן	וואָרעם, ווייל
ליטײַן, ליטײַניש	לאַטיין, לאַטײַן
מיגלעך	מעגלעך
מיין	מער
מימלען	מורמלען
עטעמען	אָטעמען
עלעף	עלף
פירהאַנג, פירלייענען וכו׳	פאָרהאַנג, פאָרלייענען וכו׳
פאַרמעג	פאַרמעגן
פאַרשמט	באַוואוסט, באַרימט
פיל (׳וויפל׳)	וויפל, וויפיל
פינעף	פינף
פיפט	פינפט
פעדערשט	פאָדערשט
פעלן זיך	שטאַרבן, נפטר ווערן
פרײַ (׳פריילעך׳)	פריילעך
פריינט (׳קרוב׳)	קרוב, אַ משפּחה,

דיאַלעקטיש	ליטעראַריש
צון (פאַר וואָקאַלן)	צו
צוועלעף	צוועלף
שוועסטערן־זון	פּלימעניק
שוועסטערן־טאָכטער	פּלימעניצע
שטאָטס	אָנשטאָט
שיל (צום דאַוונען)	שול
שער־בלעטל	שער־בלאַט

צי טויגן די דיאַלעקטישע פאָרמען? אַוודאי און אַוודאי טויגן זיי. זיי זײַנען אַזוי שיין און גוט ווי אַלע אַנדערע יידישע דיאַלעקטישע ווערטער, נאָר וואָדען, זייער באַנוץ איז סטיליסטיש באַגרענעצט צו די דיאַלעקטן אין וועלכע זיי געפינען זיך (דאָס איז חלילה ניט קיין פּחיתת הכבוד פאַר אַ וואָרט). דאַרפן די יידן וואָס שטאַמען פון געביטן וואו מ׳האָט די ווערטער גענוצט, זיי אויפהיטן סיי ביים ריידן, סיי ביים איבערגעבן דעם לאָקאַלן דיאַלעקט בכתב. מעסיקערהייט קען אַ מחבר שרייבן אַ ליטעראַרישן יידיש און אַריינפירן עטלעכע פון די־אָ פאָרמען. דאָס בלייבט אין דער בחינה פון סטיליסטישע *פּרטים* ביי אַ מחבר. דאָס *פאַרפלייצן* דאָס זייטל מיט דיאַלעקטיזמען קען דינען אויף איבערצוגעבן אַקוראַט איינעם פון אונדזערע דיאַלעקטן, אַשטייגער אין אַ בעלעטריסטישן ווערק, בעת אין ניט־בעלעטריסטישע זשאַנרען, צעשמעטערט דאָס אונדזער ליטעראַרישע שפּראַך אויף פּיץ־פּיצלעך. און ווען דער שרייבער ווענדט אָן דיאַלעקטיזמען פון *פאַרשידענע* דיאַלעקטן מחמת זיי זײַנען ווייטער פון די ווערטער, וואָס ער געפינט אין אַ דייטשישן צי אַ העברעאישן ווערטערבוך, דעמאָלט באַקומט זיך אַ פּנים פון — חוזק. ניט ס׳איז

ליטעראַריש, ניט ס׳איז אַ יידישער דיאַלעקט, ס׳איז מערניט אַ געקינצלטער צונויפפלעכט פונעם אויסבויאיסט, ווענענס אויג איז שטענדיק פאַרגליווערט, אין דייטשישן ווערטער⸗בוך.

„אַריינפירן" ווענענער מיט דיאַלעקטיזמען ביים לערנען יידיש מיט אָנהייבער, אין ווערטערביכער און טעקסטביכער פאַרן אַלגעמיינעם באַנוץ, אויפן חשבון פון אונדזער שווער⸗אויסגעבענקטער ליטעראַרישער שפּראַך? לא מיט אַן אלף. ווי האָט געזאָגט יודל מאַרק? ריידנדיק וועגן שטאָטס (׳אָנשטאָט׳), זגאַל (׳מין׳), אַ געמעיל (׳למשל׳), ליטײַן, ענפער, פאַרשמט (׳באַרימט׳): „זיי שטערן אין פאַרפעסטיקן אונדזער כלל⸗שפּראַך" (מאַרק 1966: 80).

שעכטערס שטעלונג איז די קלאַסיש⸗אויסבויאיסטישע, וואָס פירט אַלע פראַגן צו אַן איינאיינציקן פונקט: ווייטקייט פון דייטש (און די אַנדערע קרובהשע לשונות). פון דער אויסבויאיסטישער גרונט⸗הנחה וואַקסט אויס דער אַקסיאָם:

> [...] אויב פון צוויי דערלאָזלעכע וואַריאַנטן איז איינער ספּעציפיש יידיש און דער אַנדערער געפינט זיך אויך אין דייטשיש (צי רוסיש צי אַנדערע לשונות), דאַרף די ספּעציפיש יידישע פאָרמע האָבן די בכורה [...]

(שעכטער 1986ב: ix)

די סטרוקטוראַליסטישע פּאָזיציע, נאַטירלעך, רעכנט זיך נאָר מיט דעם, וועלכע פון די פאַראַנענע ברירות געפינט מען אין דער ליטעראַטור שפּראַך, ניט מיט זייער אָפּשטאַם. און דאָ גיבן מיר איבער דאָס וואָרט אברהם גאָלאָמבן:

> [...] עס איז ענלעך צום דייטשישן וואָרט מיט דעם זעלביקן באַטייט. נו, און פאָטער און מוטער, און טאַטע און מאַמע זיינען איך סוף כל סוף פון אַ פרעמדן מקור, זיינען זיי דען טרייף עד היום? דאָס יידישע מויל האָט זיי שוין לאַנג לאַנג געכשרט. און אַז אנכי קומט גאָר פון מצריש, האָט גאָט ניט אָנגעהויבן די צען געבאָט מיט אים?

(גאָלאָמב 1967: 18)

דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן שעכטערס פיינע אַרבעט וועגן דעם אַמאָליקן „פאַרבאָרגענעם סטאַנדאַרד" (שעכטער 1969ב). אין נײַנצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָר⸗הונדערט האָט די ליטעראַרישע שפּראַך, אויסקלייבנדיק צווישן וואַריאַנטן וואָס זיינען אויף יידיש פאַראַן, אָפטמאָל געקליבן דעם וואַריאַנט, וואָס איז געווען נענטער מיטן ליטעראַרישן דייטש, אַשטייגער גענומען אָנשטאָט גענעמען. ביי טייל ווערטער האָט שעכטער זיכער רעכט היסטאָריש, נאָר ווי תמיד ביי היסטאָרישער לינגוויסטיק וואָס ווערט געפירט מיט נאָרמאַטיווע פניות, פאַרזעט מען אַ צווייטן צד. די פראַגע דאַרף שטיין אָט אַזוי אָ: צי איז די אויסגעקליבענע פאָרמע, ניט קוקנדיק וואָס טוט זיך אויף דייטש, געווען די פרעסטיזש פאָרמע אין יידיש גופא? אונדזער ליטעראַרישע שפּראַך האָט זיך אויסגעבויט פון אַ גאַנצער ריי מקורות און צינורות. האָבן מיר אַ ליטעראַרישע שפּראַך, דאַרף מען זי אויסהיטן ווי אַן אוצר און ניט גיין זי צעפּאַלמעסן מחמת טייל פון איר יחוס בריוו נעמט ביים פּוריסט ניט אויס. אָפט⸗מאָל איז דאָס פאַרלאָרן גיין פון אַ שיין פאָלקס⸗וואָרט ממש פאַרבונדן מיטן אויפקום פון ליטעראַרישן יידיש. פאַרפאַלן, נאָר אַזוי איז עס. ווי האָט ניגער געשריבן אין 1910?

> אויף יידיש פלעגט מען שרייבן און — דער עיקר — לייענען נאָר ביכלעך — מעשה⸗ביכלעך — ניט קיין ביכער.

(ניגער 1910: 58)

אַז אַ יידישער שרייבער גיט היינט אַרויס אַ ניי בוך, און מ׳רופט עס אָן „ביכל״, באַליידיקט מען אים. איי ס׳איז אַ שאָד וואָס אַן אַמאָליקער שיינער שטעטלדיקער באַנוץ פון ביכל (׳בוך׳) איז אין משך פון אַ פּאָר דורות קאַליע געוואָרן וואָס שייך דער ליטעראַרישער שפּראַך אונדזערער, איז גאָר געוואָרן פּעיאָראַטיוו? פאַרפאַלן. די געשיכטע איז לעולם ניט קיין צדיקתטע...

לאָמיר בעסער לערנען ביי ל. שאַפּיראָ:

> [...] דאָס וואָס איז געזעצלעך פאַר דער ריידשפּראַך טויג ניט פאַר דער שרייבשפּראַך, וואָס זי דאַרף דינען פאַר אַ צעמענט צווישן די דיאַלעקטן פון די פאַרשיידענע יידישע פּראָווינצן, און ווען יעדער שרייבער וואָלט גענומען שרייבן ווי ער רעדט, וואָלט די שפּראַך זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן ווי אַ געפּלאַצט שנירל קרעלן. אַ באַקאַנטער יידישער פּאָעט זאָגט מיר, אויף מיינער אַ קריטישער באַמערקונג וועגן זיינער אַ גראַמאַ=טיקאַלישער פאָרם, אַז עס קלינגט גוט צו זיין „ליטווישן אויער״. אָט דאָ טאַקע ליגט די געפאַר, ווייל די צענטריפוגאַלע כוחות וואָס אַרבעטן אין יעדער שפּראַך ווירקן טאַקע אויף דער ליניע פון פּראָווינצן. יחידישע, צילבאַוואוסטע שרייבערשע אָפּנייגונגען, משה=נאַדירשע למשל, זענען בלויז קאַפּריזן פון סטיל און קאָנען גאָר די שפּראַך באַרייכערן, בשעת פּראָווינציאַליזמען, געברויכט פונעם שרייבער פאַר זיך, ניט ווי כאַראַקטעריסטיק פונעם לשון פון זיינע פאַרשוינען — ברעכן די שפּראַך אויף פּיץ=פּיצלעך. [...] ביי לייטן איז פאַראַן 1) אַ שול סיסטעם, פון אויבן ביז אַראָפּ, פון אוניווערסיטעט ביז דער אָנפאַנגשול; 2) אַן אָפיציעלע קאָנצעלאַריע מיט איר שטרענגן נוסח; און 3) אַ פּרעסע און ליטעראַטור; און די אַלע אינסטיטוציעס שטרעבן צו צעמענטירן די פּראָווינציעלע דיאַלעקטן אין א י י ן שפּראַך. [...] ביי אונדז אָבער איז ליטעראַטור=און=

> פּרעסע דער א י י נ צ י ק ע ר צענטריפּעטאַלער כח וואָס האַלט אונדזער לשון צוזאַמען, ווייניקסטנס פאַרן אויג, אויב נישט פאַרן אויער.

(שאַפּיראָ 1945: 15-16)

פּרינציפּן פון דער יידישער סטיליסטיק

דער סטיליסטישער מעמד פון יידיש

אין איר סטרוקטור, אין אירע מעכטיקע כוחות אויף אויסדריקלעכקייט, פּינקטלעכקייט און בילדערישקייט, מיט איר פּרעכטיקער ליטעראַטור, איז די יידישע שפּראַך, סטיליסטיש גערעדט, איינע פון די רייפסטע ליטעראַרישע לשונות אויף דער וועלט. יידיש דאַרף זיך ניט „אויסבויען" אויף צו ווערן אַ שפּראַך צווישן די גרויסע שפּראַכן פון דער וועלט. זי איז עס שוין.

קריטעריעס ביים לייזן סטיליסטישע פראַגן

אונדזער ליטעראַרישע שפּראַך האָט שוין אירע נאָרמעס און אירע פּאַראַנענע וואַריאַנטן. דאָרטן וואו מ׳דאַרף צומאָל אויסקלייבן פון אויסגעהאַלטנקייט וועגן (אַשטייגער ביים רעדאַגירן ביכער און זשורנאַלן), קען נאָר קומען אין באַטראַכט איין קריטעריע (אויסער דעם אינדיווידועלן שפּראַכיקן חוש): וואָס איז מער י י ד י ש, וואָס פּאַסט זיך

בעסער אַריין אין דער סיסטעם פון דער ליטעראַטור שפּראַך. דאָס וואָס טוט זיך אויף וועלכער ניט איז אַנדערער שפּראַך איז לחלוטין ניט שייך.

דער אַרויסרייד

סיי די דיאַלעקטישע אַרויסריידן סיי דער ליטעראַרישער אַרויסרייד זיינען ריכטיק, הן פּריוואַט, הן אין עפנטלעכן לעבן.

דער אויסלייג

געזעצמעסיקע וואַריאַציע, וואָס לאָזט זיך סיסטעמאַטיש שילדערן, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער היינטיקער ייִדישער אָרטאָגראַפיע און דאַרף אויפגענומען ווערן רואיק און אַנאַליטיש. פאַראַן אַן אָרטאָגראַפישער צענטער מיט קאָנסערוואַטיווע און ראַדיקאַלע אויסשטראַלונגען. דער קאָנסערוואַטיווער פליגל באַשטייט פון יענעם טייל פון חסידישן סעקטאָר וואָס נוצט דעם שטומען עין מיטן שטומען הא (זאָגען, יאָהר). דער ראַדיקאַלער פליגל באַשטייט סיי פון סאָוועטישן אויסלייג סיי פון ייִוואָ אויסלייג. די סאָוועטישע סיסטעם נוצט ו און י אָנשטאָט דעם שטומען אלף (ווו, פּעיִק) און פאָנעטיזירט דעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט (אַוואַדע, עפשער). דער ייִוואָ אויסלייג פאָלגט

דעם סאָוועטישן בנוגע ו און י, היט אָבער אויף דעם היסטאָרישן אויסלייג פון די סעמיטיזמען און איז בשעת מעשה מער ראַדיקאַל מיטן צעטיילן אַדווערבן (אַ פּנים, פאַר אַ יאָרן). דער ברייטער צענטער, אין ליטעראַריש־קולטורעלן סעקטאָר, היט אויף די נייע ייִדישע אָרטאָגראַפיע פון בער באָראָכאָוו (1913) און זלמן רייזען (1920), ניט אָננעמענדיק די ראַדיקאַלע רעפאָרמען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די צוואַנציקער יאָרן און ביי דער ייִוואָ אין דער פּוילישער רעפּובליק אין די דרייסיקער יאָרן. אָט דער ברייטער צענטער איז געבליבן ניט־קאָדיפיצירט מער ווי זיבעציק יאָר נאָך זלמן רייזענס פּראָיעקט פון 1920.

צוויי היסטאָרישע דערשיינונגען האָבן די לעצטע יאָרן איבערגעאַנדערשט דאָס בילד. פון איין זייט, האָט אַן אָנזעעוודיקער חלק פון טראַדיציאָנעלן סעקטאָר באַזייטיקט דעם שטומען עין מיטן הא, און דערמיט זייער אויסלייג צוגעפירט ביז צו דער שוועל פון דער נייער אָרטאָגראַפיע פונעם צענטער. פון דער אַנדערער זייט איז אונטערגעגאַנגען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די צוויי דערשיינונגען האָבן אַריינגעטראָגן צוויי פּרינציפּיעלע שינויים אין דער אייבערסטרוקטור פון דער ייִדישער אָרטאָגראַפיע. צום ערשטן מאָל זינט דער ערשטער וועלט מלחמה איז „פון זיך" אויפגעקומען אַ בשותפותדיקייט — דער אָרטאָגראַפישער צענטער — וואָס כאַראַקטעריזירט סיי דעם וועלטלעכן סיי דעם רעליגיעזן סעקטאָר (מיט קלענערע אונטערשיידן). והשנית, דאָס (כמעט) פאַרשוואונדן ווערן פון סאָוועטישן אויסלייג האָט גורם געווען, דער ייִוואָ אויסלייג זאָל ווערן דער סאַמע ראַדיקאַלסטער וואָס איז היינט פאַראַן.

אין 1992 האָבן פיר אוניווערסיטעטן — אָקספאָרד, בר־אילן, ווילנע און תל אביב — קאָדיפיצירט דעם אָרטאָגראַפישן צענטער אינעם הסכם וואָס איז דערשינען אין בוך פאָרם צום סוף פון יענעם יאָר א.ט. כלל־תקנות פון יידישן אויסלייג. ס׳איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע וואָס יידישע אויסלייג תקנות זיינען געצילט אויף כולל צו זיין סיי דעם רעליגיעז־חסידישן סיי דעם וועלטלעך־ליטעראַרישן באַנוץ: אַ *בריק* צווישן ביידע וועלטן.

עד כאן — פּערספּעקטיוו. דער סטיליסטישער *פּרינציפּ* פון היינטיקן יידישן אויסלייג איז די עצם אָנערקענונג פון דער פאַראַנענקייט פון עטלעכע פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקטע אונטערנוסחאות פון דער נייער יידישער אָרטאָגראַפיע.

די קאָמפּאָנענטן פון יידיש

אַלע ווערטער אין יידיש זיינען *יידישע*, אומאָפּהענגיק פון וואַנעט זיי שטאַמען, אומאָפּהענגיק פון דער דאַטע, ווען זיי זיינען אין דער שפּראַך אַריין. די אַלע ווערטער וואָס זיינען אַריין פון דייטש אין נייַנצנטן יאָרהונדערט, און וואָס ווערן היינט באַנוצט אין דער ליטעראַרישער שפּראַך, זיינען פּונקט אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע יידישע ווערטער. ביי די־אָ ווערטער זיינען די קין־צייכנס (● און ▼) אין א. ווינרייכס ווערטערבוך: בטלין ומבוטלין.

פאָרשלאַגן אויף נייע ווערטער

פּונקט ווי ביי אַלע לעבעדיקע שפּראַכן, קומען כסדר אויף נייע ווערטער. אָט דער געזונטער, נאַטירלעכער פּראָצעס האָט ניט קיין שייכות מיט די אויסבויאיסטישע פּרואוון אויף צו פאַרפלייצן די שפּראַך מיט *פאָרשלאַגן* וואָס ווערן דערלאַנגט בכדי צו „דערווייטערן“ יידיש פון דייטש, אָדער יידיש צו „קאָנפראָנטירן“ מיט ענגליש. ביידע אויסבויאיסטישע פּרינציפּן, און במילא די לעקסיקאַלישע פאָרשלאַגן וואָס וואַקסן פון זיי אַרויס, זיינען: לא שרירין ולא קיימין.

כלל־שפּראַך און דיאַלעקט
אינעם געשריבענעם יידיש

ליטעראַרישע שפּראַכן בויען זיך ניט לויט דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, ניט דורך באַוואוסטזיניקן אָפּקלייב מצד אַוועלכן ניט איז געלערנטן, נאָר דורך היסטאָרישע פּאַקטאָרן וואָס מ׳קען ניט מבטל מאַכן בדיעבד אָן חרוב מאַכן די סטרוקטורעלע גאַנצקייט. עס איז מעגלעך צו נוצן אַ שלל מיט פּראָווינציאָנאַליזמען אַז מ׳גיט איבער די רייד פון אַ פּראָווינציאָנעלן מענטשן, אָדער, ביים סטיליזירן לויט אַ געוויסן דיאַלעקט. די ליטעראַרישע שפּראַך טאָר מען אָבער ניט צעשטערן דורכן אַרויסוואַרפן אָנגענומענע ווערטער און

אַריינפירן דיאַלעקטישע אויף זייער אָרט, צוליבן אויס־בויאיסטישן פּרינציפּ פון ווייטערקייט פון דייטש.

ווער זיינען אונדזערע סטיליסטן?

די ריכטיקע סטיליסטן זיינען ניט די פילאָלאָגן, ניט די געלערנטע, וואָס פּראָקלאַמירן זיך אַליין פאַר „פּוסקים"; די אמתע סטיליסטן זיינען די גרויסע שרייבער, וועמענס גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט צו שפּראַך עס האָט געשאַפן די נאָרמעס, די כללים, דעם נייעם ליטעראַרישן יידיש. די ראָלע פון די געלערנטע באַשטייט אין אַבסטראַהירן, סומירן און איבערגעבן דאָס וואָס די שרייבער האָבן געשאַפן. אַז פּראָפעסאָרן סטאַרען זיך פאַרנעמען די ראָלע פון די שרייבער, מוז אַרויסקומען: אַ מפּיל־קינד.

אָרנטלעכקייט

אַז מ'דריקט אויס אַ מיינונג אין דער סטיליסטיק, דאַרף מען עס באַצייכענען אַלס — מיינונג. דאָס איז ספּעציעל וויכטיק אין ווערטערביכער, לערנביכער און גראַמאַטיקעס. פאָרשלאַגן דאַרפן באַצייכנט ווערן ווי פאָרשלאַגן. זיי טאָרן ניט דערלאַנגט ווערן ווי עקזיסטירנדיקע שפּראַכיקע פאַקטן. אַפילו אין ראַם פונעם נאָרמאַטיוויזם דאַרף מען דאָס פאַראַנענע אָפּזונדערן פון די פאָרשלאַגן.

טאָלעראַנץ

ווי שטאַרק עס זאָלן ניט זיין די איבערצייגונגען פון די פאַרשידענע „מחנות" אין אונדזער היינטיקער סטיליסטיק, טאָר מען דעם דרך ארץ ניט אָנווערן איינער צום אַנדערן. אונדזערע חילוקי דעות זיינען אַ סימן פון אַ שפּרודלדיקער קולטור. אַלע אָן אויסנאַם, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פראַגן פון יידישער סטיליסטיק, זיינען אין איין און דער זעלביקער מחנה, דהיינו: די מחנה קעמפער פאַר אַ לעבעדיקן יידיש אין די קומעדיקע דורות. אָט דאָס, וואָס פאַראייניקט אונדז, איז אָן אַ שיעור שטאַרקער איידער דאָס וואָס צעטיילט אונדז.

אויפרוף צו די בני דור

די יינגערע דורות, וואָס געדענקען, ניט די צווייטע וועלט מלחמה, ניט דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידישע לעבן פון פאַרן חורבן, נעמט דער גרויזאַמער היטלעריסטישער טויטקלאַפּ און וואַרפט זיך אין די אויגן ערשט א י צ ט. אין די זונפאַרגאַנג יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נעמט זיך דער מלאך המות צו ביסלעך צום לעצטן דור יידישע וואָרטמייסטער וואָס האָבן באַוויזן איינצוזאַפּן אין דער טיף דאָס שפּרודלדיקע, בליענדיקע לעבן פון דער ציוויליזאַציע אַשכנז, וואָס די דייטשן און זייערע מיטהעלפער האָבן אויסגעגאַזט און אויסגעשאָסן. מעגן מיר שוין פאָרן אין די לענדער פון אונדזערע אבות אבותינו, טרעפן מיר די וויסטענישן פונעם מוראדיקסטן עמק הבכא אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

מיר דאַרפן זיך באַמיען מיט אַלע כוחות זיך צו דער־נעענטערן צו אונדזערע יידישע שרייבער, זיי צו שטיצן סיי אין דער גשמיות און סיי גייסטיק און מאָראַליש, ביי זיי צו לערנען וואָסאַמאָל מער, זיך צו פאַרטיפן, וועדליק אונדזערע כוחות, אין זייערע שפּראַכיקע אוצרות.

די צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור ווענדט זיך ניט אָן אונדז. זי וועט אַמאָל נאָענט אויפבליען, „דאָרטן", אין חסידישע קהילות איבער דער וועלט, וואו יידיש ווערט געטריי אויפגעהיט ווי אַ טאָגטעגלעך לשון וואָס נייע דורות זאַפּן איין אינאיינעם מיט דער מאַמעס מילך. ס'איז לחלוטין ניט מעגלעך, אַז ביי אַ שפּראַך

וואָס מיליאָנען וועלן ריידן אויף איר (לויט דער טרוקענער דעמאָגראַפיע, ניט נאָר אין אונדזערע חלומות), זאָל ניט אויפקומען קיין נייע שיינע ליטעראַטור, געניי ווי אונדזער באַליבטע ליטעראַטור איז אויסגעוואַקסן אויף די זעלביקע יסודות פון דער אייביקער ייִדישקייט.

און דאָך. און דאָך פאַלט אויף אונדז די אחריות, די היסטאָרישע שליחות, אויפצושטעלן אַ יבנה, ווי באַשיידן זי זאָל ניט זיין, אַ בריק צווישן איצטער און יענעם דעמאָלט, כדי דאָס ליכטעלע וואָס צאַנקט זאָל זיך ניט אויסלעשן.

מיר האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון פּוריסטן און אויסבויאיסטן וואָס האָבן אָנגעווענדט אַ קרומען און שפּלותדיקן פּרינציפּ, אַז ייִדיש דאַרף מען ערשט „אויסבויען", די שפּראַך דערווייטערן פון עטימאָלאָגיש־קרובהשע לשונות. דער פּועל יוצא איז אַ הילצערנע שפּראַך אויף וועלכער עכטע ליטעראַטור ק ע ן גאָרניט געשריבן ווערן, מחמת עכטע ליטעראַטור מוז געשריבן ווערן אויף איינעם פון די אמתע נוסחאות פון דער שפּראַך.

פאַרקערט, ייִדיש איז צווישן די ליטעראַריש רייפּסטע שפּראַכן וואָס ס'קען נאָר זיין, מיר דאַרפן איר נאָר ווערט זיין. עס איז געקומען די צייט זיך צו באַפרייען פון די סטיליסטישע קייטן פון די פּאַפּירענע פּוריסטישע שדים: דייטשמעריזמען, אַנגליציזמען, רוסיציזמען, און אויך פון דעם אויסלייג־שד וואָס האָט אַ געטשקע געמאַכט פון — נקודות.

די פּחדים מיט די קאָמפּלעקסן מוזן מיר אָנוואַרפן אויפן אויסבויאיסטישן שייטערהויפן. מיר דאַרפן זיי פאַרבייטן מיט דער שעפערישער פרייד וואָס עס ברענגט מיט זיך שרייבן לשמה.

איז נעמט אין איינעם אַן איינזאַמען שפּעטביינאַכט אייער פעדער, ווען קיינער קוקט ניט און קיינער זעט ניט, און שרייבט

עטלעכע מאָל „וואו", „ייִדיש", „פריער", „גליאיק", און צייגט זיך איבער אַז אייער פעדער וועט דערפון קיין פייער־שיסער ניט ווערן.

און דערנאָך נעמט שרייבן אַוואו די פען וועט פירן, צי אַ ליד, צי אַ מעשה, צי אַן עסיי, זיך פאַרטיפנדיק אינעם לשון וואָס איר האָט געהערט און פאַרגעדענקט, ביי עמך און ביי אונדזערע שרייבער. בעסערט ניט אויס דאָס וואָס אייער געטרייער זכרון דערלאַנגט. נעמט ליב האָבן אַלע עכטע ייִדישע ווערטער גלייך. די שעפערישקייט ליגט ניט אין שאַפן נייע ווערטער. זי ליגט אין דעם וואָס איר וועט אויפטאָן מיט די אַלטע.

בויען אַ יבנה איז אונדזער שליחות, כדי דאָס ליכטעלע וואָס צאַנקט זאָל זיך ניט אויסלעשן.

ביבליאָגראַפֿיע

> הערה: דער אויסלייג אין דער ביבליאָגראַפֿיע ווערט סטאַנדאַרדיזירט בײַ ווערק נאָך 1900 אַחוץ בײַ ווײַנגער און בײַ די סאָוועטישע אויסגאַבעס.

אַגורסקי, ש. (ס) און אָשעראָוויטש, א.

1934 (רעד.), לינגוויסטישע זאמלונג II, ווײַסרוסישע וויסנשאפט־אקאדעמיע, אינסטיטוט פאר יִדישער פּראָלעטארישער קולטור: מינסק.

אהרן בן שמואל

1709 ליבליכה תפילה אודר גרעפטיגה ארטצנייא פאר גוף און נשמה: הערנעסהויזן.

אײַזנמאַן, צבי

1992 „דער קאַלענדאַר" אין ירושלימער אַלמאַנאַך 22: 117-112.

אינסטיטוט פאר יִדישער פּראָלעטארישער קולטור בא דער אוק־ראִינישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע: פילאָלאָגישע סעקציע

1932 די סאָוועטישע יִדישע אָרטאָגראפיע (קלאָלימ פונעמ נײַעמ יִדישנ אויסלייג), מעלוכע־פארלאג

פאר די נאציאָנאלע מינדערהייטנ פונ אוס״רר: כאַרקאָוו, קיעוו.

אַלטמאַן, מוישע [משה]

1980 די ווינער קארעטע, פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״: מאָסקווע.

אַלמי, א.

1925 „יידיש און תּחינה לשון״ (וועגן ז. קלמנאָוויטשעס אַרטיקלען: „ניי־יידיש״) אין ליטעראַרישע בלעטער 2 (נ. 75): 151-152.

אלקלעי, ראובן

1965 מילון עברי־אנגלי שלם, הוצאת מסדה: ירושלים.

אָפּאַטאָשו, י.

1927 לינטשעריי און אַנדערע דערציילונגען [= געזאַמלטע ווערק פון י. אָפּאַטאָשו, 5], ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין: ווילנע.

באָראָכאָוו, בער

1912 [ניט־פאַרעפנטלעכטער בריוו געשיקט אין רעדאַקציע פונעם פריינד] אין ליטעראַרישע בלעטער 51 (190), 1927: 1001.

1913א „די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע״ אין ש. ניגער 1913: 1-22.

1913ב „די ביבליאָטעק פונעם יידישן פילאָלאָג. ערשטער טייל. פיר הונדערט יאָר יידישע שפּראַך פאָרשונג״ אין ש. ניגער 1913: 1-66 (באַזונדערע פּאַגינאַציע צום סוף פון באַנד).

באָריישאָ, מנחם

1929 „ער״ אין ליטעראַרישע בלעטער 20 (263): 380.

באַשעוויס, יצחק

1950 די פאַמיליע מושקאַט, 2 בענד, משה־שמואל שקלאַרסקי: ניו־יאָרק.

1964 „אסתּר־קריינדל די צווייטע״ אין די גאָלדענע קייט 48: 16-28.

1974 דער בעל תּשובה, פאַרלאַג י. ל. פּרץ: תּל אביב.

1982 מעשיות פון הינטערן אויוון, פאַרלאַג י. ל. פּרץ: תּל אביב.

בוקסטאָרף, יאָהאַן

1609 Johann Buxtorf, *Thesaurus grammaticus linguæ sanctæ hebrææ*, Conrad Waldkirch: Basel.

בירנבוים, שלמה

1930 „די יסודות פון יידישן אויסלייג״ אין ייוואָ 1930ב: 18-19, 86-87.

1932 יידיש ווערטערביכל פון אויסלייג, גראַמאַטישן מין, ביינונג און וואָרט־קלאַס. מיט די נייטיקסטע כּללים פון אויסלייג, פאַרלאַג בית יעקב: לאָדזש.

1938 „שותּפותדיק שרייב־לשון און שותּפותדיקע חברה״ אין יידיש פאַר אַלע 1: 245-246.

1947 „אַן ענטפער מכּח מיינע טראַנסקריפּציעס״ אין יידישע שפּראַך 7: 29-36.

1953 „פון דייטשמעריזם ביז דער הייל אין דער מדבר יהודה" אין יידישע שפּראַך 13: 109-120.

1979 Solomon A. Birnbaum, *Yiddish. A Survey and a Grammar*, Manchester University Press: Manchester & University of Toronto: Toronto.

בירשטיין, יאָסל

1991 „אַ פּנים אין די וואָלקנס" אין די גאָלדענע קייט 131: 191-209 [טייל].

בערגעלסאָן, דוד

1923 נאָך אַלעמען [= דוד בערגעלסאָן. ווערק, 6], פאַרלאַג „וואָסטאָק": בערלין.

בערגער, לילי

1991 „דעם טאַטנס ירושה" אין די צוקונפט 96.1: 24-28.

גאָלאָמב, אברהם

1967 „וועגן טערמינאָלאָגיע און נאָמענקלאַטור" אין יידישע שפּראַך 27: 17-19.

גאָלד, דוד=לייזער

1971 „מכח אַ צווייטן אַרויסקום פון אוריאל ווײַנרײַכס מאָדערן ענגליש=יידיש יידיש=ענגליש ווערטער=בוך" אין יידישע שפּראַך 30: 19-32.

1977 David L. Gold, "Successes and Failures in the Standardization and Implementation of Yiddish Spelling and Romanization", Fishman 1977: 307-369.

גאָלדבערג, דוד [= גולדברג, דוד]

1986 „נקודת המפגש בין דיאלקט לחרוז ביידיש" אין הספרות (נייע סעריע) 10, 3-4 (35-36): 220-227.

גאָלדסטיק, א.

1946 „דייטשמעריש קען צוניץ קומען" אין יידישע שפּראַך 6: 15-19.

גוטקאָוויטש, יאַנקל און צוקערמאַן, רחמיאל

1977 „דרך ארץ פאַרן לשון פון פאָלק" אין די צוקונפט 83.2: 72-76.

גיטליין, מ.

1934 מ. גיטליץ, „די שפּראַכ='בויונג' פונ די פאשיזירטע יִדישיסטנ" אינ אפּנ וויסנשאפטלעכנ פראָנט. ביולעטענ פונ אינסטיטוט פאר יִדישער פּראָלעטארישער קולטור בא דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט=אקאדעמיע 5-6: 84-98.

גינינגער, חיים

1949 „אַ בוך צו לערנען די יידישע קולטור שפּראַך" אין ייִואָ בלעטער 33: 204-211.

גלאַטשטיין, יעקב

1920 [לידער] אין אין זיך. אַ זאַמלונג אינטראָספּעק=

טיווע לידער, מ. נ. מייזעל פֿאַרלאַג: ניו־יאָרק, 49-65.

גלאַטשטיין, יעקב און לעיעלעס, א. און מינקאָוו, נ.

1920 „אינטראָספּעקטיוויזם״ אין אין זיך. אַ זאַמלונג אינטראָספּעקטיווע לידער, מ. נ. מייזעל פֿאַרלאַג: ניו־יאָרק, 5-27.

געלענבערג, מ.

1930 „יידיש אויף די וואַרשעווער גאַסן (אַ בינטל באַטראַכטונגען און אויספֿירן)״ אין ליטעראַרישע בלעטער 19 (314): 346-347, 21 (316): 392-394.

גראַדע, חיים

1961 די עגונה, יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פֿאַר־באַנד: לאָס־אַנדזשעלעס.

1977 „תלמידי חכמים אין דער ליטע״ אין די גאָלדענע קייט 94: 5-33 [טייל].

גרינשפּאַן, י.

1931 „צווישן ווענט״ אין גרינשפּאַן און סאָברין 1931: 3-76.

גרינשפּאַן, י. און סאָברין, לייבל

1931 ערב־צייט, פֿאַרלאַג „בידערמאַן״: ניו־יאָרק.

דילאָן, א. מ.

1935 די לידער פֿון א. מ. דילאָן, אַרויסגעגעבן פֿון חברים: ניו־יאָרק.

האַלפּערן, משה־לייב

1934 „דאָס ליד פֿון לענדלאָרד״ אין סטודיאָ 1: 43-45.

האַלפּערן, פֿאַלק

1928 „וועגן ליטוויציזמען״ אין ביכער וועלט 6: 57-59.

האַרקאַווי, אַלכסנדר

1928 יידיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך, צווייטע אויפֿלאַגע מיט תיקונים און הוספֿות: ניו־יאָרק.

1930 „עטלעכע באַמערקונגען וועגן אויסלייג״ אין ייוואָ 1930ב: 85.

1988 יידיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך. איבערדרוק פֿון דער צווייטער פֿאַרגרעסערטער אויפֿלאַגע פֿון 1928 מיט אַ נייעם אַריינפֿיר פֿון דוד קאַץ, ייוואָ און פֿאַרלאַג שאָקען: ניו־יאָרק.

הײַלע, שמואל

1991 Shmuel Hiley, "Solomon A. Birnbaum", Dov-Ber Kerler (ed.), *History of Yiddish Studies. Papers from the Third Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 13-15 December 1987* [= *Winter Studies in Yiddish*, 3], Harwood: Chur, 3-13.

אין דרוק א *Yiddish Grammar*.

אין דרוק ב *Basic Yiddish Vocabulary*.

הירשביין, פּרץ

1930 „די צעבראָכענע מאַדאָנע“ אין ליטעראַרישע בלעטער 5 (300): 90-92.

וואַגענזײַל, יאָהאַן קריסטאָף

1699 Johann Christof Wagenseil, *Belehrung der Jüdisch-Teutschen Red-und Schreibart*, Paul Friedrich Rhode: Königsberg.

וואָלאָדאַרסקי, כ.

1928 „שפּראַך און דיאלעקט (עטלעכע ווערטער וועגן אָרטאָעפּיע)“ אין די יידישע שפּראך 2.6 (13): 35-36.

וואָלפּע, דוד

1992 „אַזאַ סאָרט קריטיק“ אין יידישע קולטור 54.5: 47-50.

וואָרזאָגער, שלמה

1992 דורות, ישראל בוך: תל אביב.

וויזעל, אליעזר

1990 „אַ קאַלטער זומער טאָג“ אין די גאָלדענע קייט 130: 22-26.

ווײנגער, מ.

1913א מ. װײנגער, מאינ אלעפבעיז, נאיער פערלאג: וואַרשע.

1913ב מ. װײנגער, מאינ איסלעיגונג, נאיער פערלאג: וואַרשע.

ווײַנרײַך, אוריאל

1951 „צו דער פראַגע וועגן אַ נאָרמירטער אויסשפּראַך“ אין יידישע שפּראַך 11: 26-29.

1955 „וועגן פילטראַפּיקן גראַם“ אין יידישע שפּראַך 15: 97-109.

1959 Uriel Weinreich, “On the Cultural History of Yiddish Rime”, J. L. Blau, P. Friedman, A. Hertzberg, I. Mendelsohn (eds.), *Essays on Jewish Life and Thought. Presented in Honor of Salo Wittmayer Baron*, Columbia University Press: New York, 423-442.

1960א „וועגן אַ נײַעם יידישן שפּראַך און קולטור אַטלאַס“ אין די גאָלדענע קייט 37: 47-57.

1960ב „נאָזן, נעזער, נעז: אַ קאַפּיטל גראַמאַטישע געאָגראַפיע“ אין יידישע שפּראַך 20: 81-90.

1968 מאָדערן ענגליש-יידיש יידיש-ענגליש ווערטערבוך, ייוואָ און מעגראָ היל: ניו-יאָרק.

1991 „ראשי פּרקים פון אַ דעסקריפּטיווער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע. פּראָוויזאָרישער סטרוקטורעלער און לעקסיקאַלישער אינדעקס צום שפּראַך און קולטור אַטלאַס פון אַשכנזישע יידן“ אין ייוואָ בלעטער 1 (נײַע סעריע): 9-68.

ווײַנרײַך, מאַקס

1922 „אַ פּאָר ווערטער וועגן ‘פּאַסיקע ווערטער’“ אין ביכער וועלט 1: 255-258.

1923 שטאַפּלען. פיר עטיודן צו דער יידישער שפּראַך

וויסנשאַפּט און ליטעראַטור פֿאָרשונג, פֿאַרלאַג וואָסטאָק: בערלין.

1925 „ווילנער טעזיסן וועגן יידישן וויסנשאַפּטלעכן אינסטיטוט" אין צ.ב.ק. און וויל. ביג. 1925: 35-40.

1928 בילדער פֿון דער יידישער ליטעראַטור געשיכטע פֿון די אָנהייבן ביז מענדעלע מוכר ספרים, פֿאַר־לאַג „טאָמאָר" פֿון יוסף קאַמערמאַכער: ווילנע.

1930 „פּראָיעקט פֿון אַן איינהייטלעכן יידישן אויסלייג" אין ייוואָ 1930 ב: 20-65.

1931 „וואָס וואָלט יידיש געווען אָן העברעאיש?" אין די צוקונפֿט 36: 194-205.

1934 „אויסשפּראַך" אין אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע 1, דובנאָוו פֿאָנד: פּאַריז, 231-232.

1938א „ווען זאָל מען ניצן 'אַלס'?" אין יידיש פֿאַר אַלע 1: 21 [איבערגעדרוקט: מ. ווײַנרײַך 1973ב].

1938ב „דײַטשמעריש טויג ניט" אין יידיש פֿאַר אַלע 1: 97-106. [איבערגעדרוקט: מ. ווײַנרײַך 1975].

1938ג „זיבן נומערן 'יידיש פֿאַר אַלע'" אין יידיש פֿאַר אַלע 1: 280-290.

1941 „וועגן ענגלישע עלעמענטן אין אונדזער קולטור שפּראַך" אין יידישע שפּראַך 1: 33-46.

1949 „וואָס איז דער מער מיטן יידישן אויסלייג?" אין יידישע שפּראַך 9: 1-21.

1950 „אַ וואָרט פֿריער פֿונעם רעדאַקטאָר" אין סטוטשקאָוו 1950: ix-xviii.

1954 Max Weinreich, "Prehistory and Early History of Yiddish. Facts and Conceptual Framework", U. Weinreich (ed.), *The Field of Yiddish. Studies in Yiddish Language, Folklore and Literature* [= *Publications of the Linguistic Circle of New York*, 3], 73-101.

1959 „דער איינהייטלעכער אויסלייג, זיין געשיכטע און ווערדע. דער שטומער אלף נעבעך און די ריידעוודיקע פּראָבלעמען הינטער אים" אין יידישע שפּראַך 19: 33-64.

1973א געשיכטע פֿון דער יידישער שפּראַך. באַגריפֿן, פֿאַקטן, מעטאָדן, 4 בענד, ייוואָ: ניו־יאָרק.

1973ב „ווען זאָל מען ניצן 'אַלס'?" אין יידישע שפּראַך 32: 46-47.

1975 „דײַטשמעריש טויג ניט" אין יידישע שפּראַך 34: 32-33.

וועוויאָרקאַ, א.

1926 דער אויסלייג פֿון אידיש, פֿאַרלאַג „שול און בוך": מאָסקווע.

[זאַמענהאָף, ל.]

1909 Dr X, „וועגן אַ יידישער גראַמאַטיק און רעפֿאָרם אין דער יידישער שפּראַך" אין לעבן און וויסנשאַפֿט 1.1: 50-56.

1910 Dr X, „פּראָבן פון אַ יידישער גראַמאַטיק" אין לעבן און וויסנשאַפט 1.7: 89-96, 1.9: 97-104.

זאַרעצקי, א.

1923א „וועגן די שלאָס־אויסיעס" אין יידיש 1923: 25-26.

1923ב [רעצענזיע איבער:] אָרטאָגראַפישע טאַבעלע (אָנגענומען דורכן ערשטן יידישן שול־צוזאַמענ־פאָר אין פּוילן) אין יידיש 1923: 27-28.

1927 גרײַזן און ספּייקעס. קאַפּיטלען סטיליסטישע גראַמאַטיק, קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע": קיעוו.

1928א „פּראָיעקט פון דער אָרטאָגראַפישער רעפאָרמע" אין קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאג „קולטור־ליגע" 1928: 3-26.

1928ב „ביבליאָגראַפיע צו דער אָרטאָגראַפישער דיסקוסיע. אָנהייבנדיק פון 1921 יאָר" אין קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאג „קולטור־ליגע" 1928: 65-70.

1928ג „א וויכטיקער כיסאָרן פון דער נײַער אָרטאָ־גראַפיע" אין די יידישע שפּראַך 2.3 (10): 19-22.

1929 „וועגן יידישער אָרטאָעפיע" אין די יידישע שפּראַך 3.3 (16): 1-8; 3.4/5 (17-18): 21-32 [טײלווײַז איבערגעדרוקט: זאַרעצקי 1991].

1930 שפּראַך. אַרבעטבוך פאַרן ערשטן קאָנצענטער. בוך פאַרן לערער, צענטראַלער פעלקער־

פאַרלאַג פון פ.ס.ס.ר: מאָסקווע, כאַרקאָוו, מינסק.

1931א פאַר א פּראָלעטאַרישער שפּראַך. צענטער־פאַרלאַג: כאַרקאָוו, קיעוו.

1931ב יידישע אָרטאָגראַפיע. קלאָלים פונ נײַעמ יידישנ אויסלייג לויט די באַשלוסנ פונ דער אָרטאָ־גראַפישער קאָנפערענצ (1928 יאָר) אונ פונ דער צענטראַלער אָרטאָגראַפישער קאָמיסיע, צענטראַלער פעלקער־פאַרלאַג פונ פ.ס.ס.ר.: מאָסקווע, כאַרקאָוו, מינסק.

1991 „וועגן יידישער אָרטאָעפיע" אין סאָוועטיש היימלאַנד 6: 122-126.

חיים בהאלוף הר"ר מנחם מאנש מגלוגא

[± 1717] מראה הכתב בל"א וראשי תיבות.

חרץ, מאיר

1992 נאָכן סך־הכל. דריי, פאַרלאַג „אייגנס": ירושלים.

י. ט.

1910 „צו דער רעפאָרם פון יידיש" אין לעבן און וויסנשאַפט [זאַמלבוך אַרויס נאָך דער העפט נ. 12 פון ערשטן יאָרגאַנג]: 61-70.

טײַכמאַן, מ.

1936א „אַ שטילע, אָבער וויכטיקע קאָנפערענץ" אין ליטעראַרישע בלעטער 29 (466): 462.

1936ב „וואָס פאָרט מיט אונדזער אָרטאָגראַפיע?" אין ליטעראַרישע בלעטער 38 (645): 604-605.

טים, עריקאַ

1987 Erika Timm, *Graphische und phonische Struktur des Westjiddischen unter besonderer Berücksichtigung der Zeit um 1600*. Max Niemeyer: Tübingen.

טעלעסין, זיאַמע

1992 דאָס ניסעלע וואָס פייפט, פֿאַרלאַג הארץ: ירושלים.

טעפּער, יוסף

1936 „די יונגע יידישע סאָציאַלע וויסנשאַפטן אין ייוואָ" אין ליטעראַרישע בלעטער 51 (658): 811-810, 52 (659): 824-823.

יאָכנאָוויץ, גרשון

1968 George Jochnowitz, "Bilingualism and Dialect Mixture among Lubavitcher Hasidic Children", *American Speech* 43.3: 182-200.

יאָפֿע, יודאַ אַ.

1909 „די קלאַנגען פון יידיש און דער יידישער אלף־בית" אין דאָס נייע לעבן, אויגוסט 1909: 532-529, 704-701

1948 „אַנאַליז פון עטלעכע אויסלייג תקנות פון ייוואָ" אין יידישע שפּראַך 8: 33-61.

1950 „לאָמיר אַנאַליזירן, ניט סתם דעבאַטירן (צום אַנאַליז פון עטלעכע אויסלייג תקנות)" אין יידישע שפּראַך 10: 49-59.

יאָפֿע, יודאַ א. און מאַרק, יודל

1961א „הקדמה" אין יאָפֿע און מאַרק 1961ב: טו-כד.

1961ב גרויסער ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך, באַנד 1, קאָמיטעט פאַרן גרויסן ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך: ניו־יאָרק.

1966 גרויסער ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך, באַנד 2, קאָמיטעט פאַרן גרויסן ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך: ניו־יאָרק.

יידיש

1923 יידיש. ערשטע זאמלונג פון דער יידישער פילאָלאָגישער קאמיסיע ביי דער צענטראַלער יידשער ביוראָ פון פאלקאָמבילד. אויסגאבע פון דעם אוקראאינישן הויפּט־קאמיטעט פאר פּראפעסיאנעל־טעכנישער און ספּעציעל־וויסנשאפטלאכער בילדונג און דער צענטראַלער יידישער ביורא ביים פאלקס־קאמיסאריאט פאר בילדונג: כאַרקאָוו.

ייוואָ (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט)

1925 פֿאָרבאַראַטונג וועגן דעם וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (7-12 אויגוסט 1925, אין בערלין), אַרויסגעגעבן: אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פֿאַר דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט: בערלין.

1926 לאַנדוי בוך. ד"ר אַלפרעד לאַנדוי צו זיין 75טן געבוירנסטאָג דעם 25טן נאָוועמבער 1925 [= שריפטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ב. 1, פילאָלאָגישע סעריע, 1; אויפן טאָוול:

פילאָלאָגישע שריפטן. לאַנדוי בוך], ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין: ווילנע.

1928 פילאָלאָגישע שריפטן. צווייטער באַנד [= שריפטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, 2], ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין: ווילנע.

1929א פילאָלאָגישע שריפטן. דריטער באַנד, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין: ווילנע.

1929ב צוויי יאָר אַרבעט פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. אַ באַריכט פאַר דער צייט פון מערץ 1925 ביז מערץ 1927, צווייטע אויפלאַגע, ייוואָ: ווילנע.

1930א באַריכט פון דער קאָנפערענץ פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אָפּגעהאַלטן אין ווילנע פון 24טן ביזן 27טן אָקטאָבער 1929, ייוואָ: ווילנע.

1930ב דער איינהייטלעכער יידישער אויסלייג. מאַטעריאַלן און פּראָיעקטן צו דער אָרטאָ־גראַפישער קאָנפערענץ פון ייוואָ. ערשטע זאַמלונג, ייוואָ: ווילנע.

1934 „לכבוד אַלכסנדר האַרקאַווי צו זיין 70טן געבוירנסטאָג" אין ייוואָ בלעטער 6: 1-4.

1935 אויסלייג תקנות פון יידיש [= אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער וויסנשאַפט, 14], ייוואָ: ווילנע.

1936 דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפאָר פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. צום 10יאָריקן יובל

פון ייוואָ. אָפּגעהאַלטן אין ווילנע פון 14טן ביזן 19טן אויגוסט 1935, ייוואָ: ווילנע.

1937 תקנות פון יידישן אויסלייג [= אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער וויסנשאַפט, 16], ייוואָ: ווילנע [איבערגעדרוקט אין ייוואָ בלעטער 11: 97-128].

כ"ץ, מ.

1913 „ביבליאָגראַפישע נאָטיצן" אין דאָס נייע לעבן 5.7: 56-64 (414-422).

כלל־תקנות פון יידישן אויסלייג

1992 כלל־תקנות פון יידישן אויסלייג, פאַרלאַג „אָקספאָרדער יידיש": אָקספאָרד.

לודען, יצחק

1988 פּערל פון גן־עדן. וועגן קונסט און וועגן קינסטלער. עסייען, אָפּהאַנדלונגען און שמועסן, ה. לייוויק פאַרלאַג ביים פאַראיין פון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל: תל אביב.

1992 פריוואַטער בריוו [קריטיק איבערן ערשטן אָנוואַרף פון איצטיקן בוך], תל אביב, 10טן יוני.

ליטוואַקאָוו, מ.

1928 „פאָרוואָרט" אין יידישע אָרטאָגראַפיע. פּראָ־יעקטן און מאַטעריאַלן צום II אַלפאַרבאַנדישן יידישן קולטור־צוזאַמענפאָר, קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע": קיעוו, 1-2.

ליטוואַקאָוו, מ. און זאַרעצקי, א.

1929 „באַשלוסן פון דער צענטראַלער אָרטאָ־גראַפישער קאָמיסיִע (דעם 21 יאַנוואַר 1929 (אַפּן סמאַך פון די באַשלוסן פון דער אָרטאָגראַפישער קאָנפערענץ) [געחתמעט צום סוף: פאָרזיצער פון צ. אָ. ק. (מ. ליטוואַקאָוו). סעקרעטאַר (א. זאַרעצקי)]" אין די ייִדישע שפּראַך 3.1 (14): 57-60.

ליטווין, מרדכי

1992 „פון אַ בריוו [פון מ. ליטווין] אין ייִדישע קולטור 54.1: 59.

לייב, מאַני

1937 „לידער" אין די פעדער 28 [= זאַמלשריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און קריטיק לכבוד אברהם רייזענס יובליי]: 8-9.

לייוויק, ה.

1922 דער גולם. דראַמאַטישע פּאָעמע אין אַכט בילדער, פאַרלאַג קולטור ליגע: וואַרשע.

ליפשיץ, י. מ.

1869 ריסיש־יודישער ווערטר ביך, זשיטאָמיר.

1876 יודעש־רוסישער ווערטער ביך, י. מ. באקשט: זשיטאָמיר.

לעבן און וויסנשאַפט

1909 „מיט נקודות צי אָן נקודות?" אין לעבן און וויסנשאַפט, אָקטאָבער 1909, 1.6: 135-142.

לעהרער, ל.

1929 „די ליטעראַרישע שפּראַך" אין ליטעראַרישע בלעטער 10 (253): 187-188, 11 (254): 211-212.

לעיעליעס, א.

1962 „אַמעריקע און איך" אין די גאָלדענע קייט 45: 76-79.

לעמבעריקער, א.

1981 „אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך" אין אויפן שוועל 243: 15.

1982 „אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך" אין אויפן שוועל 248: 15.

1988 „אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך" אין אויפן שוועל 270: 18-19.

לעמפעל, בלומע

1991 „די בינע איז לייִדיק" אין די גאָלדענע קייט 132: 163-165.

מאָלאָדאָווסקי, קאַדיע

1927 „צוויי לידער" אין ליטעראַרישע בלעטער 11 (150): 209.

מאַרק, יודל

1938א „אַ פּאָר גאָר וויכטיקע ספקות פון אונדזער איצטיקער כלל־שפּראַך" אין ייִדיש פאַר אַלע 1: 233-244, 265-272.

1938ב „יידישע אַנגליציזמען. אַ פּאָר באַמערקונגען" אין יאָרבוך פֿון אַמאָפּטייל 1: 296-321.

1947 „הערות צו די תקנות פֿון יידישן אויסלייג" אין יידישע שפּראַך 7: 1-29.

1949 „עטלעכע הערות פֿונעם רעדאַקטאָר" אין יידישע שפּראַך 9: 21-22.

1951 „וועגן אַ כּללישן אַרויסרייד" אין יידישע שפּראַך 11: 1-25.

1952א „וועגן נעאָלאָגיזמען" אין יידישע שפּראַך 12: 33-42.

1952ב „וועגן שאַפֿן ריכטיקע נעאָלאָגיזמען" אין יידישע שפּראַך 12: 65-83.

1953 „וואָס איז אַ וואָרט אין דער יידישער שפּראַך?" אין יידישע שפּראַך 13: 132-143.

1954 „וואָרטשאַפֿונג אין ה. לייוויקס לידער" אין יידישע שפּראַך 14: 171.

1959א „אין פֿאַרטיידיקונג פֿון שטומען אלף" אין יידישע שפּראַך 19: 1-16.

1959ב „רעזולטאַטן פֿון אַן אַנקעטע וועגן אויסלייג" אין יידישע שפּראַך 19: 73-83.

1959ג „וואו האַלט מען מיטן איינהייטלעכן אויסלייג?" אין יידישע שפּראַך 19: 83-96.

1964 „כלומרשטע, ספֿקדיקע און ניצלעכע דייטשמעריזמען" אין יידישע שפּראַך 24: 1-19, 65-82.

1966 „צושריפֿט פֿון דער רעדאַקציע וועגן עטלעכע ווערטער און פֿאָרמען" אין יידישע שפּראַך 26: 80-83.

1971 גרויסער ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך, באַנד 3, קאָמיטעט פֿאַרן גרויסן ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך: ניו־יאָרק, ירושלים.

1978 גראַמאַטיק פֿון דער יידישער כלל־שפּראַך, אַלוועלטלעכער יידישער קולטור קאָנגרעס: ניו־יאָרק.

1980 גרויסער ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך, באַנד 4, קאָמיטעט פֿאַרן גרויסן ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך: ניו־יאָרק, ירושלים.

מאַרק, מענדל

1968 „ייוואָ־יידיש" אין יידישע שפּראַך 28 : 91-94.

מאַרקיש, פּרץ

1925 „פֿון דער היים" אין ליטעראַרישע בלעטער 78: 198-200.

1939 דערציילונגען, מעלוכע־פֿאַרלאַג „דער עמעס": מאָסקווע.

מאַש, יענטע

1992 „אויף דער טראַסע" אין ירושלימער אַלמאַנאַך 22: 14-20.

מייזיל, נחמן

1930 „די אַרבעט פֿון ייוואָ און זיינע סעקציעס" אין ליטעראַרישע בלעטער 43 (338): 806-808.

1931 „אויף דער אָרטאָגראַפֿישער קאָנפֿערענץ (איינ־דרוקן, אַרויסגעכאַפּטע ווערטער און אויספֿירן)" אין ליטעראַרישע בלעטער 23 (370): 435-433.

מיזעס, מתתיהו

1908 „מתתיהו מיזעסעס רעפֿעראַט וועגן דער יידישער שפּראַך" אין די ערשטע יידישע שפּראַך קאָנפֿערענץ. באַריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ 1908, ייוואָ: ווילנע, 1931, 193-143.

1919 Matthias Mieses, *Die Gesetze der Schriftgeschichte. Konfession und Schrift im Leben der Völker. Ein Versuch von Matthias Mieses*, Wilhelm Braumüller: Wien & Leipzig.

מילנער, ט. מ.

1909 [בריוו אין רעדאַקציע] אין לעבן און וויסנשאַפֿט 1.6: 137.

נאַדעל, בנימין

1962 „כלל־שפּראַך און דער איינהייטלעכער יידישער אויסלייג" אין יידישע שריפֿטן 177 (2): 15-13.

נודעלמאַן, מ.

1960 לייטיש געלעכטער. הומאָר פֿון יידישן לעבן אין אַמעריקע, ציקאָ: ניו־יאָרק.

ניגער, ש.

1910 „דאָס בוך" אין לעבן און וויסנשאַפֿט 1.8: 74-57, 1.9: 82-61.

1912 „דייטשמעריש" אין לעבן און וויסנשאַפֿט 12-11: 55-49.

1913 (רעד.), דער פּנקס. יאָרבוך פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פֿאַר פֿאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפֿיע, ב. א. קלעצקין: ווילנע.

1934 „בריוו פֿון בער באָראָכאָוו. אַרויסגעגעבן מיט אָנמערקונגען" אין ייוואָ בלעטער 6: 24-5.

1941 „לאָמיר זיי כשרן" אין יידישע שפּראַך 1: 24-21.

דער נסתר [ניסטער]

1939 די מישפּאָכע מאשבער. ראָמאַן. ערשטער טייל, מעלוכע־פֿארלאג „עמעס": מאָסקווע.

נתן נטע בן הקדוש מוהק"ר משה הנוכר זצ"ל הין"]ד אשכנזי שהיה קודם מתושבי ק"ק זסלב

1660 ספר שפה ברורה: פּראָג.

סאַנדלער, באָרים

1986 טרעפֿלעך אַרויף צו א געס. דערציילונגען און נאָוועלן, פֿארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל": מאָסקווע.

סדן, דב

1979א „אויסלייג, נאָרמעס וכדומה" אין סדן 1979ב: 262-256.

1979ב טויערן און טירן. עסייען און עטיודן, ישראל בוך: תל אביב.

סוצקעווער, אברהם

1990 „באַגעגעניש‟ אין די גאָלדענע קייט 130: 213-218.

סטוטשקאָוו, נחום

1950 דער אוצר פון דער יידישער שפּראַך. אונטער דער רעדאַקציע פון מאַקס ווײַנרײַך, ייוואָ: ניו־יאָרק.

סטעקין־לאַנדאַו, מוסיע

1992 „לייענענדיק ד״ר מרדכי שעכטערס לייטיש מאַמע־לשון‟ [= רעצענזיע איבער שעכטער 1986א] אין לעבנס־פֿראַגן 477-478: 12-13.

סימכאָוויטש, ש.

1990 בלענדיקער האַרבסט. לידער, ש. סימכאָוויטש בוכפאָנד: טאָראָנטאָ.

סלוצקי, ב.

1935 „דער וועג פונעם כ׳ נ. שטיפ צו באפרײַען זיך פונ זײַנ יִדישיסטישער יערושע אונ דער זשורנאל ׳אפנ שפּראכפראָנט׳ (׳די יִדישע שפּראכ׳)‟ אין אפנ שפּראכפראָנט 2: 69-89.

ספּיוואַק, א.

1931 שפּראכ־קולטור (טעאָריע און פּראקטיק), פֿאָלקסקאָמיסאריִאט פאר בילדונג פונ או. ס. ר. ר., צענטרפארלאג אלוקראִינישע אָפּטײלונג: כאַרקאָוו, קיעוו.

1935 „וועגנ דעהעברײִזאציע אונ וועגנ דעמ העברײִשנ ׳עלעמענט׳ אינ יִדיש‟ אין אפנ שפּראכפראָנט 2: 3-22.

1939 נײַע וואָרטשאפונג, וויסנשאפט־אקאדעמיע פונ אוססר. קאבינעט פאר יִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, שפּראכ אונ פֿאָלקלאָר, מעלוכע־פארלאג פאר די נאציִאָנאלע מינדערהײַטנ אינ אוססר: קיעוו.

עלבערג, יהודה

1991 „באַצאָלט דעם חוב‟ אין די גאָלדענע קייט 132: 83-93.

עסטרײַך, גענאַדי

1988 די רויטע באַלקע [= ביבליאָטעק פון סאָוועטיש היימלאַנד (95), 11], פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל‟: מאָסקווע.

פּעלץ, רחמיאל

1990 „די פּאָליטיק פון פאָרשן די גערעדטע שפּראַך אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד‟ אין אָקספאָרדער יידיש 1: 141-158.

פּראַגער, משה

1992 „זכרונות פון ׳דאָס אידישע טאָגבלאַט׳‟ אין דאָס אידישע וואָרט 304: 67-73.

פּרילוצקי, נח

1909 „מאַטעריאַלן פאַר יידישער גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפיע‟ אין לעבן און וויסנשאַפט 1.5:

61-68 [איבערגעדרוקט פאַרקירצטערהייט: פרילוצקי 1978\1980].

1927 „די יידישע בינע שפּראַך" אין יידיש טעאַטער 2 (אַפּריל-מאַי-יוני): 129-144.

1930 „יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע" אין ייוואָ 1930א: 143-158.

1938א „זשאַרגאָניזירונג פון יידיש" אין יידיש פאַר אַלע 1: 3-8.

1938ב „געפעלטער פוריזם" אין יידיש פאַר אַלע 1: 30-31.

1938ג „צום, אַם, אום, אין" אין יידיש פאַר אַלע 1: 94-95.

1938ד „מעטאָדאָלאָגישע באַמערקונגען צום פּראָבלעם דייטשמעריש" אין יידיש פאַר אַלע 1: 201-209.

1978\1980 „מאַטעריאַלן פאַר יידישער גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפיע" [אויסצוגן פון פרילוצקי 1909, מיט הערות פון מ. שעכטער]" אין יידישע שפּראַך 37: 65-68.

פוקס, א. מ.

1961 די נאַכט און דער טאָג, דער קוואַל (י. לאָנדאָן): ניו-יאָרק.

פוקס, ל.

1957 L. Fuks, *The Oldest Known Literary Documents of Yiddish Literature (c. 1382)*, 2 vols., E. J. Brill: Leiden.

פּײַן, יאָני

1992 „דער מאָנומענט" אין די צוקונפט 97.2: 76-83.

פישמאַן, שיקל

1972 Joshua A. Fishman, *Language and Nationalism. Two Integrative Essays*, Newbury House: Rowley, Massachusetts.

1977 (ed.), *Advances in the Creation and Revision of Writing Systems*, Mouton: The Hague.

1981 *Never Say Die! A Thousand Years of Yiddish in Jewish Life and Letters*, Mouton: The Hague.

1987 *Ideology, Society and Language. The Odyssey of Nathan Birnbaum*, Karoma: Ann Arbor.

פעלזענבאַום, מיכאל

1992 עס קומט דער טאָג, ד"ר שמואל און רבקה האַראָוויץ ליטעראַטור פאָנד ביי דער יידישער קולטור געזעלשאַפט אין ירושלים: תל אביב.

פעפער, איציק

1948 אפּסנײַ, מעלוכע-פארלאג „דער עמעס": מאָסקווע.

צאַנין, מרדכי

1992 „די קאַלטע מקווה" אין די צוקונפט 97.2: 19-25, 104.

צ.ב.ק. און וויל. ביג. [= שטיף 1925 + מ. ווײַנרייך 1925]

1925 (אַרויסגעבער), די אָרגאַניזאַציע פון דער

יידישער וויסנשאַפט. נ. שטיף. וועגן אַ יידישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט. \ ווילנער טעזיסן וועגן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. \ רעזאָלוציע פון צווייטן שול צוזאַמענפאָר , ווילנע.

צוויַג, א. ר.
אָקספּאָרדער יידיש קאָן מען דערלאָזן די צעשטערטע מיטשטימונג צווישן סוביעקט און פרעדיקאַט?" אין די יִדישע שפראך 2.4/5 (12-11): 34-31.

1929 „מאטעריאלן פאר א סיסטעם יִדישע אָרטאָעפּיע" אין די יִדישע שפּראך 3.2 (15): 28-21.

ציטלין, אהרן
1938 „צווישן ווערטער" אין יידיש פאַר אַלע 1: 56-58.

צענטראַלע יידישע שול אָרגאַניזאַציע
1921 „כללים וועגן אָרטאָגראַפיע" אין שול און לעבן 1: 38.

צענטראלער פעלקער־פארלאג
1930 די נײַע יִדישע אָרטאָגראַפיע. באַשטימונג פון פאָלקאָמבילד ו.ס.ס.ר., צענטראלער פעלקער־פארלאג: מאָסקווע, כאַרקאָוו, מינסק.

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע"
1928 יידישע אָרטאָגראַפיע. פּראָיעקטן און מאַטעריאַלן צום II אַלפאַרבאַנדישן יידישן קולטור־צוזאַמענפאָר, קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע": קיעוו.

קאַזשדאַן, ח. ש. [= קאַזדאַן, ח. ש.]
1928 [רעצענזיע איבער:] איליאַ ערענבורג — דער רייסער (רוואַטש), יידיש — א. פרידקין, ווילנע, פאַרלאַג „טאָמאָר", אין ביכער וועלט 3: 47-49.

1973 „די מאַניע פון וואָרט־ און שפּראַך־מאַכערייי" [אינעם אינהאַלט ווערט דער אַרטיקל אָנגערופן: „איבערמאַכער פון דער יידישער שפּראַך"] אין אונדזער צייט 10 (אָקט. 1973): 14-17.

קאַץ, הירשע־דוד [= קאַץ, דוד]
1987א Dovid Katz, *Grammar of the Yiddish Language*, Duckworth: London.

1987ב "The Proto Dialectology of Ashkenaz", Katz 1987c: 47-60.

1987ג (ed.), *Origins of the Yiddish Language. Papers from the First Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 15-17 December 1985* [= *Winter Studies in Yiddish*, 1], Pergamon: Oxford.

1988א „אַלכּסנדר האַרקאַווי און זיין דרייִשפּראַכיקער ווערטערבוך" אין האַרקאַווי 1988: xli-xxiv.

1988ב (ed.), *Dialects of the Yiddish Language. Papers from the Second Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 14-16 December 1986* [= *Winter Studies in Yiddish*, 2], Pergamon: Oxford.

1990 „די עלטערע יידישע לעקסיקאָגראַפיע. מקורות און מעטאָדן" אין אָקספאָרדער יידיש 1: 161-232.

1991א „דער סעמיטישער חלק אין יידיש: אַ ירושה פֿון קדמונים" אין אָקספֿאָרדער יידיש 2: 17-95.

1991ב „אַ שטעקעלע אַרײַן, אַ שטעקעלע אַרויס, די דײַטשמערישע געפֿאַר איז — אויס" אין יידישע קולטור 53.5: 24-31.

1992א „זייער גערעכט, מוסיע סטעקין־לאַנדאַו! (צו די פּרינציפּן פֿון דער יידישער סטיליסטיק)" אין לעבנס־פֿראַגן 481-482: 14-15.

1992ב „דער קריזיס פֿון דער יידישער סטיליסטיק" אין יידישע קולטור 54.3: 38-44.

1993א „צום שטומען אלף אין 21סטן יאָרהונדערט" אין אונדזער צײַט 1-2 (יאַנ.-פֿעב. 1993): 35-42.

1993ב "The Phonology of Ashkenazic", L. Glinert (ed.), *Hebrew in Ashkenaz*, Oxford University Press: New York, 46-87.

1993ג "Notions of Yiddish", G. Abramson & T. Parfitt, (eds.), *The Academy*, Gordon and Breach: Reading.

אין דרוק „נײַע גילגולים פֿון אַלטע מחלוקתן: די ליטווישע נאָרמע און די סיכסוכים וואָס אַרום איר" אין ייוואָ בלעטער 2 (נײַע סעריע).

קאַץ, מעינקע

1939 ס'האָט דאָס וואָרט מײַן באָבע מאָינע: ניו־יאָרק.

1979א „אַ וואָרט וועגן אָרטאָגראַפֿיע" אין מ. קאַץ 1979ב: 7-10.

1979ב צפֿת, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ: תל אביב.

1990 „זייגערמאַכערײַ אין מיכאַלישעק" אין אָקספֿאָרדער יידיש 1: 233-245.

קאַרפּינאָוויטש, אברהם

1991 „אַ פֿאַרשניטענע טעאַטער הײם" אין אָקספֿאָרדער יידיש 2: 255-269.

קולטור ליגע (ביאַליסטאָק)

1918 כללים וועגן אויסלייג. צונויפֿגעשטעלט דורך אַ קאָמיסיע בײַ דער „ביאַליסטאָקער געזעלשאַפֿט פֿון יידישע פֿאָלקס־לערער", פֿאַרלאַג קולטור ליגע: ביאַליסטאָק.

קופּערשמיד, ש.

1928 „די נעקודעס אינעם נײַעם אויסלייג" אין די יידישע שפּראַך 2.4/5 (11-12): 35-36.

קלאָס, הײַנץ

1952 Heinz Kloss, *Die Entwicklung neuer germanischer Kultursprachen von 1800 bis 1950*, Pohl & Co: München.

1967 "'Abstand Languages' and 'Ausbau Languages'", *Anthropological Linguistics* 9.7: 29-41.

קלמנאָוויטש, ז.

1930 „צי איז מיגלעך אַ פֿאָנעטישער אויסלייג פֿאַר דער יידישער ליטעראַרישער שפּראַך?" אין ייוואָ 1930ב: 3-17.

1938 „דער שורש פון דייטשמעריש" אין יידיש פאַר אַלע 1: 209-216.

קערלער, דוב-בער

1988 Dov-Ber Kerler, *The Eighteenth Century Origins of Modern Literary Yiddish*, Oxford University DPhil thesis.

1990 „די התחלות פון דער מאָדערנער ליטעראַטור שפּראַך" אין אָקספאָרדער יידיש 1: 271-316.

1991 (ed.), *History of Yiddish Studies. Papers from the Third Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 13-15 December 1987* [= *Winter Studies in Yiddish*, 3], Harwood: Chur.

קערלער, יוסף

1992 „פון אַמאָליקע און איצטיקע העפטן" אין ירושלימער אַלמאַנאַך 22: 53-58.

ראָבאַק, א. א.

1948 „פאַרשיידענע נאָטיצן" אין יידישע שפּראַך 8: 70-72.

ראַוויטש, מלך

1939 „פּראָסטע ווערטער מיט גאָט אין ניו-יאָרק — וועגן לעבן, טויט און יידישקייט" אין זאַמל-ביכער 4: 225-231.

ראָסקעס, דוד-הירש

1974 „יידישע שרייבשפּראַכן אין 19טן יאָרהונדערט" אין יידישע שפּראַך 33: 1-11.

רובין, ישראל

1929 „עקשנים" אין ליטעראַרישע בלעטער 32 (275): 621.

רייזען, אברהם

1926 „דער אומגעזעצלעכער אַבאָנענט" אין ליטעראַרישע בלעטער 133: 772-773, 134: 793-794.

רייזען, זלמן [= רייזין, זלמן]

1920 גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך. ערשטער טייל, ש. שרעבערק: ווילנע.

1929 „ד"ר מ. ווײַנרייך אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע" אין ליטעראַרישע בלעטער 9 (252): 108.

1938א „ווען זאָל מען ניצן 'אַלס'?" אין יידיש פאַר אַלע 1: 21-22 [איבערגעדרוקט: ז. רייזען 1973].

1938ב „דער פירטראַף 'דער'" אין יידיש פאַר אַלע 1: 22-24.

1938ג „צווישן ווערטער" אין יידיש פאַר אַלע 1: 219-220.

1973 „ווען זאָל מען ניצן 'אַלס'?" אין יידישע שפּראַך 32: 47.

ריינוס, ב. [= כהן, בערל]

1968 „וועגן י. מ. ליפשיצעס רוסיש-יידישן ווערטער-בוך" אין יידישע שפּראַך 28: 21-23.

רעכטמאַן, מ.

1952 „די שניידערס אָדער די שניידער? די לערערס אָדער די לערער? (וועגן דער ענדונג ־ס אין מערצאָל ביי ווערטער וואָס האָבן דעם סופיקס ־ער)״ אין ייִדישע שפּראַך 12: 43-47.

שאַפּיראָ, ל. [= שאַפּיראָ, לאַמעד]

1919 די ייִדישע מלוכה און אַנדערע זאַכן, פאַרלאַג „ניי־צייט״.

1935 „דער אַמעריקאַנער שד״ אין סטוריאָ 3: 273-349.

1945 דער שרייבער גייט אין חדר, פאַרלאַג „אַליין״: לאָס־אַנדזשעלעס.

שומיאַטשער, אסתר

1927 „ווייען״ אין ליטעראַרישע בלעטער 9 (148): 169.

שטאָלצענבערג, אבא

1941 לידער, פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל: ניו־יאָרק.

שטיינבוים, י.

1956 „נאָכאַמאָל וועגן די תקנות פון ייִדישן אויסלייג״ אין ייִדישע שפּראַך 16: 97-107.

שטיף, נחום

1925 „וועגן אַ ייִדישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט״ אין צ.ב.ק. און וויל. ביג. 1925: 3-34.

1927א „פון״ אין די יודישע שפראך 1.1: 11-28.

1927ב „די פאסיווע זאצקאָנסטרוקציע (פון דער סעריע „די פאפירענע שפראך)״ אין די יודישע שפראך 1.2: 9-30.

1928 „צו דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון יודישנ אויסלייג״ אין די יודישע שפראך 2.1/2 (8-9): 33-60.

1929 „די סאָציאלע דיפערענציאציע אין יודיש״ אין די יודישע שפראך 3.4/5 (17-18): 1-22.

1930 יודישע סטיליסטיק. 1־טע סעריע, צענטראלער פארלאג פאר די פעלקער פון פ. ס. ר. ר.: מאָס־קווע, כאַרקאָוו, מינסק.

1932 „מײַנ ענטפער״ אין אפנ שפראכפראָנט 6.4 (31): 53-74.

שטערנבערג, יעקב

1987 וועגן ליטעראַטור און טעאַטער, ה. לייוויק פאַרלאַג: תל אביב.

שיינגאָלד, מ.

1923 „שוין געקומען דער מאמענט. צו דער רעפארמע פון דער יידישער ארטאגראפיע״ אין יידיש 1923: 45-46.

שלאָסבערג, בער

1930 „דער יידישער אויסלייג אין ראַטנפאַרבאַנד״ אין ייוואָ ב1930: 72-84.

1937 „עטיודן וועגן דער יידישער שרייבשפּראַך אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט“ אין אַ יאָר אַרבעט אין דער אַספּיראַנטור אויפן נאָמען פון ד״ר צמח שאַבאַד ביים יידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט [= אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער וויסנשאַפט, 18], ייוואָ: ווילנע, 63-68.

שלום עליכם

1888א „וועגן זשאַרגאָן אויסלעגען (אָרטהאָגראַפיע)“ אין די יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק. אַ בוך פיר ליטעראַטור, קריטיק אונ וויססענשאַפט. הערויסגעגעבען פון שלום־עליכם. ערשטעס בוך, דרוק פון יעקב שעפטיל, באַרדיטשעוו: קיעוו, 474-476.

1888ב שמר׳ס משפט, אָדער דער סוד פריסיאַזשניך אויף אַללע ראָמאַנען פון ש׳מ׳ר. סטענאָגראַפירט וואָרט־אַם־וואָרט דורך שלום עליכם, דרוק פון יעקב שעפטיל: ברדיטשוב [אָריגינאַל — מיט פולן ניקוד].

שניאור, זלמן

1948 אַ טאָג עולם־הזה, יובל פאַרלאַג: ניו־יאָרק.

1957 דער ממזר, דער קוואַל (י. לאָנדאָן): ניו־יאָרק.

שנײַדער, דוד

1988 David Schneider, "Is there a 'Mystical Dialect' in Modern Yiddish Drama?", Katz 1988b: 105-119.

שעכטמאַן, עלי

1992 „די פרילינג סאָנאַטע“ אין די גאָלדענע קייט 133: 7-32 [טייל].

שעכטער, מרדכי

1959 „נחת פון יידיש“ אין די גאָלדענע קייט 33: 102-108.

1964 „מ. ווײַנרײַכס צושטייער צום אויסוואַקס פון יידיש“ אין די גאָלדענע קייט 50: 157-171.

1966 „נעמען פון ביימער און קשאַקעס“ אין יידישע שפּראַך 26: 65-80 [טייל].

1969א „צום יידיש פון מאָרגן“ אין די גאָלדענע קייט 66: 234-248.

1969ב Mordkhe Schaechter, "The 'Hidden Standard' A Study of Competing Influences in Standardization", M. I. Herzog, W. Ravid, U. Weinreich (eds.), *The Field of Yiddish. Studies in Language, Folklore, and Literature. Third Collection*, Mouton: The Hague.

1972 קורס פון יידישער אָרטאָגראַפיע. אַ קאָנספּעקט. צווייטער אַרויסקום, קאָמיסיע דורכצופירן דעם איינהייטלעכן יידישן אויסלייג: ניו־יאָרק.

1976 „אונדזער תשובה“ אין אויפן שוועל 225: 10-11.

1980 „דעם ייוואָס יידיש־אויפטו. ראשי־פרקים־דיקע אָבזערוואַציעס און סך־הכלען צון אַ יובל דאַטע“ אין ייוואָ בלעטער 46: 192-228.

1986-1984 „ליפשיץ, האַרקאַווי און 'האַרקאַווי-ליפשיץ'" אין יידישע שפּראַך 38: 24-46.

1985 „לייטיש מאַמע-לשון" אין אויפן שוועל 257: 13-14.

1986א לייטיש מאַמע-לשון. אָבזערוואַציעס און רעקאָמענדאַציעס. מיט אַ וואָרט פריער פון ד"ר שיקל פישמאַן, יידיש ליגע: ניו-יאָרק.

1986ב יידיש צוויי. אַ לערנביכל פאַר מיטנדיקע קורסן, אינסטיטוט צו פאָרשן מענטשפראָבלעמען: פילאַדעלפיע.

1991 „ר' לייזערל דער קליינער" אין אויפן שוועל 281: 1-2.

1992-1991 „לייטיש מאַמע-לשון. פאַרדראָסיק. אָדער וואָס איז פריער — דער צוואָנציקסטער יאָרהונדערט צי דער אַכצעטער?" אין אויפן שוועל 284-285: 36-41.

שפּילריין, איטשע מייער

1926 אידיש. אַ קאָנספּעקט פון אַ קורס אין דעם 2-טן מאָסקווער מעלוכישן אוניווערסיטעט, פאַרלאַג „שול און בוך": מאָסקווע.

זוכצעטל

פון געקליבענע
מחברים, ענינים, ווערטער, ווערק

אַגורסקי, ש. 32, 295
אַדווערבן 101, 112, 146—148
אַהין־קריק־פּאָר 232
אהרן בן שמואל 108, 295
אוטראַקוויזם 61—64
אויבנאויפיק ~ אויבערפלעכ־
לעך 221—222
אויגן עפּנר (1664) 115
אויגנבליק 188, 200, 217
אויסבויאיסטישע שיטה
37—41, 165, 184—185,
205—218, 263, 292; ~
פּוריזם 213—217, 227, 235,
275—278; ← פּוריזם;
סטרוקטוראַליסטישע שיטה;
דעסקריפּטיוויזם; געשיכטע
~ לאָגיק
אויסדרוק 215
אויסלייג 41, 44, 71—158,
284—286; אַלט־יידישער
72—80, 113—115; אין
עברי־טייטש פון 19טן י.ה.
78—80; דייטשמערישער
78—83, 88—89, 117,
141—142, 145;
רעפאָרמאַטאָרישע
פּראָיעקטן 81—102; „די
נייע אָרטאָגראַפיע״ 86—92;
סאָוועטישער אויסלייג
93—96, 103—108, 122,
138—139, 285; ייוואָ
אויסלייג 41, 44, 97—116,
123—125, 127, 138,
141—142, 145; ביי פרומע
יידן 116—120, 122—123;
די כלל־תקנות 131—158,
286; סעמיטיזמען 93—94,
99—100, 103—104,
156—158; סיסטעם ~
אונטערסיסטעם 121—128;
אידעאָלאָגישער סימבאָליזם
96, 97—105, 125, 133;
נייטיקייט אין טאָלעראַנץ
127—128, 286

אויסלייג תקנות פון יידיש
(1935) 99—101; ←
אויסלייג (ייוואָ אויסלייג)
אויסנאַם 188, 212, 217
אויסשפּראַך ← אַרויסרייד
אויסשפּראַך 188, 217
אויף 50—51
אויפ־ 51
אויפבלי 229
אויפן שוועל (זשורנאַל) 36, 185, 215, 235
אויפריכטיק 186, 188, 217, 226
אומבאַדינגט 188
אומגעפער 188
אומענדלעך 188, 195, 197; ~ אָן אַ סוף, אָן אַן עק, ענדלאָז, אין־סופיק 226
אומפאַרשטענדלעך 188, 197, 199; ~ ניט צום פאַרשטיין 223
אומקום 229
אונזער צייט (זשורנאַל) 119
אונטערבאַוואוסטזיניק, אָן באַוואוסטזיין 188, 196, 202; ~ אונטערוויסיק 231
אוקראַינישער דיאַלעקט ← דרומדיקע דיאַלעקטן
אוראַלט 188, 197; ~ קדמוניש 225
אַזייגער ~ אַ זייגער 147
אָזשערנע 251
אחריות, די ~ דאָס 255, 256
איבעראַיאָר ~ איבער אַ יאָר 146
איבעריקער פּראָנאָם 269
איד, דער (צייטונג) 119
אידישע וואָרט, דאָס (זשורנאַל) 118, 175—176
איינגאַרטיק(ייט) 188, 199, 215
אייזנמאַן, צבי 199, 295
איינדרוק 188, 200
איינזאַם 188, 194, 198, 199; ~ עלנט 224
איינשטימונג אין דער צאָל 264
אים 51
אינהאַלט ~ תוכן 225
אַכלל ~ אַ כלל 147
אַלגעמיינער זשורנאַל, דער (צייטונג) 119
אַלט (און מיטל) יידיש 73—78, 114—115
אַליין־אויסקום 232
אַלמי, א. 203, 296
אַלע ~ אילע 214, 276
אלקלעי, ראובן 230—231, 296
אָלרייט 240, 241

אָלרייטניק 240
אַנגליציזמען 231—239, 240—243, 268—269, 292; ← נעמען
אַנונג 189, 195
אַנטשולדיקן זיך 189
אָנקום 229
אָנשטאָט ~ שטאָטס 277
אָפּאַטאָשו, י. 193, 296
אַפּאָסטראָפן ← גראַמאַטישע אַפּאָסטראָפן
אָפּטימיסטיש גרינשווערדל 235
אַפּנים ~ אַ פּנים 147
אָפּרוף 229
אָפּשטאַם ~ מקור ~ אורשפּרונג 222
אפּן שפּראַכפראָנט (זשורנאַל) 33—35, 265—267
אַקיצור ~ אַ קיצור 147
אַקסל־זעניט־ראַקעטן 235
אָקספאָרדער יידיש (סעריע זאַמלביכער) 136—137
אַראַמיש 56, 72
אָרדינאַלע נומערן 151
אַרויסגעבן ~ פאַרעפנטלעכן 222
אָרטאָגראַפיע ← אויסלייג
אַרויסרייד 47—68, 284—286
ליטעראַרישער אַרויסרייד 47—61; דרומיסטישע שיטה 61—64; טעאַטער דיאַלעקט 62—63; „אָרטאָגראַפישע אַרויסריידן" 50—51
אַרויף־ 51
אַריינפּאַסטו 232
אַרכעאיזמען 41, 168, 171, 191, 205
אַשטייגער ~ אַ שטייגער 147
אַשעראַוויטש, א. 32, 295
באַאיינפלוסן ~ משפיע זיין 225
באַוואונדערונג 215
באַזיגן ~ מנצח זיין 225
באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע 235
באַטייען 229
באָראָכאָוו, בער 27—29, 42, 57, 81, 87—90, 150, 173—174, 211, 257, 296
באַריישאָ, מנחם 193, 297
באַשעוויס, יצחק 176—177, 193, 223, 225, 297
בבא מעשה (1796) 115
בוך ~ ביכל 214, 276, 279—280
בוקסטאָרף, יאָהאַן 173, 297
ביי 51
בייגונג 258—260
ביישפּיל 187, 213, 217; ~ דוגמא 225

בינד־שטריכל ← צונויפהעפטן
בינע שפּראַך ← אַרויסרייד (טעאַטער דיאַלעקט)
בירנבוים, שלמה 30, 40, 61, 64, 72, 118—120, 177—178, 181—182, 251, 297—298
בירשטיין, יאָסל 199, 298
בית ישראל (1719) 77
בכלל ~ בבלל 40, 276
בלאַנק, יאַנקל 48
בלאָף 240
בלוי 215
בערגעלסאָן, דוד 193—194, 298
בערגער, לילי 199, 298
ברונעם ~ ברונע, ברינע 214—216, 276
ברנט שפּיגל (1602) 114
גאָלאָמב, אברהם, 278—279, 298
גאָלד, דוד־לייזער 125, 298—299
גאָלדבערג, דוד 68, 299
גאָלדסטיק, א. 181, 299
גאַנצדיליקער טעפּעך 232
גוטקאָוויטש, יאַנקל 233, 299
גיטליץ, מ. 32, 299
גינינגער, חיים 61, 63, 299
גיפט 189, 217, 226; ~ סם
224
גלאַטשטיין, יעקב 42—43, 93, 194, 299—300
געבוירן ~ געבאָרן 272
געבראַכט ~ געברענגט 272
געהאַלט 189, 217
געלונגען 189, 198; ~ געראָטן 222
געלענבערג, מ. 126, 300
געפּאַר 189, 194; ~ סכנה 223
גערמאַנישער קאָמפּאָנענט 162
געשיכטע ~ לאָגיק, ניצלעכקייט, פּרעפערענצן 56, 167—168, 171, 218, 220, 251—252, 279
געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך (1973) 227, 305
געשריען ~ געשריגן 272
גראַדע, חיים 194, 223, 300
גראַמאַטיק ~ סטיליסטיק 33
גראַמאַטישע אַפּאָסטראָפן 155—156
גראַמאַטישער מין 255—257; ביים פּראָנאָם 257
גרויי 215
גרויזאַם 189, 194, 201, 213, 226
גרויסער ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך 138

גריכיש ~ גרעקיש 276
גרינדן, גרינדער 189, 193, 215
גרינשפּאַן, י. 194, 300
דאָגמאַטיזם ← פּלוראַליסטישער צוגאַנג
דאַנקבאַר 186, 189
דגש און רפה 132—139
דורכזיכטיק 189, 196, 217; ~ דורכזעעוודיק 222
דיאַלעקט ~ כלל־שפּראַך: שבעל־פּה 47—68, 284; שבכתב 271—281, 287—288
דיאַלעקטיזמען 41, 165, 168, 214—216, 255—256, 263, 271—281
דיאַלעקטישע באַאַרבונג פון דער כלל־שפּראַך 273—281
דיאַלעקטישער פּאַטריאָטיזם 57—64
„דייטשמעריזמען״ 9, 40—41, 113, 116, 166—228, 230—231; ← „דייטשמעריש״; ניי־דייטשישער קאָמפּאָנענט
„דייטשמעריש״ 166—185; ← אויסלייג (דייטשמערישער); „דייטשמעריזמען״; ניי־דייטשישער קאָמפּאָנענט
דילאָן, אברהם־משה 194—195, 300
דימינוטיוון 245, 249, 256
דעסקריפּטיוויזם 21—22, 41—44, 56, 210; ← סטרוקטוראַליסטישע שיטה; געשיכטע ~ לאָגיק; אויסבויאיסטישע שיטה; פּוריזם
דעקלינאַציע ← בייגונג
דערלויבעניש 214
דערפּאָלג 189, 202, 212
דערפּאַרונג 189, 200, 201, 202; ~ געפּרואוו 230
דרום־מזרח יידיש ← דרומדיקע דיאַלעקטן
דרומדיקע דיאַלעקטן 51, 61—68, 113, 153, 165, 228, 272—277; ← דיאַלעקט ~ כלל־שפּראַך
דרומיסטישער צוגאַנג צו דער כלל־שפּראַך: שבעל־פּה 61—64; שבכתב 275—277
דרוקפעלער 189, 226; ~ טעות הדפוס 225
דרשה־געשאַנק 229
האַלדזונג 229
האַלפּערן, משה־לייב 195, 301
האַלפּערן, פּ. 274—275, 301
האַנאָווער, נתן־נטע 108

האַנטשריפֿט 189, 199, 213,
217; ~ כתב 225
האַרקאַווי, אַלכּסנדר 30, 101,
111, 168, 209—210,
250—251, 301
־הײַט ~ ־ערהײַט 149
הײלע, שמואל 10, 120, 301
הײמלאָז 189, 202; ~
אָנהײמיק 231
הירשבײן, פּרץ 195, 302
העברעאיזם (אידעאָלאָגישער)
246—247
העברעאיש 40, 56, 71—72,
162, 163
וואַגענזײל, יאָהאַן קריסטאָף
173, 302
וואו 74, 75, 95
וואוינען 74
וואונדער 74
וואונטש 189, 217
וואורשטבוים 235
וואָכעדיק ~ וועכנטלעך 221
וואָלאָדאַרסקי, כ. 59, 302
וואָלפֿע, דוד 45, 302
וואָרזאָגער, שלמה 199, 302
ווו ~ ווו 106—107
ווי ~ אַלס 222
וויזעל, אליעזר 199, 302
ווײַבלדיקע סאָסגע 235
ווײַנגער, מרדכי 81, 84—85,
96, 121, 302
ווײַנרײַך, אוריאל 36, 49, 50,
63—64, 68, 88, 124, 156,
185—188, 212—213,
230—235, 255, 259,
268—269, 303
ווײַנרײַך, מאַקס 27, 30, 40,
58, 91, 98, 109—111,
133—134, 168, 177—180,
182—183, 203, 208,
211—213, 227, 241—242,
266, 303—305
ווילנע 57—58
זאַמענהאָף, לודוויג 57—58,
85—86, 151, 171,
305—306
זאַרעצקי, א. 32, 33, 59—60,
94, 96, 104—106, 108,
110, 267, 306—307
זוכצעטל 229
זי ~ איר 274
זײַנען ~ זענען 272—273
זיך ~ מיך, דיך וכו׳ 274
זילב ~ טראַף 225
זעלבסטמאָרד 190, 193; ~
אַלײנמאָרד 41
זעלבשטענדיקייט 215
זע־מחיצה 74—75, 94—96,
106—112, 139—140
חיריק, רײדן אויפֿן 62

חסידים 60, 64—65,
116—120, 122—123, 133,
248
חסר און מלא 156—157
חסרונות ~ חסרונים 40, 263
חרם, יידישע ווערטער אין 9,
185—191; ←
„דײַטשמעריזמען"
חרק, מאיר 199—200, 307
טאַטע־מאַמע לשון 62
טאָפּאָנימען ← נעמען
(געאָגראַפֿישע)
טײַכמאַן, מ. 101—102, 307
טים, עריקאַ 73, 308
טעלעסין, זיאַמע 200, 308
טעמפּ־אײַנשטעלער 232
טעפּער, יוסף 183, 308
טרינקרער 232
טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ
61
יאַטיזאַציע 50
יאָכנאָוויץ, גרשון 60, 308
יאָפֿע, יודאַ א. 81, 86, 101,
103, 112, 138, 308—309
יוגנט 214
יודישע פֿאָלקסביבליאָטהעק
(1888) 81—83, 330
יוניץ, וואָלף 9
יידיש, סטיליסטישער מעמד
30—31, 283, 292; בײַ
חסידים 64—65, 116—120,
133, 248; אין ארץ ישראל
246
יידיש ~ יודיש 139—140; ~
אידיש 123
יידיש ~ יידישע(ר) 259—260
יידישע שרײַבער ~
יידיש־שרײַבערס 260
יידיש פֿאַר אַלע (זשורנאַל)
175, 208
יידישע פֿאָלק, דאָס (צײַטונג)
152—153
יידישע קולטור (זשורנאַל) 45
יידישע שפּראַך (זשורנאַל) 36,
111, 185, 208, 240—241
יידישע שפּראַך, די (זשורנאַל)
96, 265—267
ייוואָ 35, 97—108, 111, 208,
210; ← אויסלײג (ייוואָ
אויסלײג)
ייוואָ 258
ים המלח העליאָטראָפּ 235
ים המלח רימעניק 235
כהן, י. ל. 101
כלל־שפּראַך 19—21,
280—281; ~ דיאַלעקט:
שבעל־פּה 47—68; שבכתב
271—281
כלל־תקנות פֿון יידישן
אויסלייג (1992) 131—132,

286, 311
כתבי קדש מן עשרים וארבעה (ווילנע 1843 ~ 1883) 79
ביי 51
לאַגע 190, 193, 217; ~ מצב 225
לאַבעדיק ~ לעבערלעך 221
לאַנדשפּראַכן, השפעות פון די 239—243
לודען, יצחק 10—11, 18, 262, 311
ליבליכה תפילה (1709) 108
ליובאַוויטש 60, 65, 118, 119
ליטווין, א. 85, 151, 171, ← לעבען און וויסענשאַפט
ליטווין, מ. 222, 312
ליטווישער דיאַלעקט ← צפונדיקער דיאַלעקט
ליטעראַרישע שפּראַך ← כלל־שפּראַך
ליטעראַרישע בלעטער (זשורנאַל) 91, 101—102
לייוויק, ה. 195, 312
לינגוויסטן (זייער ראָלע אין דער סטיליסטיק) 17—21, 27—42; ← שרייבער
לינעצקי, י. י. 80
ליטע 55, 58, 60; ← צפונדיקער דיאַלעקט
ליטעראַטור קריטיקער ~ ליטעראַטור־קריטיקער ~ ליטעראַטורקריטיקער 141, 145
לייענער ~ לייענערס 261—262
ליס, אברהם 10, 82
ליסקי, י. א. 9, 152—153
ליפשיץ, י. מ. 30, 81, 84, 121, 217, 238—239, 312
לעבנס־פּראַגן (זשורנאַל) 10, 45
לעבען און וויסענשאַפט (זשורנאַל) 85—86, 109, 171
לעהרער, לייבוש 236, 313
לעילא־ולעילאדיקער וועלוועלער איבערצוניפּשטויסער 235
לעיעלעס־גלאַנץ, אהרן 42—43, 93, 195, 300, 313
לעמבערג ~ לעמבעריק 252
לעמבעריקער, א. 235—236, 313
לעמפּעל, בלומע 200, 313
לעפין, מענדל 80
מ' ~ מען ~ מע 149—151
מאָדערן ענגליש־יידיש יידיש־ענגליש ווערטערבוך (1968) ← ווײַנרײַך, אוריאל
מאַלאַדאָווסקי, קאַדיע 196,

313
מאַן 190, 195, 196, 198; ~ מאַנסביל ~ מענטש 222—223
מאַני לייב 196, 312
מאָסקווע ~ מאָסקעווע 252
מאַרק, יודל 30, 50, 99, 101, 102—103, 109—111, 112, 124, 138, 218, 219, 229, 235, 237—238, 255, 259, 278, 309, 313—315
מאַרק, מענדל 124, 315
מאַרקיש, פּרץ 196, 315
מאַש, יענטע 200, 315
מדבר 157, 258
מוסטער 214; ~ פּרואוול 41
מורמלען ~ מימלען 276
מחיצה־אלף 74—75, 94—95, 105—112, 127, 139—140
מחזור לשמיני עצרת ושמחת תורה (1804) 80
מיזעס, מתתיהו 28, 61—62, 99, 316
מייזיל, נחמן 98, 99, 315—316
מילנער, ט. מ. 86, 316
מין ← גראַמאַטישער מין
מינקאָוו, נ. ב. 42—43, 93, 300
מלא ← חסר און מלא
מנחם־מענדלדיק 229
מעזריטש 48
מענדעלע מוכר ספרים 26—27, 80, 240—241
מערב יידיש 55, 73—78, 80, 108, 113—115, 172—173
מערהייט 190, 200; ~ רוב 225
מעשה בוך (1602) 114
מקורות ~ מקורים 263—264
מקף ← צונויפהעפטן
מראה הכתב (1717±) 75
נאָבל, שלמה 9
נאַדעל, בנימין 316
נאַריך, שמואל 111
נאָרמאַטיוויזם 21—22, 31—41, 98, 182—183, 288; ← אויסבויאיזם, פּוריזם
נודעלמאַן, מ. 243—244, 316
ניגער, ש. 87, 101, 172, 240, 257, 279, 316—317
נידערטרעכטיקער יונג 9, 226
ניואַנסן 220—226
ניי־דייטשישער קאָמפּאָנענט 162—163, 170—185, 219—228; ← „דייטשמעריזמען“, „דייטשמעריש“
נייטראַל ~ מאַרקירט 164, 225
ניקוד 71—72

נסתר, דער 196, 317
נעאָלאָגיזמען ← פֿאַרשלאָגן אויף נייע ווערטער
נעוויים ~ נעוווּים 107—108
נעביי 51
נעמען 243—252; פּרט־נעמען 243—251; פֿאַמיליע נעמען 246; געאָגראַפֿישע נעמען 251—252
„סאַבעסדיקער לאָשן" 50
סאָוועטישער יידיש 14, 31—35, 58—60, 93—96, 104—111, 265—267
סאַטאַנאָוווער ← לעפֿין, מענדל
סאַנדלער, באָריס 200, 317
סאָציאָלאָגיע פֿון יידיש 19—21, 30—44, 47—49, 56—68, 80, 93—128, 163—218, 231—239, 244—251, 264—267
סאָצפֿאַרזיכער 232
סדן, דב 192, 317
סדר תחינות ובקשות פֿיר פֿראָממע יידישע פֿרויען (1869) 80
סובסטאַנטיוון ← גראַמאַטישער מין; צונויפֿהעפֿטן
סווינציאַן 245
סוצקעווער, אברהם 200—201, 318
סטאַנדאַרדע שפּראַך ← כלל־שפּראַך
סטוטשקאָוו, נחום 211—213, 318
סטיליסטיק 17—22; יידישע סטיליסטיק 25—45
סטעקין־לאַנדאַו, מוסיע 45, 208, 318
סטרוקטוראַליסטישע שיטה 41—44, 278—281, 283—284, 286; ← דעסקריפּטיוויזם; געשיכטע ~ לאָגיק; אויסבויאיסטישע שיטה
סימכאָוויטש, ש. 201, 318
סינכראָניע ~ דיאַכראָניע 163—164, 171, 210
סיסטעם ~ אונטערסיסטעם 121—128
סך־צייליק 232
סלאַווישער קאָמפּאָנענט 163, 227—228
סלוצקי, ב. 59, 267, 318
סעמאַנטיק 220—226
סעמיטישע אַלפֿאַבעטן 71—73
סעמיטישער קאָמפּאָנענט אין יידיש 162, 227—228, 266; ← אויסלייג (סעמיטיזמען)
ספּיוואַק, א. 33, 266, 318—319

ספּעציאַליזירטע דיפֿטאָנגען 152—153, 249—250
ספּעציפֿישקייט פֿון יידיש 232—237
ספר מידות (1542) 77
ספרי ארבעה ועשרים (1820) 77
עגיפּטן ~ מצרים 223
עלבערג, יהודה 77, 201, 319
עלף ~ עלעף 276
ענגליש ← אַנגליציזמען; „קאָנפֿראָנטירונג" מיט ענגליש
ענדגילטיק ~ לעצטגילטיק 222
ענלעך 187
עם 257
עסטרייך, גענאַדי 10, 14, 201, 319
עקלען 190, 195, 226
פּאַסיווע קאָנסטרוקציע 264—267
פּאָעזיע ← פּאָעטיק
פּאָעטיק 12, 42—43, 68, 93, 143, 229
פּאָעטן ← פּאָעטיק; שרייבער
פּוילישער דיאַלעקט ← דרומדיקע דיאַלעקטן
פּוריזם 37—41, 67—68, 116, 179, 191—193, 204, 205—218, 239—243; ~ אויסבויאיזם 213—217, 227, 235
פּלוראַליסטישער צוגאַנג 44—45, 127—128, 131—132, 206—207, 212
פּלוראַל ← רבים
פּעדלער 240
פּעלין, רחמיאל 17, 319
פּערזענלעכע אַטאַקעס 45, 206—207
פּראַגער, משה 175—176, 319
פּראַגראַמפּונקט 269
פּראַקטישער פֿאָלקס קאַלענדאַר (1876) 80
פּרט־נעמען ← נעמען
פּרט־פֿאַרשונג 229
פּרילוצקי, נח 28—30, 33, 62, 81, 86, 172, 175, 180—181, 208—209, 211, 319—320
פּרינציפּן 283—289
פּרעסע שפּראַך 171, 175—177, 191, 205, 210
פּתח־אַלף 73, 81, 104, 157—158
פּתח צוויי יודן 73, 148—149, 152—153
פֿאָלקסטימלעך 190, 226
פֿאַמיליע נעמען ← נעמען

פּאַנעטיזירונג פון סעמיטיזמען 93—94, 99
פּאַנעטיק 49—52, 62, 151, 228
פּאַראויסזאָגונגען 14, 65, 122—123, 257, 291—292
פּאַראַיאָרן ~ פּאַר אַ יאָרן 112
פּאַראַנטוואָרטלעך(קייט) 190, 197, 215; ~ אחריות 225
פּאַרגאַנגענהייט 190, 193; ~ עבר 225
פּאַרגעבן ~ מוחל זײַן 222
פּאַרדריסלעך 215; ~ פּאַרדראָסיק 224
פּאַרוואָס ~ פּאַר וואָס 148
פּאָרזיכטיק 215, 217; ~ אָפּגעהיט 222
פּאַרמעסט 229
פּאַרנאַכלעסיקן 190; ~ נאָכלאָזן 221
פּאַרנעם 229
פּאָרשלאַגן אויף נײַע ווערטער 41, 229—239, 287; ~ נעאָלאָגיזמען 229—230
פוקס, אברהם־משה 196, 320
פוקס, לייב 75, 320
פיין, יאָני 201, 321
פיינט האָבן ~ האַסן 224—225
פינפטער ~ פיפטער 41, 276
פישמאַן, שיקל 218, 299, 321
פלעדערמויז־בוים 235
פעאיק 74
פעלזענבאַום, מיכאל 202, 321
פעפער, איציק 197, 321
פערטער ~ פערדער 41
פראַגן ~ פראַגעס 262—263
פרומע יידן ← חסידים
פרייהייט־אָפּגעס 233
פריער ~ פריִער 139—140
צאינה וראינה (1622) 77
צאַנין, מרדכי 202, 321
צוויג, א. ר. 58, 264, 322
צווייפלען ~ מסופק זײַן 203
צוועלף ~ צוועלעף 277
צוכט שפיגל (1678) 115
צונויפהעפטן 112—116, 125, 127, 140—145, 268—269
צוקונפט, די (זשורנאַל) 119
צוקונפט 190, 231
צוקערמאַן, רחמיאל 233, 299
צייטלין, אהרן 204, 322
צניפיש־אַלצווייסעריש 233
צענטראַל־מזרח יידיש ← דרומדיקע דיאַלעקטן
צפון־מזרח יידיש ← צפונדיקער דיאַלעקט
צפונדיקער דיאַלעקט 50, 52—61, 67—68, 165, 272—275; ← דיאַלעקט ~ כלל־שפראַך

צפוניסטישער צוגאַנג צו דער כלל־שפראַך: שבעל־פה 48, 55, 60; שבכתב 274
קאָוול, קלמן 9, 10
קאָזלאָווסקי, א. 9
קאַז(ש)דאַן, ח. ש. 9, 210, 216, 274, 323
קאַלקעס 231—233, 239—243, 268—269
קאָמפּאָנענטן פון יידיש: היסטאָרישע 161—163, 205, 286; סטיליסטישע 163—166; אינטעגרירונג פון די קאָמפּאָנענטן 219—228
„קאָנפראָנטירונג" מיט ענגליש 231—239, 268—269
קאַרפינאָוויטש, אברהם 202, 325
קאַץ, מעינקע 11—12, 106, 126, 153, 195, 238, 324—325
קב הישר (1777) 54
קוים 51
קונץ ~ קונסט 174, 221
קופערשמיד, ש. 108, 325
קיימברידזשער קאָדעקס (1382) 75
קיין 51
קינדהייט 190, 199, 213, 217
קיצורים 154—155
קלאָג ~ קלאַגע 221
קלאָס, היינץ 37—38, 325
קלייולדיקייט 229
קליינע מענטשעלע, דאָס (1864) 80
קלמנאָוויטש, זעליג 110, 172, 203, 325—326
קמץ־אלף 61, 73, 81, 104, 157—158
קערלער, דוב־בער 9—10, 49, 54, 172, 326
קערלער, יוסף 137, 202, 326
קריטיקער ~ קריטיקערס 261—262
ראַוויטש, מלך 197, 326
ראָסקעס, דוד־הירש 172, 326
ראַקעטיקע גראַנאַטן 235
ראשי תיבות 154—155
רבים 261—264
רובין, ישראל 91, 327
רוזן גאָרטן (1568) 114
רונד 191, 194, 198, 212, 217, 226; ~ קײַלעכדיק 225
רוסיציזמען 14, 240, 264—267, 292
רוסיש ← רוסיציזמען
ריזעדיקער פּאַרטיקלען־פּאַרגיבערער 235

ריטמיק 227—228
רייזע 191, 212, 218; ~ נסיעה 194, 225
רייזען, אברהם 197, 327
רייזען, זלמן 30, 81, 89, 90—92, 96, 124, 211, 327
רייף, רייפקייט 191, 194, 197, 202; ~ צייטיק 225
רעדן ~ ריידן 272
רעכטמאַן, מ. 262, 328
רעלאַטיוויקייט 165—166
רפה ← דגש און רפה
שאַפּיראָ, ל. 149—150, 197, 204, 242—243, 280—281, 328
שולמאַן, אברהם 216—217
שומיאַטשער, אסתר 197—198, 328
שטאָלצענבערג, אבא 198, 328
שטאַנדפּונקט 186, 191
שטומער אלף 74—75, 94—95, 105—112, 127, 139—140
שטיינבוים, י. 112, 328
שטיף, נחום 30, 32—33, 73, 97—98, 265—267, 328—329
שטערנבערג, יעקב 13—14, 329
שיינגאָלד, מ. 95, 329
שילדערן 191, 195, 217; ~ אָפּמשלען 41
שין ~ שׂין 127, 134
שיצבלעך 233
שלאָסבערג, בער 172, 183—184, 329—330
שלאָפלאָזיקייט 191; ~ אומשלאָף 231
שלום עליכם 81—83, 171, 235, 330
שמר 171, 330
שניאור, זלמן 198, 224, 330
שניידער, דוד 166, 330
שעכטמאַן, עלי 203, 331
שעכטער, מ. 36—41, 45, 184, 187, 206—209, 213—216, 224, 229, 235, 249, 251, 275—277, 331—332
שפּילריין, איטשע מייער 61, 66, 81, 332
שפּירונג 236
שפּראַך פּאָליטיק 93—112; ← שפּראַך פּלאַנירונג
שפּראַך פּלאַנירונג 19—22, 25—45, 76—116; אין ראַטנפאַרבאַנד 31—35, 58—60, 93—96, 104—111; אין פּוילן 97—111; אין ניו־יאָרק 36—41, 93

שרייבער 13—14, 25—27, 41—43, 150, 191—204, 238, 242—243, 259, 280—281, 288, 291—293
שפה ברורה (1660) 108
תהילים בוך (1586) 114
תּורה ליד (1605-1615) 115
תחינות מקרא קודש 54
תל־כח 233
תקנות פון יידישן אויסלייג (1937) 101 ← אויסלייג (ייוואָ אויסלייג)

❖ ❖ ❖